STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02636

LAKHT OYB IR VILT!

Kaiti Braun

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאַכט אויב איר ווילט!

הומאריסטישע
סקיצן

קיטי בראַון

צו מיינע ליבע לייענער
איך קום צו אייך מיט מיין „ערשטלינג"
„לאַכט אויב איר ווילט"
און זאָל עס מיר און אייך און כלל ישראל
זיין מיט מזל, ברכה און הצלחה און
למעשים טובים אמן.
מחבר.

איך ווידמע מיין בוך מיין ליבן מאַן
שלמה'ן ז"ל צו געדענקען.

אַ וואָרט אויף צו פריער!...

געוועגלעך פּירט זיך ביי אונז פּאַכלייט, אַז אַ שרייבער גיט אַרויס אַ ווערק, דאַרף ער צום אַלעם ערשטן, אָנשרייבן אַ „וואָרט אויף צו פּריער". און אין דעם „וואָרט" שטעלט זיך דער מחבר פּאָר פּאַר דעם לעזער, דערציילט ווער ער איז, פּון וואַנען ער קומט, ווי אַזוי, און מחמת וואָס, ער האָט זיך גענומען צום שרייבן, ווי אַזוי ער איז באַרימט געוואָרן . . . און פּון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען די אינספּיראַציע צו שאַפּן דאָס ווערק, מיט וועלכן ער איז איצט מהנה די וועלט, און זיינע צאָלרייכע לעזער . . . (און דאָס איז נישט דערפּאַר ווייל די לעזער ווילן דאָס דווקא וויסן . . . נאָר ווייל דער שרייבער וויל עס זאָגן . . .), און ווי געוועגלעך אין אַזאַ פּאַל, צושפּילט זיך ביי אים די פּאַנטאַזיע, און ער לאָזט זיך פּון איר אַוועקשלעפּן אויף די העכסטע הויכן, כמעט ביז אין סאַמע הימל אַריין . . . ערשט אין דעם „וואָרט אויף צו שפּעטער" קומט ער צוריק צו זיך, און ווערט אַ געוועגלעכער בשר ודם גלייך מיט אַלע ערדישע מענטשן . . .

צום באַדויערן אָבער, בין איך ניט פּון די פּאַנטאַזיאָרן און לאָז זיך ביי קיין אופן ניט פּאַרשלעפּן . . .

פּאָרשטעלן פּאַר אייך דאַרף איך זיך ניט, ווייל איר קענט מיך אַלע, און אויב עס זענען פּאַראַן אַזעלכע צווישן אייך, וועלכע קענען מיך ניט פּערזענ־לעך, קענען זיי מיך פּון מיינע פּעליעטאָנען, פּון מיינע טיפּן, וועלכע איך שטעל פּאָר, און לעב זיי איבער צוזאַמען מיט אייך, ווייל אויך איך, בין פּון אייער משפּחה, און פּיל מיט אייך אייערע ליידן און פּריידן.

איז ווי איר זעט, האָב איך גאָר נישט וואָס צו זאָגן אין מיין וואָרט אויף צו פּריער . . . אָבער אין גאַנצן שווייגן ווילט זיך דאָך אויך נישט, ביי אַזאַ גינסטיקער געלעגנהייט, און מיין דרוקער קען שוין לענגער ניט וואַרטן, מחמת אָן מיין וואָרט אויף צו פּריער, און אָן געלט קען ער ניט אָנפּאַנגען דרוקן דעם בוך.

האָב איך איינגעזעען אַז ער האָט רעכט, און מען דאַרף זיך מיט אים אויך רעכענען, ווייל טראָץ דעם וואָס ער איז אַ דרוקער איז ער אויך אַ מענטש, און אַ גוטער מענטש דערצו . . . האָב איך באַשלאָסן אים לענגער נישט אויפּ־צוהאַלטן, און וועגן דעם וואָרט אויף צו פּריער, האָב איך איינגעלאַדענט מיינע פּריינט די שרייבער צו אַ גלעזל טיי, זיך מיט זיי אַדורכצושמועסן, און די פּראַגע פּון געלט האָב איך איבערגעלאָזט צו מיין קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געשאַפּן אַרויסצוגעבן מיין בוך . . . אַלע מיינע חברים זענען געקומען צו דער

באַשטימטער צייט, און מען האָט זיך פֿאַרנומען מיט דער וויכטיקער פֿראַגע אין שייכות מיט מיין בוך.

דאָס ערשטע וואָרט האָט באַקומען מיין פֿריינט און רעדאַקטאָר הערדי מייער. זיין מיינונג און עצה איז געווען, זיך ניט צו פֿאַרנעמען מיט אַ וואָרט אויף צו פֿריער, צוליב צוויי טעמים, ערשטנס איז עס נישט אַזוי וויכטיק ווי מיר שטעלן זיך פֿאָר, צווייטנס אויב אויף צו פֿריער, דאַרף מען שוין אויך אויף צו שפּעטער . . . דאָס פֿאָדערט מער פּאַפּיער, וועלכעס איז איצט זייער טייער, אַ פֿאַקט מיט וועלכן מען דאַרף זיך רעכענען . . . און אַז מען גיט אַרויס אַ בוך וואָס באַטרעפֿט היינטיקע צייטן אַ באַדייטנדע סומע, דאַרף מען זען איינצושפּאָרן און ניט אויסצוברענגען . . . ער האַלט איבערהויפּט ניט פֿון אַ וואָרט אויף צו פֿריער, ווייל דער מחבר קען אַמאָל אויף זיין אייגענער אחריות אַרויסזאָגן אַ סך נאַרישקייטן . . .

האָב איך טאַקע איינגעזען, אַז ער האָט רעכט. ער איז אַ קלוגער און ערפֿאַרענער מענטש, און דערמיט וואָס ער וויל מיר איינשפּאָרן געלט, איז ער אַן אמת׳ער פֿריינט . . .

זאָגט אָבער מיין פֿריינט א. מ. פֿוקס, אַז עס איז שוין יאָ כדאי דאָס צו טון, אפילו ווען עס וועט קאָסטן מער, ווייל וואו נאָך האָט אַ שרייבער אַ מעגלעכקייט צו זאָגן אַלץ וואָס ער וויל, אויב ניט אין זיין אייגענעם בוך? דאָ קען אים קיינער קיין דעות ניט זאָגן, ווייל ער איז זיין אייגענער בעל הבית, און אַז ער האָט טאַקע די געלעגנהייט, זאָל ער זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן, און זאָלן די לעזער לעזן און הערן וואָס ער האָט צו זאָגן . . . שוין צייט אַז דאָס וואָס מיר האָבן צו זאָגן זאָל אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט און נישט בלייבן צווישן אונז . . .

מיין פֿריינט משה עובד, איז אויך מיט דער מיינונג, אַז איך זאָל יאָ שרייבן דאָס וואָרט אויף צו פֿריער, ווייל יעדעס יידישע געדרוקטע וואָרט האָט אַ גרויסע באַדייטונג, מען דאַרף זיך דערמיט רעכענען, און זען צו שרייבן וואָס מער, ווייל אין דער יעצטיקער שווערער צייט, ווען דאָס יידישע לשון ווערט באָיקאָטירט, אַסימילירט און אויסגעביטן אויף פֿרעמדע לשונות, טאָרן מיר זיך נישט דערצו אַזוי לייכט באַציען, אדרבה, מיר מוזן זיך וואָס מער באַנוצן דערמיט, אויב ניט זענען מיר שונאים פֿון יידישן לשון און נישט קיין פֿריינט . . . און וואָס אָנבאַלאַנגט די אויסגאַבן, זאָל איך זיך נישט זאָרגן, נאָר דאָס לאָזן צו אים . . .

זאָגט מיין חבר ס. פּאַלמע, אַז ער שטיצט אונטער הערדי מייער׳ס מיינונג. און מען דאַרף טאַקע איינברענגען פּאַפּיער, און אַ צווייטן אויך געבן אַ מעגלעכקייט, ווייל ער קען אַ שרייבער וואָס וויל אויך אַרויסגעבן אַ ווערק (און פֿאַרוואָס טאַקע ניט . . .), ער האָט שוין אַלץ צוגעגרייט, האָט אים דער דרוקער געזאָגט אַז עס איז אַ גרויסער מאַנגעל אין פּאַפּיער און ער וועט מוזן וואַרטן ביז אַנדערע שרייבער וועלן זיך אויפֿהערן צו דרוקן . . . און צוגעגעבן אַז ער איז אין אַלגעמיין ניט פֿאַר אַ וואָרט אויף צו פֿריער, ווייל ער ווייסט

פֿון דערפֿאַרונג, אַז דער לעזער וועט דאָס איבערהויפּט נישט פֿאַרשטיין.. אָבער ווען עס וואָלט געווען אַ פֿאָררעדע, הקדמה, פֿאָרוואָרט, וואָלט ער יאָ צוגע־שטימט, ווייל דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. איבערהויפּט וואָלט ער מיך געראָטן צו שרייבן דאָס פֿאָרוואָרט אין גראַמען, און אויב ס׳וועט מיר געלונגען, וועט דער עולם זען, אַז ניט נאָר קען איך שרייבן פּראָזע, נאָר אויך פּאָעזיע . . . ער האָט מיר נאָך פֿאַרזיכערט, אַז טראָץ דעם וואָס ער איז אַ דיכטער, וועט ער אויף מיר נישט זיין איפֿערזיכטיק . . .

יוסף הלל לעווי, וועלכער איז איבערהויפּט אַ שווייגנדיקער, האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט וואָס צו זאָגן, ער האָט זיך ניט ליב צו מישן דאָרט וואו עס האַנדלט זיך וועגן יאָ און ניין, ער האָט ניט ליב קיין פּאָלעמיקס און וויל ניט ווערן אַריינגעשלעפּט אין אַן אומאָנגענעמער סיטואַציע. ער וויל זיך ניט זוכן קיין שונאים, ווייל זיין מאָטאָ איז צו לעבן מיט יעדן בשלום . . . וויל ער דערפֿאַר קיין מיינונג נישט אַרויסזאָגן, און לאָזט עס צו אַנדערע חברים צו באַשטימען.

דער דיכטער א. נ. שטענצל, וועלכער האָט גיט באַטראַכט דעם וויכטיקן פּראָבלעם, איז מסכים מיט „אַ וואָרט אויף צו פֿריער" און אפילו אויך מיט „אַ וואָרט אויף צו שפּעטער", נאָר מיט אַ תנאי, אַז סע מוז געשריבן ווערן אין יידיש לשון כדי די לעזער זאָלן קענען פֿאַרשטיין, ווייל — ער רעדט פֿון אייגע־נער דערפֿאַרונג . . . און אויב איך וועל זיך ניט צו הערן צו זיין עצה, קען איך ניט דערוואַרטן פֿון אים, דאָס טראַדיציאָנעלע גלעזל טיי לכבוד מיר און מיין בוך — „לאַכט אויב איר ווילט".

בן־א. סאָכאַטשעווסקי, נעמט דאַן דאָס וואָרט, און ער איז מיט דער מיינונג, אַז נישט נאָר אין אַ בוך איז וויכטיק „אַ וואָרט אויף צו פֿריער", נאָר אפילו אויך אין אַ באַריכט, ווייל עס קען זיך מאַכן, אַז דער לעזער האָט מער הנאה פֿון דעם וואָרט אויף צו פֿריער, ווי פֿון דעם וואָרט אויף צו שפּעטער. ער האָט זיך שוין איבערצייגט, זאָגט ער, אַז פֿילע פֿון די שטענדיקע לעזער, לעזן איבער דאָס ערשטע קאַפּיטל, און דעם עיקר אינהאַלט פֿון דעם בוך אָדער צייטונג, לאָזן זיי ביז זיי וועלן האָבן מער צייט און געדולד . . .

מאָריס קאַץ, איז פֿאָלשטענדיק איינשטימיק מיט סאָכאַטשעווסקי׳ן. ער ערקלערט אַז אפילו אין זיינע פּיעסען, וועלכע ער האָט געשאַפֿן, האָט ער אויך געשריבן אַ וואָרט אויף צו פֿריער, אין דער פֿאָרם פֿון אַ פּראָלאָג, און ער איז זיכער, אַז דאָס האָט אים געהאָלפֿן צום גרויסן דערפֿאָלג, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיינע דראַמעס . . .

י. טיגער, וועלכער האָט דאָס לעצטע וואָרט, איז מיט דער מיינונג אַז מען דאַרף רחמנות האָבן אויפֿן לעזער, ווייל עס איז גענוג אָנשטרענגונג פֿאַר אים, צו לייענען דעם בוך גופא, דאַרף מען אים ניט מאַטערן נאָך מיט אַ וואָרט אויף צו פֿריער, און דאַן אַ וואָרט אויף צו שפּעטער, דאָס קען אויף אים האָבן אַ שלעכטע ווירקונג, וועט ער אויפֿהערן צו קויפֿן יידישע ביכער, דאָס וועט זיין אַ גרויסער אומגליק פֿאַר אַנדערע, וועלכע קלייבן זיך ערשט אַרויס־

צוגעבן זייערע ווערק. און הלואי, זאָגט ער, וואָלט אַזוי דער שרייבער ניט באַראַרפֿט מאָנען דעם לעזער זיין געלט פֿאַרן בוך, ווי דער לעזער וועט ביי אים ניט מאָנען קיין וואָרט אויף צו פֿריער. נאָר אַזוי ווי עס זענען פֿאַראַן מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן צווישן די פֿאַרזאַמלטע, שלאָגט ער פֿאָר, אַז די זאַך זאָל גע־נומען ווערן צום אָבשטימונג . . .

מיר איז דער פֿאָרשלאָג נישט געפֿעלן, ווייל איך בין געווען זיכער אַז, וועלכע באַשטימונג עס זאָל ניט ווערן אָנגענומען, וועט עס ביי די געגנער אַרויסרופֿן פֿאַרדרוס, ווייל יעדער ביי זיך איז דאָך זיכער גערעכט, און אַלע זענען אויסן מיין טובה, האָב איך דערפֿאַר באַשלאָסן ניט צו שרייבן קיין וואָרט אויף צו פֿריער, און איך וויל האָפֿן, אַז מיינע צאָלרייכע לעזער, וועלן געפֿינען באַפֿרידיקונג, אין מיין וואָרט אויף צו שפּעטער, וועלכעס זיי וועלן געפֿינען אין דעם אינהאַלט פֿון מיין בוך.

און איצט לעזט ווייטער . . .

אַז עס איז נישטאָ קיין מזל!...

מען זאָגט ביי אונז אַ ווערטל: אַז עס איז נישטאָ קיין מזל, העלפֿט קיין חכמה נישט; דאָס ווערטל איז פּונקט ווי פֿאַר מיר געשאַפֿן געוואָרן, איך וויל נאָך צוגעבן, אַז שכל אָן מזל, איז נאָך ערגער ווי מזל אָן שכל . . .

ביי אַנדערע טרעפֿט זיך, אַז אין לויף פֿון יאָרן, דרייט זיך עס איבער (דאָס מזל מיין איך); ביי מיר אָבער, וויל עס זיך פֿון אָרט ניט רירן. איך פֿאַרשטיי אַז איר זייט שוין נייגעריק צו וויסן, אַנטקעגן וואָס איך זאָג עס, נו וועל איך אייך טאַקע דערציילן:

אַמאָל בין איך געווען אַ מיידעל (ניט היינט געדאַכט) מיט אַלע מעלות. שיין, יונג, פֿון אַ פֿיינער משפחה און מיט נדן אפילו אויך. ביי אַנדערע מיידלאַך איז דאָס אַ גליק, און צוליב די אַלע מעלות טובות ווערן טאַקע איי־דישע טעכטער געהאָלפֿן, האָבן חתונה און טאַטע־מאַמע האָבן אַ סך נחת. איז דאָס אָבער ביי מיר געווען אַן אומגליק. זייענדיק ביי זיך שטאָלץ און גרויס צוליב די אַלע אייגנשאַפֿטן, האָב איך גענומען איבערקלייבן יונגע לייט אויפֿן טוץ . . . דער איז ניט געווען גענוג שיין, אַ צווייטער ניט גענוג קלוג, אַ דריטער ניט גענוג „סמאַרט". איך האָב זיך ביי קיין אופן ניט געקענט צוקלייבן קיין חתן, און אַזוי האָבן זיך אַוועקגערוקט מיינע יונגע יאָרן, ביז . . . איך בין געוואָרן עלטער, און נאָך עלטער, און מיינע טאַטע־מאַמע האָבן גענומען באַ־וויינען מיין פֿאַרלוירענע יוגנט.

נישט קענענדיק צוזען זייער צער, האָב איך באַשלאָסן, איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, מער נישט צו קלויבן, נאָר נעמען דעם ערשטן בעסטן בחור, וועלכער וועט אונטערקומען.

בקיצור, ווי איך האָב שוין פֿריער געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין מזל, איז כאָטש נעם און צוריים זיך . . .

איך ווייס נישט ווי אַזוי, און פֿון וואַנען, האָט זיך אונטערגערוקט אַן אומבאַקאַנטער לאַנדסמאַן, און צום אומגליק בין איך אים באַלד געפֿעלן. אים אַרט ניט, האָט ער געזאָגט, וואָס איך בין ניט קיין יונג מיידעל, אדרבה, דאָס איז גראָדע געווען ביי אים אַ מעלה, ווייל די יונגע, זאָגט ער, האָבן גאָר קיין שכל ניט, און וועגן מיין אויסזען, האָט ער זיך געטרייסט, אַז איך בין אַמאָל שיין געווען . . . מחמת עס זענען מיר נאָך פֿאַרבליבן שפּורן פֿון שיינקייט . . . און צי איך האָב אים ליב צי ניט, אַרט אים ניט, ווייל היינטיקע פֿילאָזאָפֿן זאָגן סיי ווי, אַז עס איז קיין ליבע נישט פֿאַראַן . . . און אַזוי ווי איך האָב קיין מזל ניט, האָט מען אונז ביידע מיט מזל חתונה געמאַכט . . . און טראָץ

דעם וואס איך בין שוין געווען אן אלטע מויד, בין איך דאך געווארן א יונג ווייבל . . .

פון גרויס איילעניש און מורא האבנדיק ער זאל נישט חרטה האבן אויפן שידוך, האט מען ביי אים אפילו ניט געפרעגט זיין פראפעסיע און פארדינסט, ווייל ווי עס ווייזט זיך ארויס איז אזא זאך אין דעם פרט ניט פון גרויסער וויכטיקייט . . .

הכלל, דער „האניג חודש" איז געווען זיס ווי צוקער. מיר האבן באקומען א פיין ביסל געלט אלס חתונה־מתנות, און דאס האט אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו פארברענגען צוויי וואכן אין ברייטאן ביים ים . . . און עס איז געווען חי געלעבט. נאר גלייך ווי עס האט זיך אנגעהויבן די ברויט־פראגע, איז דער האניג צוגאנגען, ווי פוטער אויף דער זון . . . זעענדיק אז מיין מענדל (אזוי הייסט מיין מאן) רירט זיך ניט פון ארט צו גיין עפעס פארדינען, פרעג איך זיך אמאל ביי אים, געווענלעך מיט דרך־ארץ: „זאג מיר, דארלינג, וואס איז דיין באשעפטיקונג?"

רופט זיך אב מיין מענדל: „אל־רייט, סוויטהארט, אויב דו פרעגסט מיך שוין יא, וועל איך דיר טאקע זאגן. אביסל בין איך באקאנט אין דעם שניידער־פאך, דאס הייסט, ווען איך בין נאך געווען א יינגל דארט אין דער היים, האט מיך מיין טאטע ארייגעגעבן צו א טאנדייטסקען שניידער צו לערנען די מלאכה, אבער איך האב פיינט די שניידערשע גליקן, מיט דעם סלעק און ביזי . . . האב איך זיך דא אויסגעלערנט פארלאטן שיך. אט זעסט, די שיך וואס איך טראג, האב איך אליין צורעכט געמאכט . . . אביסל בין איך א מבין אויף אלטע אנטיקן (אט דא האב איך גלייך פארשטאנען פארוואס ער האט מיט מיר התונה געהאט . . .) נאר דער עיקר", זאגט מיין מענדל, „יי איך מיין פרנסה פון שרייבעריי . . . פארשטייסטו מיך, מיין ווייבעלע, איך בין א יידישער שרייבער. איך שרייב זייער שיינע און גוטע זאכן. אלע האבן די בעסטע מיינונג וועגן מיין שרייבן, נאר איך האב קיין מזל ניט"" . . .

דערהערנדיק די ווערטער, איז מיר געווארן קאלט און ווארים, פארוואס, ווייס איך אליין נישט. צי דערפאר, ווייל איך האב א מאן א גוטן שרייבער, און ער האט קיין מזל ניט, צי דערפאר ווייל איך וועל האבן מער צו לעזן, ווי צו עסן . . . פונדעסטוועגן האב איך זיך צוזאמענגענומען און ווייטער גע־פרעגט:

„זאג מיר, איך בעט דיך, וואס שרייבסטו, וואו שרייבסטו, און ווי אזוי רופט מען דיך?"

ער האט א צופרידענעם שטאלצן שמייכל געטון און געענטפערט:

„הם, וואו שרייב איך נישט? איך האב שוין געשריבן אין אמעריקע, אין ארגענטינע, אין פאלעסטינע, און איצט שרייב איך דא אין אן אנגעזעענעם זשורנאל".

„אזוי", האב איך אויסגערופן מיט באגייסטערונג, „אין אזוי פיל לענדער

האָסטו שוין געשריבן, ביזטו דאָך טאַקע פֿון די גרויסע. און מען האָט דיך איבעראַל געדרוקט?״

„דערווײַלע נאָך ניט״, ענטפֿערט מײַן מענדעל אַביסל אין פֿאַרלעגנהייט, ״אָבער מען וועט מיך דרוקן שפּעטער. פֿאַרשטייסט, מײַן דאַרלינג, אין שרייבערישן פֿאַך איז אַזוי — ווער עס קומט פֿריער, דעם דרוקט מען פֿריער, און איך וואַרט אויף מײַן נעקסט . . . נאָר אויף דעם היגן רעדאַקטאָר, זעסטו, האָב איך זיך שוין גאָרנישט וואָס צו באַקלאָגן, ער דרוקט אַלץ, וואָס איך שיק אים צו״.

„און באַצאָלט?״ פֿרעג איך.

„אָ!״ ענטפֿערט מײַנער מיט זיכערקייט, „ער וועט מיר באַצאָלן. ביי אים איז גוטע געלט״.

„יאָ״, ענטפֿער איך, „ביי אים איז די געלט זייער גוט, אָבער וואָס האָסטו דערפֿון, שלים־מזל מײַנער?״

הכלל, איר דאַרפֿט מיך אסור מקנא זײַן, ס׳איז אָך און ווײ צו מיר. שוין אַוועק שײנע עטלעכע יאָרן נאָך אונזער חתונה. קינדער האָב איך שוין אַ דאַנקן גאָט אַ האַלבן טוץ, נאָר פּרנסה האָבן אַנדערע . . . און פֿון זײַן שרײַבן האָב איך גאָר קיין נחת ניט. איך שריי, און ער שווײַגט. איך ווער אין כעס און שעלט, אָבער ער גיט מיר קיין תשובה נישט. נו, קען מען נישט צופּלאַצט ווערן אַז אַ מאַן זאָל אפילו אויף אַ קללה ניט ענטפֿערן? אַז אים אַרט קיין שום זאַך נישט. זאָג איך די קינדער דאַרפֿן שיך, לעזט ער מיר אַ מעשה. שריי איך מען דאַרף צאָלן רענט, זאָגט ער, אַז ער שרײַבט אַ ראָמאַן, און גלײַך ווי ער וועט אים ענדיקן, וועט אים דער רעדאַקטאָר גוט באַצאָלן. אָבער ווייסט איר, ווען זײַן ראָמאַן וועט זיך ענדיקן? דאַמאָלט ווען דאָס יידישע גלות . . .

מילא, וואָלט איך שוין דאָס אויך פֿאַר ליב גענומען, איך זע דאָך אַז איך בין שוין אַרײַנגעפֿאַלן און מוז לײַדן. זענען אָבער מײַנע צרות נאָך נישט געענדיקט. פֿאַרגלוסט זיך מײַן מענדלען צו ווערן אַ טעאַטער קריטיקער. גייט ער אַוועק אין טעאַטער, זעט עפּעס אַ שטיק און שרײַבט אָן אַזאַ קריטיק: די דראַמאַטיסטין האָט געגרילצט, דער קאָמיקער איז געוווען צו ערנסט אין זײַן קאָמישער ראָלע, דער ליבהאָבער האָט געשפּילט מיט קראַפֿט די סצענע וואו ער האָט באַדאַרפֿט זײַן שוואַך ווי אַ לעמעלע, און דאָס גאַנצע שטיק איז ניט אמת. עס איז אויסגעטראַכט, עס הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס . . .

ווען איך האָב דאָס איבערגעלעזן איז מיר געוואָרן פֿינסטער פֿאַר די אויגן, און איך האָב אויסגעלאָזט מײַן ביטערן כעס צו אים. „סטייטש״, האָב איך גע׳טענה׳ט, „שטיק אומגליק, קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָסטו געטון? צי וואָס דאַרפֿסטו זיך אײַנרייסן מיט פֿרעמדע מענטשן און עקטערס דערצו? האָסטו דען ווייניק דײַנע אייגענע צרות? פֿאַרוואָס זוכסטו נישט בעסער אַ פּאָר שילינג צו פֿאַרדינען, אומגליק מײַנער? דו וועסט שוין ביי מיר ווערן אויס

שרייבער! איך וועל אוועק אין זשורנאַליסטן פֿאַריין און בעטן זיי זאָלן דיך מאַכן אוים מעמבער, וועסטו זיך אפשר נעמען צו דיין אַלטן פֿאַך, און געבן דיין ווייב און קינדער פּרנסה״.

„דאַרפֿסט זיך ניט באַמיען, מיין ווייב״, ענטפֿערט ער גאַנץ רואיק, „דער זשורנאַליסטן פֿאַריין וועט מיך ניט מאַכן אוים מעמבער, ווייל איך בין שוין סיי ווי סיי אַרויסגעפֿאַלן, ניט צאָלנדיק קיין קאָנטריביושאָן זינט עטלעכע יאָרן״.

„אַז אַך און וויי צו דער סאָסייטי וואָס האָט אַזעלכע מעמבערס, טאָ וואָס וועט זיין דער סוף? ״ פֿרעג איך, „ווען וועסטו שוין עפּעס פֿאַרדינען? ״

„באַלד״, האָט ער געענטפֿערט, „איך האָב געהערט, אַז דער פֿאַריין גייט אַרוים אין אַ סטרייק, זיי ווילן האָבן גרעסערע ווייִדזשעס, וועט מען דאָך דאַרפֿן אַנדערע שרייבער, דאַן וועל איך באַקומען אַרבעט און קענען פֿאַרדינען״ . . .

„מוחל, אַזאַ געלט וויל איך נישט, דאָס הייסט דו וועסט ווערן אַ סקעב, דאַמאָלט ווען אַנדערע וועלן סטרייקן. ניין, דאָס וויל איך נישט. דו וועסט ביי מיר פֿון היינט אָן ווערן אוים שרייבער, אוים זשורנאַליסט. לאָז צו אַנדערע חברים די גליקן און דו גיי אַריין צו אונזער שכן דעם שניידער, און בעט ביי אים אַ דזשאָב, דו זאָלסט קענען מפרנס זיין ווייב און קינדער״.

ער האָט מיר צוגעזאָגט. נאָר אויב איר מיינט אַז ער וועט האַלטן זיין וואָרט, האָט איר אַ טעות. איך וועל נאָך כאַפּן גענוג צרות פֿון מיין מענדעל דעם שרייבער. אַזוי איז אַז עס איז נישטאָ קיין מזל . . .

קבצן וואו קריכסטו?...

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג — זאָגט צו מיר מיין פריינדין — אַז צו זיין אַ קבצן איז די גרעסטע שטראָף, וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אויף אַ מענטשן . . . איר קענט זיך פון דעם דלות ניט באַפרייען, אפילו אויף איין מינוט . . . וואו איר גייט און וואו איר שטייט, שלעפּט ער זיך אייך נאָך. איר מעגט זיך אויספּוצן אין די שענסטע בגדים, קומען צווישן די רייכסטע לייט, קענט איר אים ניט פאַרלייקענען, ווייל מען זעט אים אויף אייך בולט אַרויס . . . קומט אייך אַמאָל אויס צו פאַרברענגען צווישן ניט אייערס גלייכן, מעגט איר זאָגן דאָס קלוגסטע וואָרט, דעם בעסטן וויץ, וועט קיינער, ווי אייך אויף צופּיקעניש, קיין לאַך ניט טון. נאָך מער, מען באַמערקט אייך גאָרניט, פונקט ווי איר וואָלט אין גאַנצן ניט עקזיסטירט . . . דערפאַר איז מיין עצה צו אַלע מיינע חברים אָרימע לייט, קבצנים, קריכט ניט וואו מען דאַרף אייך ניט, אויב איר ווילט קיין האַרצווייטאָק ניט האָבן, ווייל דאָרט צווישן „יענע" וועט מען אייך יעדן אויגנבליק דערמאָנען און געבן צו פילן ווער איר זענט . . . טאָ בלייבט־זשע בעסער צווישן אייערס גלייכן, וועט איר זיך אויסלעבן מענטשלעך און באַקוועם.

איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, — דערציילט ווייטער מיין פריינדין — מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף אַ חתונה ביי מיין רייכן קוזינ׳ס טאָכטער, און אָט יענע חתונה וועט מיר ליגן אין די ביינער ווי לאַנג איך וועל לעבן . . .

ווען איך האָב דערהאַלטן דעם „אינוויטיישאָן", האָב איך מיין בני־בית גלייך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן ניט גיין אַהין, ווייל דאָרט וועלן זיין גרויסע לייט, רייכע מענטשן, און אונזער פּלאַץ איז נישט צווישן זיי . . . האָבן אָבער מיינע קינדער זיך צוגעטשעפּעט, אַז ניט אַנדערש, נאָר מיר מוזן גיין. מיין טאָכטער האָט זיך פאַרגלוסט צו כאַפּן אַ טענצל, און דוקא צווישן די גבירים. מיין זונדל האָט געוואָלט אָפּעסן אַ גוטן מיטאָג; און מיין אַלטער האָט אויך ליב צו קריכן וואו מען דאַרף ניט . . . האָבן זיך אַלע דריי געמאַכט יד אחת. איז, הייסט עס, געווען דריי געגן איינעם, און אַזוי ווי איך קען די פּראָצעדור פון די קאָמיטעטן, אין וועלכע איך באַטייליק זיך, אַז די מאַיאָריטעט זיגט, האָט ניט געהאָלפן מיין אינדיווידועלער פּראָטעסט, און איך האָב זיך געמוזט אונטערוואַרפן דער מאַיאָריטעט.

הכלל, מען האָט גענומען מאַכן פאָרבערייטונגען צו דער חתונה. מיין אַלטער האָט באַלד אַוועקגעטראָגן זיין שבת׳דיקן אַנצוג צו „קלינען און פּרעסן". מיין טאָכטער האָט זיך געבאָרגט אַן איוונינג־דרעס ביי אַ חבר׳טע.

מיין זונדל האָב איך געקויפֿט אַ פּאָר נייע הויזלעך, אויסגעפּוצט דאָס אַלטע דזשעקעטל און אויסגעוואַשן דאָס ווייסע העמדל; און פֿאַר מיר האָט מען אויך געפֿונען אַן עצה: מיין טאַכטער האָט אַ שטיקל באַגריף אין „דרעסמייקעריי״, האָט זי פֿון מיין שבת׳דיקן קלייד אַרויסגעטרענט די אַרבעל, פֿאַרפּוצט פֿון פֿאָרענט מיט אַ בלום, און עס איז געוואָרן אַ חתונה דרעס . . .

דעם טאָג פֿון דער שמחה איז ביי מיר געווען פּונקט ווי אין אַ דול הויז, ממש ניט צום אויסהאַלטן. עס האָט זיך געטומלט און געררודערט: „מאַם, וואו זענען מיינע זאָקן?״, האָט געפֿרעגט מיין טאָכטער. „מאַם, וואו איז מיין רויטער קראַוואַט?״ האָט זיך געבייזערט מיין קדיש. מאַם אהין און מאַם אהער! „האָסט אפשר געזען מיין צווייטן שוך״, האָט געפֿרעגט מיין אַלטער, שוין אַביסל איינגעהאַלטן, ווייל ער האָט אפנים פֿאַראויסגעזען מיין אָנקומענדן כעס . . .

איך בין געשטאַנען אין מיטען שטוב, ווי אַ צוטומעלטע, ניט געוואוסט וואָס אַרום מיר טוט זיך . . . און טאַקע דערפֿאַר, דערלאַנגט יעדן אַלץ קאַפּויער, דער טאַכטער מיין מאַנ׳ס שיך, דעם זונדל מיין טאַכטער׳ס זאָקן און מיין אַלטן דעם רויטן קראַוואַט.

נאָר מילא, בין איך שוין דאָס אויך איבערגעקומען, כאַפּט זיך פּלוצלונג מיין אַלטער, אַז ער האָט ניט זיין ווייסן קאָלנער מיט די שפּיצן, און אַזוי ווי אַן דעם קען מען דאָך אויף דער חתונה ניט גיין, האָט יעדער פֿון אונז גענומען זוכן, מען האָט איבערגעקערט די שטוב און אַ נעכטיקער טאָג, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין . . .

ערשט איך דערזע ווי מיין קליינער מזיק האַלט זיך פֿאַר די זייטן און „קאַטשעט״ זיך פֿון געלעכטער . . . פֿרעג איך, סטייטש, וואָס איז אויף אים די גדולה? הייסט ער מיר קוקן אונטערן טיש . . . און ווען איך האָב אַ קוק געטון, בין איך שיעור געפֿאַלן אין חלשות. דאָרט איז געלעגן די שוואַרצע קאַץ און זיך געשפּילט מיטן ווייסן קאָלנער . . . בין איך פֿון גרויס פֿאַרדרוס צו צו דעם תכשיט מיינעם און אים דערלאַנגט אַזאַ זעץ, אַז עס האָט זיך אים גענומען גיסן בלוט פֿון נעזל . . . דערזען דאָס, האָט מיך פֿון גרויס פֿאַרדרוס אַזוי פֿאַרקלעמט ביים האַרצן, אַז איך האָב זיך שיעור צעוויינט ווי אַ קליין קינד און פֿעסט באַשלאָסן ניט צו גיין אויף דער חתונה.

נאָר די שכנה, וועלכע איז אונז געקומען אַרויסלאָזן, האָט זיך אַריינגע־מישט, און געזאָגט, אַז מיר דאַרפֿן יאָ גיין, און ניט פֿאַרשטערן יענעם די שמחה . . .

עס האָט נאָך גענומען אַ היבש ביסל צייט, ביז מיר האָבן זיך אַלע אויס־געפּוצט, זיך צוקושט און געזעגנט מיט דער שכנה, צוגעוואונשן ביי אירע קינדער, און אוועק אויף דער חתונה.

אַריינקומענדיק אין גרויסן שיינעם זאַל, האָבן די געסט, וועלכע זענען שוין דאָרט געווען אין אַ היבשע צאָל, אויף אונז גענומען קוקן, ווי אויף ציגיי־נער. זיי האָבן אפנים באַלד דערקענט, אַז מיר באַלאַנגען צו אַן אַנדער קאַטע־

גאריע . . . איך האב עס גלייך באמערקט און זיך געפילט אין א מאדנער פארלעגנהייט.

מיין רייכער קוזין, דער מחותן, איז פונקט געווען פארנומען מיט פרישע געסט, האט ער פון דערווייטנס א שאקעל געטון מיטן קאפ צו אונז. די חתן־כלה האבן זיך געמאכט ניט זעענדיק און אויסגעמיטן אונזערע בליקן און ווינשעוואניעס . . .

מיר האבן זיך פארקליבן אין א ווינקל און אוועקגעזעצט. עס איז געקומען די צייט פון גיין צום טיש, האבן מיר אויסגעזוכט אונזערע פלעצער, און זיי פארנומען גלייך מיט אנדערע. מיין טאכטער איז געזעסן, באטראכט די רייכע דאמען און זייערע טייערע קליידער און צירונג, און איך האב געזען ווי איר גייט נעבעך אוים דאס חיות.

מיין זונדל איז דערווייל געווארן הונגעריק, האט ער גענומען די בולקע וואס איז געלעגן אויפן טיש און געוואלט איינבייסן, האט מען גענומען קוקן אויף אים פון אלע זייטן און זיך איבערווינקן. איך האב עס באמערקט און זיך שטארק פארשעמט. מיט אימפעט האב איך די בולקע ארויסגעריסן פון זיין האנט און זי צוריקגעלייגט אויפן טיש. די דאמע, וועלכע איז געזעסן נעבען אונז האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו די געסט.

דעם אמת געזאגט, האט מיר אליין אויך גענומען חלש'ן דאס הארץ, ווייל פון גרוים איילעניש האב איך יענעם טאג אין מיין מויל גארניט געהאט. נאר איידער מען האט באוויזן צו נעמען עפעס עסן, האט מען פריער געמוזט אויסהערן עטלעכע ספיטשעס, און אויפן באפעל פון דעם, וואס שטייט צוקאפענס חתן־כלה, אנגעטון אין א רויטן פראק, זיך געמוזט עטלעכע מאל אויפשטעלן און צוריקזעצן.

קוים, קוים זיך דערווארט. מיר האבן זיך א נעם געטון מיט גרוים אפעטיט צום עסן. די פארשפייז איז געווען זער גוט און געשמאק. מיין אלטער האט גענומען אביסל בראנפן און איז געווארן אן אנדער מענטש . . . דאן האט ער דעם אנדערן אויך מכבד געווען, און עס איז געווארן פריילעך . . . אבער אזוי ווי א קבצן האט קיין מזל ניט און עס איז אים ניט באשערט קיין קאפיטשקע פארגעניגן, קומט שוין אונטער א צרה, אן אנשיקעניש, און דער פארגעניגען לאזט זיך אוים מיט הארצווייטאק. און אזוי איז טאקע געווען מיט אונז: דער וועיטער האט צוגעטראגן די הייסע געשמאקע לאקשן־זופ. מיין זונדל וועלכער האט שטארק ליב דאס מאכל, האט זיך צוגעכאפט מיט אימפעט און גענומען זופן . . . נאר אונזער שכנה האט עס אפנים ניט געקענט פארטראגן, האט זי אים צוגעווארפן א בייזן בליק און זיך גענומען רוקן ווייטער. צופעליק האט זי מיטגעשלעפט זיין טעלער, וועלכער האט זיך גלייך איבערגעקערט, און באגאסן די דאמע איר קאסטבאר חתונה־קלייד . . .

מיין טאכטער האט א שמייכל געטון.

וואס ווייטער איז געווען, קענט איר זיך לייכט פארשטעלן. עס איז געווארן א טומעל, א גערודער צווישן עולם. דער וועיטער איז גלייך צוגעלאפן

און גענומען ווישן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן. די מאַדאַם איז געוואָרן שטאַרק אויפֿגעבראַכט און אונז אַלעמען געוואָלט פשוט איינשלינגען. מיין קוזין און די חתן־כלה האָבן פֿון דערווייטנס אונז גענומען צואוואַרפֿן בייזע בליקן און אונז געלאָזט פֿילן אַז מיר זענען אונגעוווּנשטע געסט . . . איך האָב עס באַמערקט, מיר האָט אָנגעהויבן ווערן ענג, איך האָב אַ וואונק געטון צו מיין אַלטן, ער האָט מיין וואונק פֿאַרשטאַנען. מיר האָבן גענומען די קינדער, און אָן אַ זיי־געזונט פֿאַרלאָזט דעם זאַל. אויפֿן וועג אַהיים האָבן מיר זיך גענומען קריגן און געהאַט (1) פּרעטענזיעס איינער צום אַנדערן. פֿאַרביי־גייער האָבן אונז נאָכגעקוקט און געשמייכלט. אָבער איך האָב דערלעבט אַ נקמה . . . אַ רעכט אויף אייך קבצנים, האָב איך געטראַכט, ליגט איינגעלייגט צווישן אייערס־גלייכן און קריכט ניט וואו מען דאַרף אייך ניט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך פֿון גרויס עגמת נפש נישט געקענט שלאָפֿן. מיר האָט זיך פֿאָרגעשטעלט ווידער די סצענע, און איך האָב איינגעזען, אַז יענער וואָס האָט אויסגעטראַכט דאָס ווערטל „קבצן וואו קריכסטו?" איז געווען אַ גרויסער חכם.

און פֿון דאַמאָלט אָן האָב איך ביי זיך פֿעסט אָבגעמאַכט ניט צו גיין צווישן יענע, נאָר לעבן און שטאַרבן אַלץ צווישן מיינע קבצנים . . .

(1) claims

דער נודניק פון ווייטשעפל.

אַמאָל איז ער געווען אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, אַ קלוגער, אַ שטילער, אַ גוטער, נאָר פּלוצלונג איז מיט אים אַן אומגליק געשען, אַן איבערקערעניש, רחמנא ליצלן.

איין אָוונט האָט ער זיך געלייגט שלאָפן, געזונט און פריש, און צו־מאָרגנס אויפגעשטאַנען דאָס וואָס ער איז, אַ נודניק נעבעך . . . זיינע באַקאַנטע זאָגן, אַז געגנומען האָט עס זיך צו אים אָט ווי אַזוי: אין די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה איז ער געווען אַ ביזנעסמאַן, געהאַנדעלט ערלעך און פיין. אָבער ער האָט ניט געהאַט דעם זעלבן מזל ווי די אַנדערע סוחרים. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אים געכאַפּט ביי דער האַנט, און אַזוי שווער באַ־שטראָפט, אַז עס האָט אים געקאָסט דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט אָבגע־שפּאָרט פון זיינע געשעפטן . . .

איז ער פון דאַן אָן שטאַרק פאַרביטערט און פון גרויס צאָרן באַשלאָסן צו נעמען נקמה פון דער מענטשהייט, און דערפאַר געוואָרן אַ נודניק . . .

דרייט ער זיך אַרום אין די גאַסן פון דער איסט־ענד (וואו זיין אומגליק האָט געטראָפן), זוכט קרבנות, און קוים דערטאַפּט ער אייך, וועט איר זיך שוין פון זיינע הענט, אָן אַ קרענק נישט אַרויסדרייען . . . גלייך ווי איר ענטפערט אים איין וואָרט, זענט איר אַ קאַנדידאַט.

מיר וויסן, אַז עס זענען פאַראַן אַלערליי סאָרטן נודניקעס אויף דער וועלט, ווי למשל, שרייבער, אַקטיאָרן, חזנים, רעדנער, און נאָך און נאָך אַזעלכע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, פון וועלכע איך האָב דאָ געקענט אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל . . . אָבער די אַלע זענען גאָרנישטן שבגאָרנישטן אַנטקעגן דעם ווייטשעפּעלער נודניק . . .

ער גייט אייך נאָך אין רעסטאָראַנט, אין סינעמאַ, אין טעאַטער, און רעדט צו אייך, אָן אַ סוף און אָן אַן עק. אים אַרט ניט וואָס איר ענטפערט אים ניט מער, אים אַרט אפילו ניט אַז איר האָט בשעת מעשה אין זינען עפּעס אַנדערש . . . ער טוט דאָס זייניקע, דערציילט אייך זאַכן פון גאָר דער וועלט, אים געפעלט ניט די סיסטעם, ער זעצט אויס קעגן די פּאָליטיקער, די פירער, דעם פּאַרלאַמענט, מיט זיינע מיניסטאָרן, די „יונאָ" קאָנפערענץ, דער אַרבעטער רינג, דער זשורנאַליסטן פאַריין, די יידישע טעאַטערס א.ד.גל. ער צייגט אייך אויף קאַטעגאָריש, אַז אויב ער וואָלט באַקומען די מאַכט, אויב מען וואָלט אים צוגעלאָזט צום רודער פון די אַלע אינסטיטוציעס, וואָלט ער געשאַפן אַ זיכערע עקזיסטענץ פאַר דער וועלט און דער גאַנצער מענטשהייט....

אונטער זיין מאַכט, זאָגט ער, וואָלט ער אויפגעדעקט אַלע סודות וועגן

דער אַטאָם באָמבע. אין פּאַרלאַמענט וואָלט ער געמאַכט עס זאָל זיין אַ יידישער פּרעמיער, אַזוי אַז די יידישע מעמבערס זאָלן זיך קענען מיט אים אויסשמועסן אויף פּראָסט מאַמע־לשון, און אפשר וואָלט מען אַזוי אַרום גע־פינען אַ לייזונג צו דער יידישער פּראַגע . . . און די פּאָליטיקער, מיניסטאָרן און פירער וואָלטן געהאַט אַ לייכטע פּראָבלעם מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן.

אין אַרבעטער רינג וואָלט ער די גאַנצע אָנפירונג איבערגעגעבן צו אַ מיטגליד פון דער פרויען סעקציע, און אונטער איר פאָרזיץ וואָלטן זיכער אַלע מעמבערס געקומען צו די מיטינגען, און עס וואָלט אָנגעפירט געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע טעטיקייט . . .

אין זשורנאַליסטן פאַריין וואָלטן די מיטגלידער געמוזט קומען צו אַ פאַרזאַמלונג יעדע וואָך, און ניט נאָר איינמאָל אין יאָר . . . אַזוי אַז די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט זאָל ניט דאַרפן ליגן בלויז אויף די פּלייצעס פון עטלעכע געציילטע אָפּישעלס נעבעך . . .

אין די יידישע טעאַטערס וואָלט ער געגעבן דירעקטיוון, אַז ווענינקסטענס זאָלן די נעמען פון די פּיעסן זיין ליטעראַרישע . . . נישקשה, זיי דאַרפן ניט קיין מורא האָבן דאָס צו טון, ווייל עס איז נישט פאַראַן אַזאַ געזעץ וואָס קען זיי דערפאַר באַשטראָפן . . . ביי דער „יונאָ" קאָנפערענץ וואָלט ער געלאָזט וויסן, אַז עס איז אויך פאַראַן אַ יידיש פאָלק, וואָס האָט לעבן און לשון . . .

הכלל, ער פאַרזיכערט אייך, אַז ער וואָלט פון דער וועלט געמאַכט אַ גן־עדן . . . אָבער גיי שריי אני שלמה, אַז קיינער רעכענט זיך ניט מיט זיינע געניאַלע אידעען . . . און מען רעכענט זיך ניט מיט זיינע מיינונגען.

אייך שלאָגט צו אַ חלשות צום האַרצן, איר ווילט זיך פון אים באַפרייען, איר הויבט אָן לויפן שנעל, און נאָך שנעלער, אַריבער דעם וועג, איר שטעלט איין דאָס לעבן איבערגעפאָרן צו ווערן, אבי פטר'ן דעם נודניק . . . אָבער עס העלפט ניט. ווי שנעל איר לויפט, לויפט ער גלייך מיט אייך און רעדט נאָך אַלץ, פאָכעט מיטן האַרצן, וואַרפט מיט די הענט. עס פעלט אייך שוין אויס אָטעם, איר ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן און פילט אַז אָט־אָט ברעכט איר צוזאַמען. אָבער אים אַרט עס ניט. מענטשן אין גאַס קוקן אייךביידע נאָך, שאָקלען מיט די קעפ, מיט באַדויערן, און צווייפלען אין אייער ביידענס נאָרמאַליטעט . . . דאָס האַלט אָן אַזוי לאַנג, ביז גאָט קריגט אויף אייך רחמנות, קען שוין ניט צוזען דעם צער, שיקט ער אונטער אַ באַקאַנטן, דאַן ערשט לאָזט דער נודניק אייך אָב, און נעמט זיך מיט באַנייטע כחות צום פרישן קרבן.

נאָך אַזאַ פאָרציע קומט איר אַהיים קראַנק און צובראָכן, ווי נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, איר מוזט זיך גלייך לייגן אין בעט און שיקן נאָך אייער דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר, וועלכער איז אויך אַ וויטשעפּעלער, קען שוין גוט די קראַנקהייט מיט אַלע אירע סימפּטאָמען . . . ער מעסט אייך די היץ, וועלכע שטייגט פון מינוט צו מינוט, פרעגט אייך ווי לאַנג דאָס האָט אָנגעהאַלטן,

וועלכע פֿאַרמען עס האָט ביי אייך אָנגענומען, און אַזוי אַרום דערגייט ער ווי ווייט איר זענט אָנגעגריפֿן . . . דאַן פֿאַרשרייבט ער אייך אַ מעדיצין מיט פּילען, כדי וואָס גיכער פֿון אייך אַרויסצוטרייבן דאָס חולאת, וואָס דער נודניק האָט דאָרט פֿאַראורזאַכט. עס נעמט אַ טאָג, צוויי, און איך ווערט בעסער. נאָר אַזוי ווי קיין אַרבעט איז ביי אייך אין שאָפּ סיי ווי סיי נישטאָ און קראַנקען־בענעפֿיט פֿון צוויי סאָסייטיס קריגט איר גראָדע יאָ, מאַכט איר זיך שוין צו דער זעלבער צייט אַ שטיקעל „האָלידעי”, ווי מען זאָגט ביי אונז אין ווייטשעפּל, רוט אויס אייערע מידע ביינער, און מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער ווערט איר מיט דער הילף פֿון אייער דאָקטאָר'ס סערטיפֿיקייט און אייער סאָסייטי'ס געלט אין גאַנצן געזונט, און קענט מיט זיך טון וואָס איר ווילט . . .

אָט אַזעלכע צרות טוט אונז אָן דער ווייטשעפּעלער נודניק, וועגן וועלכן איך האָב אייך נאָר וואָס דערציילט.

און אייך, ליבע פֿריינט, ווינש איך, אַז אַזוי ווי איר קענט אים ניט ביז איצט, זאָלט איר אים ווייטער ניט קענען . . .

ביי אונז אין רעדאַקציע.

אַנומעלט מאַכט זיך אויף די טיר פון אונזער רעדאַקציע און עס פאַלט אַריין אַ יידענע, ניט טויט און ניט לעבעדיק, און שרייט אויס: „גוואַלט, גיט מיר אַ בענקעל מיט אַ גלאַז קאַלטע וואַסער, ווייל איך גיי חלש'ן!"

אַ בענקעל האָב איך איר גלייך אונטערגערוקט, נאָר קיין וואַסער האָב איך שוין ניט באַוויזן צו ברענגען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעדרופן: „ווי איז מיר, ראַטעוועט! מיר איז ניט גוט", פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ, און אויס יידענע . . .

איך בין געשטאַנען נעבן איר און זי געטרייסט: „נאַרישע יידענע, וועמען איז דען היינט גוט . . . עס איז אַלעמען שלעכט".

דאָס האָט אפנים געווירקט צום גוטן, ווייל עס האָט ניט לאַנג גענומען און זי איז געקומען צו זיך . . . און ווען עס איז איר שוין בעסער געוואָרן, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט . . .

און אַז אַ יידענע וויינט, טאָר מען איר ניט איבערשלאָגן . . . דאָס ווייס איך פון ערפאַרונג. האָב איך איר געלאָזט זיך גוט אויסוויינען, און ווען זי איז מיט מזל פאַרטיק געוואָרן, אויסגעווישט די נאַסע אויגן און אָפּגעזיפּצט (אַ סימן פון דערלייכטערונג), בין איך פון איר געוואָר געוואָרן, אַז זי איז געקומען אין רעדאַקציע ספּעציעל צו מיר, פרעגן אַן עצה . . .

איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז ניט דער פּלאַץ פאַר עצות געבן. נאָר אפשר ווען זי וואָלט אַריינגעשריבן אַ בריוו וואָלט מען איר געענטפערט.

„טאָ וואָס־זשע זאָל איך טון אַז איך קען אַליין ניט שרייבן? דאַרף איך דאָך אָנקומען צו אַ פרעמדן, און דערווייל אַרויסגעבן אַלע מיינע סודות . . . און אַז מיינע שכנים וועלן זיך דערוויסן, וועלן זיי דערלעבן אַ נקמה אין מיר . . . אָבער אַז איך וועל דאָ פאַר אייך זיך אָראָבערדן פון האַרצן און אייך איבערגעבן אַלע מיינע צרות, בין איך זיכער אַז עס וועט בלייבן צווישן אונז, עס וועט ווייטער ניט קומען, און דערווייל וועט איר מיר טאַקע קענען אַן עצה געבן, וואָס איך זאָל טון".

„אָבער מיין ליבע פרוי, איך בין דאָ ניט אָנגעשטעלט צו געבן עצות", בעט איך זיך ביי איר, „נאָר אויב איר ווילט, וועל איך אייך אַרויספירן צו למך השני . . . אָדער צו בן־א. סאָבאָטשעווסקי, צו קאַטץ'ן, צו הערש'ן אָדער גאָר צו אונזער איזי וואָלף. אָט זיי זענען אַ סך קלוגער און פּראַקטישער פון מיר . . . און זיי וועלן אייך די בעסטע עצה געבן . . . און אויב איר ווילט גאָר, וועל איך פאַר אייך מאַכן אַן אַפּאָינטמענט מיט אונזער

רעדאקטאָר, אָבער איר וועט מוזן זייער לאַנג וואַרטן אויף אייער נעקסט . . . ווייל ער איז שטאַרק באַשעפטיקט מיט די וואַלן. מען זאָגט יאַקבי, אַז טשאַרטשיל אַליין איז געקומען צו אים זיך בּאַראַטן, ווי אַזוי ער קען ווירקען אויף די ווייטשעפּעלער יידן צו שטימען פאַר די קאָנסערוואַטאָרן"...

נאָר איר איז דער פּלאַן סיי־ווי ניט געפעלן.

„איך זייט אַ פרוי מיט אַ ווייך האַרץ, און איר וועט מיך בעסער פאַרשטיין ווי די מענער, וועלכע ברענגען אַלע צרות אויף דער וועלט", האָט זי גע'טענה'ט. „און איצט הערט מיך אויס. מיין אַלטער איז פּלוצלונג משוגע געוואָרן, און זיך גענומען גיין צו די הינט . . . טאָג און נאַכט ליגן זיי אים אין זינען, ער פאַרשפּילט די ווייזשעס יעדן שבת און איך ווער ביי אים פאַרשוואַרצט. מיר האָבן דערוואַקסענע טעכטער, מיט וועלכע מען דאַרף שידוכים טון. אָבער אים אַרט ניט . . . כאָטש גיי און זיי זיך משדך מיט די הינט . . . ס'איז אַ חרפּה פאַר מענטשן, אַז אויף די עלטערע יאָרן זאָל מען זיך דאַרפן אַרומרייסן . . . און צוליב וואָס? צוליב הינט . . . ווען ער קומט אַריין אין שטוב, מאַכט ער הינטישע שטיק, רעדט צו קיינעם ניט אויס קיין גלייך וואָרט. עס איז שוין אַמאָל געקומען אַזוי ווייט, אַז איך האָב זיך אָנגערופן צו אים: הער אויס, מיין מאַן, עס מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל נעמען אַ סוף . . . קלייב זיך אויס איינס פון די ביידע — אָדער מיך, אָדער די הינט . . . וואָס־זשע מיינט איר איז געוואָרן? ער האָט זיך אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט צובראָכן אַלע טעלער פון דרעסער . . . און איצט אַז מיר קריגן זיך, האָב איך אפילו ניט קיין איין טעלער אים צו וואַרפן אין קאָפּ . . . נאָך אַזאַ סצענע ווערט ביי אונז אין שטוב ווי יום כפור צו כל נדרי. מיר וויינען זיך גוט אויס, און מען הויבט אָן זוכן פּלענער ווי פון אים פּטור צו ווערן.

„רופט זיך אָב מיין עלטערע טאָכטער: מאַמע, דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך האָב אַ פיינעם פּלאַן. אַז דער טאַטע וועט אַהיים קומען שפּעט ביינאַכט, שליס צו די טיר און לאָז אים ניט אַריין.

„אַז אָך און ווי צום טאַטן, אַז זיין אייגענע טאָכטער דאַרף געבן דער מאַמען אַזאַ עצה . . .

„אָבער איך האָב זי געפאָלגט, און טאַקע אַזוי געטון. ער איז יענע נאַכט אַהיים געקומען זייער שפּעט. האָט ער געקלאַפּט און געקלאַפּט, און מיר האָבן זיך געמאַכט ניט הערנדיק . . . נו, איז ער געפאַלן אויף אַ פּלאַן, געעפנט דאָס אונטערשטע פענסטער, און גענומען קריכן . . . איז אָבער פּונקט צו זיין אומגליק אָנגעקומען אַ פּאָליסמאַן, און געמיינט אַז ער וויל גנב'ענען. האָט ער אים אָנגענומען פאַרן קאָלנער און אַוועקגעפירט אין פּאָלים סטיישאַן...

„וואָס אמת איז אמת, עס האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרצן. טאַקע אַ שלעכטער מאַן, אָבער דאָך אַ מאַן . . . האָב איך געוואָלט אַרויסגיין אים העלפן, אָבער די קינדער האָבן מיך ניט געלאָזט. זאָל ער האָבן אַ לעסאָן — האָבן זיי מיט רעכט גע'טענה'ט. אין דער פרי איז נאָך מיר געקומען אַ

שליח, און איך האָב געמוזט אַוועקגיין אין פּאַלים סטיישאָן שווערן, אַז דער גנב איז מיין מאַן, האָט מען אים באַפרייט . . . אָט אַזעלכע צרות ליידט איך פון אים, און פון גרויס עגמת נפש האָב איך באַקומען אַזאַ קרענק, ווי איר האָט דאָ פריער געזען ווען איך האָב גע'חלש'ט, און איר האָט מיך קוים דערמונטערט.

„מיר איז נאָר אַ רחמנות אויף די קינדער. אויב ניט, וואָלט איך זיך אפשר חלילה דאָס לעבן גענומען. די שעה זאָל ניט זיין . . . און איצט טייערינקע, אַז איר ווייסט שוין אַלץ, גיט מיר אַן עצה וואָס זאָל איך טון מיט אים ? ״ . . .

„אָבער איך האָב דאָך אייך שוין פריער געזאָגט, אַז איך בין ניט גענוג קלוג און ערפאַרן צו געבן עצות״.

„אַזוי גאָר ? טאָ צו וואָס־זשע האָב איך באַדאַרפט דאָס אַלץ אייך דערציילן ? נאָר מילא, עס איז דאָך שוין פאַרפאַלן, ווייל איך אייך עפּעס בעטן . . . ער לעזט די „צייט״ און האַלט זייער שטאַרק פון אייער שרייבעכץ . . . וועל איך אים שיקן אַהער צו אייך, זידעלט אים גוט אויס, אפשר וועט דאָס העלפן ״ . . .

„אַז אייער מאַן גייט צו די הינט, וועט ער ניט קומען צו מיר . . . איבערהויפּט האָבן די מענער ניט ליב, אַז פרעמדע מישן זיך אין זייערע ביזנעס . . . דאָס איינציקע וואָס איך קען אייך ראָטן איז אָט וואָס : ער טוט זיך אָן צו גיין — איר אויך . . . ער גייט — איר נאָך אים . . . און טאָמער וועט ער ניט וועלן ליידן — ווערט אַ מענטש און ניט קיין יידענע.... פאַרטיידיקט אייער רעכט און זאָגט אים, אַז דאָ איז אַ פרייע מדינה, און אַז איר האָט דאָס זעלבע רעכט וואָס ער. און אַז ער שטעלט אַ פונט — שטעלט איר צוויי . . . זייט אַ ספּאָרט, זאָגט אים, אַז דאָס געזעץ ערלויבט אייך צו ספּעקולירן אויף הינט פונקט ווי אים. סוף כל סוף וועט אים מיאוס ווערן אייער נאָכשלעפּן זיך, און ער וועט אויפהערן צו גיין אַהין . . . און נאָך אַ זאַך : ווען איר גייט אויס, טוט זיך אָן שיין, באַקענט זיך דאָרט מיט פרעמדע מענער, זייט פריינטלעך צו זיי, טוט אַ שטיף, אַ לאַך, און זעט אַז איר זאָלט געפינען חן אין זייערע אויגן . . . דאַן וועט אייער מאַן ווערן אייפערזיכטיק אויף אייך, וועט ער ווערן אַ גוטער מאַן, און ערשט ווייסן ווי אייך צו שעצן״ . . .

„יאָ, געטראָפן דאָס אָרט, איר קענט ניט מיין מאַן. ער איז ניט פון די וואָס נעמען זיך צום האַרצן פון אַזעלכע זאַכן . . . אדרבה, ביי אים איז פונקט פאַרקערט״ . . .

„פון וואַנען ווייסט איר דאָס, און איר זייט אַזוי זיכער ? ״

„ווייל איך האָב עס שוין אַמאָל פּרובירט . . . מיינע אַ שכנה האָט דאָס מיר געהייסן טון, אָבער עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס . . . איך האָב זיך דאַמאָלט אויסגעפּוצט, נאָך דער לעצטער מאָדע, זיך געלאָזט מאַכן די האָר, צוגעשמירט דאָס פּנים, געמאַכט רויט די ליפּן, און שוואַרץ

די ברעמען, און ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגעל האָב איך זיך אַליין נישט דערקענט . . . געשלאָסן באַקאַנשאַפט מיט אַ פרעמדן מאַן און באַשלאָסן מיט אים צו גיין אין יידישן טעאַטער . . . אָבער וואָס מיינט איר איז געוואָרן פון דעם אַלעם? אַז מיין מאַן האָט מיך אָנגעקוקט, האָט ער זיך שטאַרק צולאַכט . . . און אַז ער האָט דערזען זיין קאָנקורענט, וועלכער האָט זיך געדרייט אונטן פאַר דער טיר, האָט ער זיך ערשט אויף דאָס ניי צולאַכט, און נאָך מער, ער האָט מיר געגעבן אַ פונט ספּענדינג־מאַני, און מיר צוגעוואונשן אַ גוד־טיים . . . איר הערט אַ חוצפה פון אַ מאַן? צו ווינשן אַן אייגען ווייב אַ גוד־טיים מיט אַ פרעמדן מאַנספּערשוין, און איצט זעט איר שוין מיט וועמען איך דאַרף אָבפינסטערן מיין וועלט? אָט דאָס וואָס איר זאָגט מיר וועגן די הינט, וועל איך אייך פאָלגן און וועל טאַקע אַזוי טון ווי איר הייסט . . . און איצט אַ שיינעם דאַנק אייך, וואָס איר האָט מיך אויסגעהערט, זייט מיר געזונט און שטאַרק, און לאָזט זיך ניט פאַרשלעפּן צו די הינט . . . ווייל איר וועט פון זיי קיין נחת קיינמאָל ניט האָבן".

אלץ צוליב א בייסיקל ...

וואס איז א בייסיקל?

דאכט זיך א גארנישט, יא? א קליינִיקייט, א נארישער געגנשטאנד, צוזאמענגעשטעלט פון צוויי רעדלעך, א פאר שטיקלעך אייזען, אין מיטען א לעדערנע קישעלע צום זיצן, און דאס איז אלץ. דאכט זיך אן אונשולדיקע זאך, און דאך האט עס מיך אומגליקליך געמאכט . . . ווי אזוי, פרעגט איר? אט וועל איך אייך ערקלערן.

אין א טאג היינטיקע וואך זיצן מיר ביידע (איך און מיין מענדעל) ביים פייער וואס האלט שוין ביים אויסגיין, ווייל קיין קוילן איז ביי מיר מער ניט פאראן צוליב דעם קריזיס. אין שטוב איז טונקל, מחמת מען דארף איינשפארן ברען מאטעריאל, אין דרויסן איז א פראסט, אז עס ברעכט די ביינער. קיין עסנווארג קריגט מען ניט. דער מארק איז אויפגערוימט פונקט ווי אין א יום טוב; קיין פיש איז נישטא, זיי לאזן זיך אפנים נישט כאפן אין די קעלטן; ביים בוטשער איז פארמאכט; קארטאפל און גרינצייג זענען געפרוירן; די ברויט יוניטס פאר דער וואך זענען שוין אויסגעגאנגען. איז כאטש נעם און לייג די ציין אויף דער פאליצע, און זיך אליין אין בעט... מיינער האט קיין ארבעט נישט, די ווארקשאפ איז פארמאכט ביז נאכן קריזיס, נאר אפילו ווען ער ארבעט שוין יא, פארדינט ער אויך וואסער אויף קאשע . . .

זיצן מיר ביידע און טראכטן, צו וואס זיך צו נעמען, כדי עפעס צו פארדינען, אזוי אז ווען מען וועט שוין יא באקומען עפעס, זאל מען כאטש האבן מיט וואס צו קויפן.

אבער טראכט היינט און טראכט מארגן, עס העלפט נישט. נאר פלוצלונג פאלט מיר איין א געדאנק, און איך רוף זיך אב צו מיינעם:

הער, מענדעל! איך האב געזען אין די „צייט" אן אדווערטייזמענט, אז די שול צו וועלכער דו באלאנגסט זוכט א שמש און קאלעקטאר. דו גייסט ארום כמעט ליידיק און פארדינסט נישט אויף א לעבן צו מאכן שוין אזוי פיל יארן. האסט שוין אלצדינג פרובירט און צו קיין זאך טויגסטו נישט. אפשר וואלט געווען א פלאן זאלסט אויך ארײנשיקן אן אפליקיישאן פארן דזשאב? ווייל צו גיין איבער די הייזער בין איך זיכער אז דו וואלסט יא געטויגט . . . קיין גרויסער חכם דערצו דארף מען נישט זיין, אפילו אונטערשרייבן זיך איז אויך נישט נויטיק צו קענען. דעם קבצנ'ישן נאמען דיינעם, וואס ווייניקער דו וועסט באנוצן אלץ געזונטער וועט זיין... נאר טאמער וועט זיך אמאל מאכן, און דו וועסט דוקא יא מוזן זיך אונטער-

שרייבן, וועסטו מאַכן אַ צלם, און דעט׳ס־אַל. איך קען גרויסע ביזנעס־לייט, וועלכע צלם׳ן זיך אונטער כסדר, און עס שאַדט זיי נישט צו דער פרנסה, וועט עס אַ שמש און קאַלעקטאָר אודאי נישט שאַטן . . . ווען דו וואָלסט געווען אַ מענטש און ניט קיין שלים־מזל, וואָלסטו זיכער געקענט מאַכן אַ לעבן. נאָר דער גרעסטער חסרון דיינער איז וואָס דו פאַרמאָגסט נישט קיין ברעקל חוצפה . . . ווייל חוצפה איז אַזאַ מין פאַספאָרט, מיט וועלכן מען קען באַרייזן די גאַנצע וועלט. מיט חוצפה קען מען ווערן אַ גאַנצער מאַכער אין די סאָסייטיס, אין אַלע קערפערשאַפטן, אין קאָמיטעטן . . . מען קען ווערן אַ דערה־זאָגער אין קולטור־פאַריינען, מען ווערט אַביסל רעספּעקטירט, און אַז מען האָט שכל, קען מען זיך אפילו דערשלאָגן צו אַ בכבוד׳יקן פּלאַץ אויפן בית עולם . . . און ווער ווייסט, אפשר זיך נאָך אַריינקריגן אין גן עדן אויך . . . אָבער אַזוי ווי דו האָסט עס נישט, האָסט עס קיינמאָל נישט געהאַט, און וועסט שוין מן הסתם נישט האָבן, וועסטו דאָך שוין קיין לייט נישט זיין. איז פאַר דיר דער בעסטער מיטעל צו ווערן אַ שמש און קאַלעקטאָר״ . . .

בעט ער זיך ביי מיה, איך זאָל אים לאָזן צורו, ווייל ער וויל נישט ווערן קיין קהל׳שע קליאַמקע, און וויל נישט אַז יעדער איינער, פון דעם גבאי ביז דעם שבת־גוי, זאָלן אים אויסנוצן און מאַכן פון אים אַ חדר־יינגל. און נאָך אַ זאַך, ער ווייסט אַז עס זענען שוין אָנגעקומען אכט און אַכציק אַפּליקאַציעס פון די מעמבערס, צווישן וועלכע עס זענען פאַראַן גרעסערע מיוחסים פון אים, און מען וועט אים ניט צולאָזן דעם פעטן ביסן . . .

האָב איך אים געענטפערט, אַז כאָטש איך מיש זיך ניט אין קהל׳שע געשעפטן, דאָך ווייס איך זיכער, אַז די אכט און אַכציק טויגן אויף ניין און ניינציק, און ער האָט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן.

דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיך געפאָלגט, און אַריינגעשיקט זיין אַפּליקאַציע.

די עטלעכע וואָכן ביז צו די וואַלן האָט ער געהאַלטן אין איין מאַכן פּלענער, ווי אַזוי ער וועט דורכפירן זיין אַרבעט, כדי די בעלי־בתים זאָלן פון אים זיין צופרידן. ער האָט ביי זיך אָבגעמאַכט צוצוציען נייע מעמבערס. ער וועט זיי אַלעם צוזאָגן: אַ מנין יעדן טאָג, קדיש וועלן זיי קענען זאָגן ווען זיי ווילן, מען וועט פאַר זיי שאַפן אַן אייגענעם בית עולם, און איבער הונדערט יאָר וועלן זיי נישט דאַרפן ליגן צווישן פרעמדע . . . אַ גרעסערע שבעה געלט פון אַלע אַנדערע שולן, אַ באַזונדער שטיבל צו רעדן וועגן פּאָליטיק, חופה וקידושין אָן געלט, אַ גוטן חזן מיט אַ גרויסן קווייער אויף ימים נוראים, און אַ פיינעם שמעק־טאַבאַק יעדן שבת נאָכן דאַוונען . . .

די שול גופא וועט ער האַלטן זייער ריין, וועט יעדן טאָג אויסקערן און אָבשטויבן אַלע בענקלעך אין מזרח וואַנט . . . ער וועט אָבגעבן כבוד יעדן בעל הבית, און דעם גבאי וועט ער פשוט טראָגן אויף די הענט.

אזוי מאַכנדיק זיינע פּלענער, זענען אוועק די עטלעכע וואָכן, ביז עס איז געקומען דער אָבענד, וועלכער האָט באַדאַרפֿט באַשטימען זיין גורל.

דאָס פּלאַץ איז געווען געפּאַקט. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם. אַלע אַכט און אַכציק אַפּליקאַנטן האָבן מיטגעבראַכט זייערע פֿרויען, קינדער און פֿריינט, כדי צו רעדן אַ גוט וואָרט פֿאַר זיי.

דער פּאָרזיצער האָט ערקלערט קלאָר און דייטלעך וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, און איידער ער נעמט צום באַשטימען די פּערזאָן, פֿאַר דעם וויכטיקן פּאָסטן, מוז ער פֿריער געבן צו פֿאַרשטיין, אַז די שטעלע איז ניט אַבי וואָס, ווי אַנדערע שטעלן זיך פֿאַר. די פֿראַגע איז אַ זייער דעליקאַטע, אַן ערנסטע, פֿאַרבונדן מיט אַ גרויסער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, און יעדער מוז זיך גוט פֿאַרטראַכטן פֿאַר וועמען צו הויבן די הענט, כדי צו ערוועלן דעם ריכטיקן פּערזאָן. צום אַלעם ערשטן טאָר מען נישט פֿאַרגעסן, אַז די שול מוז אויפֿהאַלטן איר פּרעסטיזש, זי מוז זיין אַ שטאָלץ פֿאַר דער גאַנצער איסט־ענד און פֿאַר אַלע אירע מעמבערס. דהיינו, דער שמש און קאָלעקטאָר, וועלכער וועט ווערן אויסגעוויילט, מוז צום אַלעם ערשטן זיין אַ געבילדעטער מענטש, אַ גרויסער אינטעליגענט, און נאָך אַ זאַך, ער מוז אומבאַדינגט קענען אונטערשרייבן זיין נאָמען . . . (דאָ האָט מיר מענדעל דערלאַנגט אַ צופּ ביים אַרבל . . .) צווייטנס מוז ער וויסן ווי צו רעדן צו די פֿרויען פֿון די מעמבערס, ווייל זיי זענען די קאָנטריביושאָן צאָלערס, און ביי זיי אין די הענט ליגט אונזער עקזיסטענץ. דאָס איז אַ פֿאַקט מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען. און בשעת דעם קאָלעקטן מוז ער זיין זייער פֿריינטלעך, עס מאַכט נישט אויס ווען ער זאָל וואַרפֿן אַ קאָמפּלימענט וואו עס נויטיקט זיך, און טאָמער דאַרף זי גיין איינקויפֿן, מעג ער בלייבן מיט דער בייבי, ביז זי וועט צוריקקומען. דער שמש און קאָלעקטאָר מוז זען צו געבן די מעמבערס אַ הונדערט פּראָצענטיקע סאַטיספֿאַקציע.

נאָך דעם פֿייערדיקן ספּיטש האָט דער פּאָרזיצער גענומען אַ טרונק וואַסער, זיך באַנעצט דעם האַלז, כדי ער זאָל קענען וויטער אָנגיין מיט דער וויכטיקער אַרבעט. איינציקווייז האָט ער אויסגערופֿן די נעמען פֿון אַלע קאַנדידאַטן. עס איז געוואָרן אַ טומעל, אַ גערודער, עס האָבן זיך גע־הויבן הענט און הענטלעך, פֿון די מעמבערס, זייערע פֿרויען, און אפילו פֿון קינדער, וועלכע האָבן נאָכגעטון זייערע עלטערן.

איך האָב געמאַכט אויפֿמערקזאַם איינע פֿון די פֿרויען, אַז זי האָט ניט קיין רעכט צו שטימען, אָבער זי האָט מיר געענטפֿערט מיט שטאָלץ: „עס מאַכט נישט אויס, מיין מאַן איז אַ מעמבער" . . .

מען האָט געציילט, געשריבן און געמעקט. מיינער איז געווען דער לעצטער (ער איז איבעראַל דער לעצטער). . . און דער רעזולטאַט וואָלט געווען זייער אַ גוטער פֿאַר אים. ווען מען האָט גענומען ציילן, האָט מיינער געהאַט די גרעסטע צאָל שטימען, און איך האָב גלייך דערפֿילט, אַז מיר וועלן זיך ענדלעך צושלאָגן צו אַ שטיקל לייטישער פּרנסה.

האַט זיך אָבער אַריינגעמישט דער אומגליק, דער בייסיקל . . . אַז ניט געבוירן האָט באַדאַרפט ווערן יענער, וואָס האָט אים אויסגעטראַכט . . .

פלוצלינג כאַפּט זיך דער פּאַרזיצער, אַז ער האָט פאַרגעסן נאָך אַ זייער וויכטיקן פּונקט, און דאָס איז אַז דער שמש און קאַלעקטאָר מוז קענען פאָרן אויף אַ בייסיקל, כדי דעם דזשאָב צו מאַכן שנעלער, ווייל עס קען זיין, אַז אַ חוץ דעם קאַלעקטן, וועט ער זיך מוזן שאַפן נאָך אַן ארבעט, פון וואַנען צו מאַכן אַ לעבן . . .

דערהערט די מעשה, איז מיר באַלד נישט גוט געוואָרן, צום חלש׳ן. איך האָב זיך קוים צוזאַמענגענומען. מיינער האָט שוין שטילערהייט זיך מיט מיר איבערגערעדט, אַז ער וועט זיך קויפן אַ בייסיקל און לערנען פאָרן אויף דעם. אָבער איך האָב דערפון נישט געוואָלט הערן, ווייל איך בין זיכער, אַז ער וואָלט צען מאָל אין טאָג אַראָבגעפאַלן, און זעקס מאָל דער׳הרג׳עט געוואָרן . . .

גראָד האָט זיך צווישן די אַכט און אַכציק יאָ געפונען איינער וואָס קען פאָרן אויף דעם אָנשיקעניש, און ער האָט דערפאַר באַקומען דעם דזשאָב.

מיר זענען ביידע אַהיים געגאַנגען, ווי נאָך אַ שלעכטן יאַריד. און דאָס איז אַלץ געווען צוליב אַ נאַרישן בייסיקל . . .

אין שדכנים ביורא.

איך האָב זיך דערוואוסט, אז ערגעץ וואו אין לאָנדאָן איז פאַראַן א שדכנים ביוראָ, אָנגעפירט פון א פיינער יידישער לידי, און עס ווערן דאָרט אויסגעפירט גוטע און גליקלעכע שידוכים. האָב איך זיך אין א געוויסן טאָג פיין אויסגעפוצט און אוועק אהין, זוכן א שידוך פאַר מיין טאָכטער . . .

איך מוז זיך מודה זיין, אז ווען איך האָב באַטראַכט די גרויסע געביידע אין וועלכער די אינסטיטוציע געפינט זיך, האָט מיר געגעבן א קלאַפּ אין הארצן. עס האָט זיך מיר ניט געגלויבט גלויבן, אז אין אַזא רייכן פּלאַץ וועל איך געפינען א חתן פאַר מיין אָרימער טאָכטער . . .

דאָך האָב איך אָנגעקלונגען. א פּאָרטער אין יוניפאָרם האָט געעפנט.

„ענטשולדיקט, מיין הערר, איז דאָס דער שדכנים ביוראָ?״ האָב איך ניט זיכער געפרעגט.

„יעס״, האָט יענער שאַרף געענטפערט, און מיך באַטראַכט פון אונטן ארויף . . .

„קען איך זען די פאַרוואַלטערין?״

„קומט אריין״, האָט ער באַפוילן, און מיר אָנגעוויזן אויף א שטול אין וואַרטע-זאַל, וואו עס זענען געזעסן עטלעכע מענטשן, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, רייכע און מיטלמעסיקע. יעדער פון זיי איז אפנים געקומען מיט דעם זעלבן, אָדער אַן ענלעכן צוועק . . .

די טיר פון דער „קאָנסאַלטינג-רום״ האָט ניט גערוט. דער טעלעפאָן האָט געהאַלטן אין איין קלינגען, דאָס טיר גלעקעל האָט זיך יעדע מינוט געלאָזט הערן; עס האָט אויף איך געמאַכט דעם איינדרוק, ווי איר געפינט זיך אין א גרויסן געשעפט, וואו מען פאַרקויפט גליק און אומגליק, צרות און פרייד, ווי איינעמס מזל איז . . .

איך האָב באַטראַכט די „קאַסטאָמערס״, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, — אַן אמת׳ע טיפּן גאַלעריע:

אַט זיצט אַן עלטערע דאַמע, מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט, דאַרע הענטלעך און רויט געפאַרבטע ליפּן, מיט א הינטל אויף די הענט, וועלכן זי לאַשטשעט און צערטעלט, ווי א קינד, להבדיל . . .

ניט ווייט פון מיר זיצט א מאַן, אין די מיטעלע יאָרן, דרייט נערוועז זיינע שוואַרצע וואָנצעס און קוקט כסדר אין שפּיגל אַנטקעגן אים . . .

אַט זיצט אַן אַלטער מאַן, מיט א פּליך אויפן קאָפּ און מיט קורצזיכטיקע אויגן האַלט א צייטונג און דרייט זי אומגעדולדיק אויף אַלע זייטן.

אין אַ ווינקל, אָפּגעזונדערט, זיצט אַ פרויענצימער. איר אויסזען און עלטער איז שווער צו דערגיין, צוליב דעם שלייער וואָס זי טראָגט אויף איר פּנים. זי קוקט בלומרשט אין אַ בוך, און וואַרפט אויגן אויף דעם מאַן מיט די וואָנצעס . . . און ווי עס האָט מיר אויסגעזען, האָט זיך אָנגעהויבן צו ענטוויקלען אַ פריינטשאַפט אויף שטום־לשון . . .

איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער איך האָב געהאַט דאָס מזל גערופן צו ווערן פריער ווי די אַנדערע קליענטן.

איך בין אַריין אין אָפּיס און דערזען פאַר זיך אַן עלעגאַנטע מאָדערנע יונגע דאַמע, מיט אַ העל געפאַרבטן און קורץ געשווירענעם קאָפּ, מיט צוויי קלוגע ביטערע אויגן. זי איז געזעסן פאַרלייגט איין פוס אויפן צווייטן און געריכערט אַ סיגאַרעט.

זי האָט מיר געהייסן זיצן, געעפנט אַ גרויסן בוך, גענומען די פעדער אין האַנט און אַ פרעג געטון, געשעפטסמעסיק:

„וואָס דאַרפט איר?"

"איך דאַרף צו אייך, טייערע ליידי", האָב איך געענטפערט מיט מורא און דרך ארץ.

"ענטפערט צו דער זאַך", האָט זי געזאָגט אין אַ שטרענגען טאָן, „אַ חתן ציִ אַ כלה?"

„איך דאַרף אַ חתן".

„פאַר אייך?"

„ניין, חלילה, פאַר מיין טאָכטער" (זי האָט דאָס פאַרשריבן).

„ווי אַלט איז אייער טאָכטער?"

„זי איז נאָך ניט אַלט, גאָט צו דאַנקן" . . .

„דאָך?" . . .

איך האָב געצייגערט מיט דעם ענטפער, כדי צו קומען צו אַ באַשלוס, ווייל אין דעם פרט מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק . . .

„זי איז . . . ערשט פיר און צוואַנציק ביז הונדערט יאָר" . . .

„איז דאָס דער אמת?" האָט זי שטרענג געפרעגט. „דאָ טאָר מען נישט לייקענען".

„אמת, מיין טייערע ליידי, אַ מאַמע וועט איר טאָכטער'ס יאָרן נישט לייקענען, איבערהויפּט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ שידוך" . . .

„אַלזאָ, הייסט עס פיר און צוואַנציק?" . . .

„יעס, אַזוי רעכן איך, נאָר עס קען זיך מאַכן אפשר וועניקער אַ וואָך אָדער צוויי . . . איר פאַרשטייט? זי איז געבוירן געוואָרן פּסח" . . .

„וואָס איז פּסח?" האָט זי געפרעגט גאַנץ נאַאיוו.

„וואָס־זשע, איר ווייסט גאָרנישט וואָס פּסח איז? מיך וואונדערט אויף אייך, איר זענט דאָך אַ יידישע טאָכטער . . . פּסח איז, ווען מען האָט די יידן אַרויסגעפירט פון מצרים".

„אזוי גאָר״? זוכט איה ערשט איצט א שידוך פאַר איר?״ האָט זי געשמייכלט.

„ניין, איר פאַרשטייט מיך ניט, איך מיין אַז יעדן פסח איז איר געבורטס־טאָג״.

„אהאַ, איך פאַרשטיי שוין . . . אַלזאָ ווייטער — ווי הויך איז זי?״

„ניט קיין הויכע, אַ נידעריקע אַזוי ווי איך״.

„שטעלט אייך אויף, איך מוז דאָס געגוי וויסן״.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט. זי האָט פאַרשריבן . . .

„איז זי בלאָנד, שוואַרץ אָדער ברונעט?״

„אזוי ווי אַלע היינטיקע מיידלעך. אַמאָל איז זי געווען שוואַרץ־חנ־עוודיק, אין מיר געראָטן, היינט איז זי בלאָנד, אין אייך געראָטן״ . . .

„וואָס פאַר אַ קאָליר אויגן?״

„גלויבט מיר אַז איך ווייס ניט, איך האָב איר שוין לאַנג אין די אויגן ניט געקוקט״ . . .

„אַ מיידעל?״

„אודאי, נישט קיין מאַנספערשוין״.

„ניט געשפּאַסט, פליז. דאָ מוז מען זיין ערנסט. סע האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקע זאַך. איך מיין, צי איז זי ניט אַן אַלמנה אָדער אַ גרושה. עס קען זיך טרעפן היינטיקע צייטן, איר פאַרשטייט? מען מוז זיין זער פאָרזיכ־טיק. אַלזאָ הייסט עס אַ מיידעל״.

„נאָך וואָס פאַר אַ מיידעל, מיט אַלע מעלות״ . . .

„און נדן האָט זי?״

„פון וואַנען זאָל זי האָבן? זי איז דאָך אַ יתומה, און דאַרף נאָך מיך אויסהאַלטן, און אַזוי ווי זי פאַרדינט ניט גענוג פאַר אונז ביידן, ווייל איך טאַקע זי זאָל חתונה האָבן, וועלן מיר ביידע האָבן אַ פרנסה־געבער״ . . .

„הייסט עס, זי האָט קיין געלט ניט. אַט זעט איר דאָס איז אַ גרויסער חסרון צו אַ שידוך היינטיקע טעג״ . . .

„איי, ווען זי וואָלט געהאַט נדן, וואָלט איך דאָך צו אייך נישט געקומען... מיט נדן, אָדער ביזנעס, וואָלט איך דאָך געקענט אַנאָנסירן אין די „צייט״, וואו עס ווערן אויסגעפירט לייטישע שידוכים און די פאָרלעך לעבן זיך גליקלעך און צופרידן״ . . .

„אויב אזוי, מאַדאַם, טוט מיר לייד, אָבער איך קען פאַר אייך גאָרנישט טון״ . . .

„וואָס הייסט, איר קענט נישט? די, וואָס האָט מיך אַהער געשיקט, האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איר זענט אַ גוטע איידעלע נשמה, מיט אַ גוט יידיש האַרץ, און איר פאַרזאָרגט יתומים און אַלמנות . . . איך בעט אייך, טייערע, האָט רחמנות אויף אַן אָרימער מאַמען און לאָזט מיך ניט אַוועק מיט ליידיקע הענט . . . איך בין זיכער אַז גאָט וועט אייך דערפאַר באַצאָלן״, האָב איך זיך געבעטן, מיט טרערן אין די אויגן.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, און געענטפֿערט: „אַלרײַט, איך וועל אַ קוק טון״.

ביי די ווערטער האָט זי געעפֿנט אַ צווייטן בוך, גענומען בלעטערן. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט זי זיך אָבגעשטעלט אויף אַ געוויסן פּלאַץ און געזאָגט:

„הערט אויס, דאָ האָב איך אַ פּאַסענדן שידוך פֿאַר אייך. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, האָט אַ גוט גייענדיק געשעפֿט, זיין פֿרוי איז מיט זעקס מאָנאַטן צוריק געשטאָרבן, און אים געלאָזט אַן אַלמן מיט פֿיר קינדער, איצט זוכט ער אַ ווייב, און איך רעכן, אַז דאָס איז אַ פֿיינער שידוך פֿאַר אייער טאָכטער אָן נדן״ . . .

דעם אמת געזאָגט, בין איך געבליבן זיצן זייער דערשלאָגן ווען איך האָב דערהערט וועגן מיין טאָכטער׳ס גליק. אָבער ניט זעענדיק קיין אַנדערן אויס־וועג, האָב איך צוגעשטימט.

„אַ גרויסן דאַנק אייך, וואָס איר באַמיט זיך פֿאַר מיינעטוועגן״, האָב איך העפֿלעך געזאָגט. „זייט אַזוי גוט, גיט מיר זיין נאָמען און אַדרעס, וועט מיין טאָכטער זיך טרעפֿן מיט אים״.

„דאָס וועט אייך קאָסטן צוואַנציק פֿונט, מאַדאַם״, האָט זי געזאָגט און אָנגעשטעלט אירע צוויי אויגן אויף מיר.

„וואָס רעדט איר? פֿון וואַנען זאָל איך נעמען אַזוי פֿיל געלט? דאָס איז דאָך נישט מעגלעך״.

„אָט די קליינע סומע האָט איר אויך נישט? אויב אַזוי טוט מיר לייד, גייט אייך געזונטערהייט, און פֿאַרנעמט ניט מיין צייט, „טיים איז מאַני״. איך זיץ נישט דאָ פֿאַר טשאַריטי נאָר פֿאַר ביזנעס. אָט דאָרט וואַרטן שוין אַנדערע קליענטן, און דער מאַן מיט די פֿיר קינדער איז ביי מיר קיין בראָק ניט . . . ער וועט מיר צונויף קומען״ . . .

ביי די ווערטער האָט זי פֿון טאַש אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע, זיך צוגע־פּודערט דאָס נעזל, פֿאַרלייגט ווידער איין פֿוס איבערן צווייטן, זיך ווידער פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעט, אַ צי געטון דאָס גלעקל און אויסגערופֿן:

„נעקסט פּליז״ . . .

מיר איז גוט ווי די וועלט!...

איך האָב גאָר ניט געוואוסט, ווי גוט מיר איז ביז . . . עס איז מיר שלעכט געוואָרן. אין דעם האָב איך זיך לעצטנס איבערצייגט, און אָט וועל איך אייך דערציילן ווי אַזוי.

מען זאָגט אַ ווערטל, אַז אַלץ אינאיינעם, איז נישטאָ ביי קיינעם. דאָס איז נאָר אַ ווערטל, אָבער ניט קיין פֿאַקט. און אָט וועל איך אייך טאַקע באַווייזן, אַז ביי מיר איז גראַדע יאָ אַלץ אינאיינעם . . .

אַמאָל האָט זיך צו יעדער מכה געפֿונען אַ רפואה: איז אימיצער ביי מיר געוואָרן ניט געזונט, האָט מען זיך געלייגט אין בעט אויף אַ טאָג אָדער צוויי און אויפֿגעשטאַנען געזונט. האָט זיך געמאַכט אַ שלעכטע צייט און ס'איז קיין פרנסה ניט געווען, האָט מען זיך געטרייסט דערמיט, וואָס דער שכן איז אויך אויף צרות . . . האָב איך אַרויסגעגעבן מיין בוך מיט דעם נאָמען „די קרוין פֿון ווייטשעפּעל", האָבן מיר אַ סך פֿון מיינע פֿריינט צוגעהאָלפֿן, מען האָט מיר געמאַכט אַ פֿיינעם באַנקעט, אויף וועלכן איך האָב פֿאַרקויפֿט אפשר צען קאָפּיעס, מחמת איך האָב דאָך געדאַרפֿט באַצאָלן דעם דרוקער . . . און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן. אָבער היינט איז אַן אומגליק. מכות זיינען טאַקע פֿאַראַן אַ סך, אָבער איין רפואה נישט. אָט וועל איך אייך באַווייזן ווי אַזוי, און איר וועט מוזן צוגעבן אַז איך האָב רעכט.

אַנומעלטן קומט מיין דייוועלע אַהיים פֿון סקול און זאָגט אַז ער האָט אַ קאָפּווייטאָק. נעם איך און גיב אים איין אַ פּאָר פּילן, לייג אים אַריין אין בעט, שוויצט ער זיך גוט אויס און שטייט אויף צומאָרגנס טויט קראַנק. איז דאָך ביטער. אויף צומאָרגנס גייט מיין טאָכטער (וועלכע איז געווען אַ סאַרזשענט מיט דריי בענדלעך אין דער אַרמיי) אַרויס אין גאַס זוכן אַ דזשאָב, פֿאַלט זי קודם כל אויף אַ פּלאַן צו בעטן אַ גרעסערן געהאַלט, דערנאָך פֿאַלט זי אויף אַ דאָר־סטעפּ, דרייט זיך אויס אַ פֿוס און ליגט אין צווייטן בעט. מיינע צוויי זין, וועלכע דאַרפֿן באַלד אַהיים קומען פֿון די „פֿאָרסעס" האָבן מיר געשיקט אַן אולטימאַטום, אַז אויב איך צי זיך נישט אַרויס פֿון דער צובראָכענער הייזקע, מיט די צושפּאָלטענע פֿענסטער און דעם לעבערדיקן דאַך, פֿון וועלכן עס האַלט אין איין רינען, קומען זיי ניט צו מיר. זיי זענען שוין דערוואַקסענע מענטשן, זאָגן זיי, און דאַרפֿן האָבן מער באַקוועמלעכקייט. נאָר גיי גיב זיי באַקוועמלעכקייט, אַז ביי מיר פֿייפֿט דער דלות אין קעשענע . . . נאָך אַזאַ בשורה ווערט מיר קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן און ביטער אויף דער נשמה . .

לויף איך אַהיים, כאַפּ אויף זיך מיין פּעלערינע, מיט אַביסל פֿון מיין

ליטעראטור אונטערן ארעם און באשטים אראפצולאזן פון פריז . . . דערווייל דערזע איך א לאנגען קיו. פארשטיי איך דאך, אז אויב עס ווארטן אזוי פיל מענטשן, פארקויפט מען אין דעם געשעפט זיכער א זאך אין וועלכער איך נויטיק זיך. שטעל איך זיך אויך אוועק גלייך מיט אלע. עס נעמט שפריצן א רעגן, בלאזן א ווינט, אבער דער עולם שטייט. שטיי איך אויך. פאראן מענטשן, וועלכע ווילן אלץ וויסן, זיי האבן ניט קיין צייט צו ווארטן. נאר אזוי ווי איך בין בטבע א שוויגנדיקע און האב א סך געדולד, האב איך באשלאסן ניט צו פרעגן קיינעם וואס מען פארקויפט דארט, און באשטימט צו ווארטן. דערווייל האב איך געהערט פארשידענע אינפארמאציעס, וועגן שיינע קליידער, „פול פעשאנד סטאקינגס״, פון שיך וועלכע קאסטן פופצן פונט א פאר, פון ניילאן אונטערוועש, וועלכע טראגט זיך זייער פיין, און נאך אזעלכע וויכטיקע וועלט פראבלעמען, אפילו וועגן ברויט רעשאן האט מען גערעדט. אבער די מאיאריטעט פון די פרויען זענען געווען גאנץ צופרידן דערמיט, ווייל דאס, זאגן זיי, וועט זיי העלפן צו פארלירן וואג, און זיי וועלן ניט דארפן איינגעמען קיין פילן ווי ביז איצט. און אזוי רעדנדיק רוקט זיך די קיו, און איך מיט איר, אלץ נענטער צום געשעפט. נאר ווען איך בין שוין געווען גאנץ נאענט און עס איז שוין באלד געקומען צו מיין נעקסט, איז מיר שלעכט געווארן, איך האב זיך דערוואוסט פון מיין שכן, אז דארט פארקויפט מען מענערשע „סוספענדערס״. דאס דערהערנדיק, האב איך אויסגעבייטעלט אלע מיינע בייזע חלומות צו זייערע קעפ און בין אנטלאפן.

איך האב נאך ארומגעוואנדערט א היבש שטיקל צייט אין גאס, געזען פארשידענע פרוכטן און עסנווארג, אין וועלכן איך האב זיך שטארק גענויטיקט, און ניט געהאט פארוואס צו קויפן.

אין יענעם מאמענט האב איך ערנסט דערפילט ווי שלעכט עס איז אן געלט . . . כ׳האב זיך דערמאנט אין מיינע קראנקע קינדער אין דערהיים און באשלאסן אז אונטער אלע אומשטענדן מוז איך באקומען געלט. איך האב זיך דערמאנט אז אין דער וועסט־ענד האב איך וואוינען מיינע א לאנדספרוי, זי איז זייער רייך און זייער א גוטע פריינדין מיינע. דארט בין איך געווען זיכער צו באקומען א גמילת חסד ; זי וועט מיר זיכער ניט אבזאגן, און ווען מיינע קינדער וועלן זיך שטעלן ארבעטן, וועל איך דאס געלט איר צוריקגעבן מיט פארגעניגען. ניט פיל געטראכט, האב איך זיך גוט איינגעהילט אין מיין פעלערינע, אנגעטאפט צו זיין זיכער אז איך האב מיין ליטעראטור אונטערן ארעם און בין אוועק צו איר.

ווען איך בין אריין אין הויז, האט זי מיך זייער פיין אויפגענומען, געפרעגט פארוואס איך קום ניט אפטער, זיך ביי מיר אויסגעפרעגט וואס איך מאך און ווי עס דערגייט מיר אין פרנסה. איך האב איר אלעם דערציילט, געעפנט מיין פארביטערט הארץ, ווי פאר א פריינט, און זי האט מיך אויסגעהערט און באדויערט.

(1) revile

איך האָב זיך גראַטולירט מיט מיין געלונגענעם איינפאַל, און שוין באַשלאָסן וואָס צו טון מיט דעם געליענעם געלט.

די דינסט, מיט דעם וויסן פאַרטוך און טשיפּיק, האָט אריינגעטראָגן אַ פיינעם טיי מיט צובייסן אויף אַ זילבערנער טאַץ. מיר האָבן ביידע געגעסן, געטרונקן און גערעדט פון פאַרגאַנגענע צייטן דאָרט אין דער אַלטער היים. טראָץ דעם וואָס איר אָפּשטאַם איז ניט געווען פון גרויסן יחוס, האָב איך זי מיט איר משפחה געליבט ביז אין הימל, מחמת איך האָב דאָך באַדאַרפט צו איר אָנקומען. און די ערפאַרונג האָט מיך געלערנט, אַז מיט חניפה גייט מען זייער ווייט . . . עס האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעטלאַך און איך האָב באַשלאָסן צו קומען צום פּסוק. אָנגענומען זיך מיט מוט, איבערגעגעבן מיין פאַרלאַנג, און עס איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן הארצן . . . איר גוטע פריינטלעכע מינע איז אין דעם מאָמענט פאַרשוואונדן. זי האָט אויסגעשטעלט אויף מיר צוויי גרויסע בייזע אויגן, פאַר וועלכע איך האָב זיך פּשוט דערשראָקן, און געזאָגט מיט אַ פאַרוואורף:

„עס וואונדערט מיך אויף אייך. איר זענט דאָך ניט קיין נאַרישע פרוי, איר לעזט דאָך אודאי יעדן טאָג די פּייפּערס, און ווייסט זיכער אַז ס'איז שוין היינט נאָך דער מלחמה. אונזערע געשעפטן גייען ניט אַזוי גוט ווי פריער, מיר מוזן כמעט יעדע וואָך צוצערן געלט, די אויסגאַבן זענען גרויס, פאַרגעסט ניט אַז אויפצוהאַלטן אַזאַ גרויס הויז איז ניט קיין קלייניקייט. די דינסט און די קעכין מוז איך האַלטן, איך וועל דאָך זיך ניט אַליין אוועקשטעלן קאָכן, אָדער רייניקן די שטובן. די קינדער מיינע מוזן אָנגיין מיט זייערע פּריוואַטע לעק־ציעס. כמעט יעדע וואָך זענען מיר פאַרבעטן אויף חתונות, צו וועלכע מען מוז גיין און טאָקע שיקן אַ פעטן טשעק אַלס התונה מתנות. עס פּאַסט ניט אַנדערש, ווייל וואָס וועט מען זאָגן, שנאָרערס, קבצנים, אַז ניט דערלעבן זאָל איך אַזאַ בושה. אויף האַלידעיס מוז מען פאָרן. און איצט צו די אַלע צרות האָט מיין מאַן געמוזט קויפן אַ קאַר, און צונעמען אַ שאָפער, ווייל אונזער טעכטערל שטייט אין שידוכים . . . קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן אונזער לאַגע, אַז מען דאַרף אויסשטיין אַזעלכע עקספּענסעס? און איצט קומט איר, אַז איך זאָל אייך באָרגן געלט. פרעג איך אייך, אַז נאָך די אַלע צרות מיינע וועלכע איך האָב אייך דאָ איבערגעגעבן, קען איך זיך נאָך ערלויבן אוועקצו־באָרגן עטלעכע פונט?

„איך וועל אייך העלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן, איך קען אייך העלפן מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַן עצה, מיט אַ קרעכץ, נאָר ניט מיט קיין געלט. איר פאַרשטייט, עס טוט מיר זייער לייד צו הערן אַז איר געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע, הלואי וואָלט איך אייך געקענט העלפן. יעדנפאַלס האָט איר גאַנץ גוט געטון, וואָס איר זענט אַהער געקומען. וועניקסטנס האָט איר זיך אַראָפּגערעדט פון הארצן. און איך האָב געטון דאָס בעסטע וואָס איך האָב געקענט. איך האָף אַז איר זענט אויף מיר ניט ברוגז, און אַז איר וועט נאָך קומען אַהער. אפשר וועלן זיך די צייטן פאַרבעסערן".

„יאָ, איך האָב באמת מיטלייד מיט אייך, אָבער וואָס קען מען טוּן ? גאָט וועט אייך העלפֿן", האָב איך זי געטרייסט.

זי האָט מיך געפֿרעגט, וואָס איך טראָג אין דעם פּאַקעטל אונטערן אָרעם.

„דאָס איז מיין בוך", האָב איך געענטפֿערט מיט שטאָלץ, און גערעכנט ביי איר אַרויסצורופֿן אַ בעסערע באַציאונג. „איר ווילט אפשר קויפֿן איינס ?" האָב איך זי געפֿרעגט.

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, קיין ביכער לעז איך נישט, נאָר ווען איר וואָלט געהאַט אַ מחזור, וואָלט איך עס ביי אייך אָבגעקויפֿט, ווייל עס גייט דאָך צו ראש השנה" . . .

מיר האָבן זיך געזעגנט און איך בין אַוועק אַהיים.

אויפֿן וועג האָב איך אויסגערופֿן צו זיך אַליין:

„געוואַלט, יידישע קינדער, מיר איז דאָך גוט, ווי די וועלט. איך מוז נישט האַלטן קיין דינסטן מיט קעבינס, מחמת קאָכן קאָן איך אַליין גאַנץ גוט, אויב איך האָב נאָר וואָס. מיינע קינדער קענען אויסקומען אָן פּריוואַטע לעקציעס. אויף חתונות בעט מען מיך נישט, און איך דאַרף נישט שיקן קיין טשעקס. אויף האַלידעים פֿאָר איך נישט, ווייל קיין שום האָטעל וויל נישט אַריינגעמען קיין קבצנים . . . קיין קאַר מיט אַ שאָפֿער דאַרף איך זיכער נישט, ווייל איך בין נישט קראַנק צו גיין צו פֿוס" . . .

הכלל, מיר איז גוט, מיט איז טויזנט מאָל בעסער ווי מיין רייכער לאַנדס־פֿרוי.

איי, דאָס וואָס די קינדער זענען ביי מיר קראַנק און איך האָב נישט קיין געלט פֿאַר אַ דאָקטאָר, און וואָס איך האָב אַ מיידעל חתונה צו מאַכן און האָב נישט מיט וואָס, און נישט מיט וועמען, און וואָס מיינע באַיעס ווילן נישט אַהיים קומען אין דער צובראָכענער דירה, און עס רינט פֿון דאַך, און דאָס וואָס איך קען נישט פֿאַרקויפֿן מיינע ביכער, און נישט באַצאָלן דעם דרוקער, און אַז איך האָב וואָס איך דאַרף נישט, און דאַרף וואָס איך האָב נישט . . . דאָס זענען אַלץ אַזעלכע זאַכן פֿון וועלכע עס לוינט זיך נישט צו נעמען צום האַרצן . . .

ס׳איז כדאי אַמאָל צו קרענקן...

הערט אויס אַ מאָדנע זאַך, וואָס מיר איז לעצטנס איינגעפאַלן. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז כדאי פאַר יעדן אָנשטענדיקן מענטשן אַמאָל אַ קרענק צו טון...

וועט איר דאָך פרעגן, סטייטש, אַ׳קרענק איז דאָך אַ זאַך, פון וועלכער יעדער היט זיך אויס און מען ווינשט זי נאָר שונאים? קום איך און זאָג אַזאַ נאַרישקייט, אַז עס איז גאָר כדאי...

מיינט זשע אָבער ניט אַז איך זאָג עס אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין, דאָס זאָג איך פון איבערצייגונג, און אָט וועל איך עס אייך ערקלערן פון אַ פסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט, וועט איר זען אַז איך האָב רעכט...

ווען דער מענטש איז געזונט, און גייט אַרום אויף די פיס, קרעכצט ניט, זיפצט ניט, און טוט זיין געוויינלעכע אַרבעט, איז עס דער גאַנץ נאַטירלעכער פּראָצעס, פונקט ווי דער הונט, וואָס היט דאָס הויז... ווי די קאַץ, וואָס כאַפּט מייז, און ווי דאָס פערד, וואָס שלעפּט דעם וואָגן...

קיינער שענקט אים ניט קיין ברעקל אויפמערקזאַמקייט, מען מאַכט פון אים קיין ווזן ניט. אדרבה, פילע מאָל איז ער ווי אַן איבעריקער, איז יעדן אין וועג, און דאָס ברענגט אים אָפטמאָל אין אַזאַ פאַרלעגנהייט, אַז ער הויבט זיך אָן פילן קליין, נישטיק און אומבאַדייטענדע, ער גייט אַרום דערשלאָגן און הויבט אָן פאַרלירן דעם גלויבן אין זיך אַליין...

אַנדערש איז אָבער, ווען ער ווערט קראַנק, און נאָך מיט אַן ערנסטער קראַנקהייט דערצו. דאַמאָלט, זעט איר, בייט זיך די סיטואַציע, די אַטמאָספערע אַרום אים, און ערשט דאַמאָלט דערפילט דער מענטש, אַז ער לעבט, עקזיסטירט, און איז פון גרויס וויכטיקייט, סיי פאַר דעם הויז־געזינד, סיי פאַר די קרובים, חברים און פריינט.

און כדי צו באַרעכטיקן מיין אַרגומענט, גיב איך אייך דאָ איבער אַ פאַקט, וועלכער האָט מיט מיר אַליין געטראָפן מיט עטלעכע וואָכן צוריק.

אין אַ געווויסן טאָג קום איך מיר אַהיים פון גאַס מיט אַ קאַפּווייטאָק.

איז עס דאַכט זיך אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. וועלכער מענטש האָט עס ניט אַמאָל אַ קאַפּווייטאָק?

מאַך איך ניט קיין ווזן, באַשליס צו נעמען עטלעכע „אַספּראָס” און זיך אַ ווײַלע צולייגן, מיט דער האָפנונג, אַז עס וועט באַלד איבערגיין.

טוט אָן מיין אַלטער די בעסטע ברילן, און באַטראַכט מיך מעשה עקספּערט, און רופט זיך אָן בזה הלשון:

— הער אויס, מיין ווייב, דו געפעלסט מיר ניט היינט...

— הלמאי געפעלסט דו מיר שוין פון לאנג ניט . . . (ענטפער איך גלייך, ווייל איך האב פיינט שולדיק צו בלייבן א תשובה) פונדעסטוועגן האב איך עס דיר נאך קיינמאל ניט געזאגט.

— הער זיך אויף צו וויצלען — זאגט ער מיט אן ערנסטן פנים — דו שרייבסט איצט ניט קיין פעליעטאן, דו נעם שוין און לייג זיך אריין אין בעט.

מיר איז זיין באפעל אפילו ניט געפעלן, אבער געמוזט אים פאלגן, ווייל אז ער שפארט זיך איין, מוז ער דאס זייניקע אויספירן.

עס האט לאנג ניט גענומען, בין איך געלעגן אין בעט, ארומגעלייגט מיט הייסע קאמפרעסן ביי די זייטן, און א קאלטן צום קאפ.

ווי נאר מיין דייוועלע איז אהיימגעקומען פון סקול, האט מען אים גלייך צו וויסן געגעבן די פריילעכע נייעס, אז די מאמע איז קראנק און מען דארף איר ניט שטערן, מען דארף ניט שפילן דעם ראדיא, ניט דעם גראמאפאן, און דער עיקר דארף מען אין שטוב זיך ניט ארומפייטן, עס מוז זיין שטיל, ווייל מען האט געשיקט נאך דעם דאקטאר, און ער דארף באלד קומען. איך בין מיר געלעגן אין בעט, ווי א פרינצעסין, געברענט ווי א פייער . . . און געטראכט ביי זיך, וואס פאר א שווארצע גבורה ער האט עס, מיין אלטער, ווי ער האט עס גלייך געוואוסט אז איך בין קראנק.

דער דאקטאר איז געקומען, געטאפט דעם דופק, געמאסטן די היץ, און פעסטגעשטעלט, אז איך האב די „פלו" און דארף ליגן אין בעט, וועניקסטנס א וואך צייט.

דאס צימער מיינס האט מען געמאכט ווארים, ליכטיק און באקוועם, מען האט מיר צוגעטראגן צום בעט פון אלעם גוטן . . . מיך באדינט ווי א קעניגין.... און איך האב זיך צום ערשטן מאל אין מיין לעבן דערפילט גרויס און וויכטיק. אין הויז איז מען ארומגעגאנגען אויף די שפיץ פינגער, און גערעדט שטיל צווישן זיך.

נאר מיין דייוועלע האט ניט געקענט פארשטיין, וואס דא קומט פאר, האט ער אריינגעשטעקט דאס פארשמירטע נעזל זיינס אין דער שפארע פון דער אפענער טיר און אויסגערופן: „העלאו מאם, וואטס פאר דינער"? איך האב צו אים א שמייכל געטון, ער האט געוואלט נאך עפעס זאגן, נאר מיין מאן האט אים א שלעפ געטון אויף צוריק און פארמאכט די טיר. דאס האט מיין דייוועלען שטארק פארדראסן, האט ער זיך צעוויינט אויפן קול, און אלס פראטעסט, גענומען טופן מיט די פיס, און ער האט אזוי לאנג גע־שריגן און געטופעט ביז דער פאטער האט אים ארויסגעווארפן אין גאס. איז מיין תכשיט געפאלן אויף א גוטן פלאן און גענומען ווארפן שטיינדלאך אין פענסטער, איז געווארן א געוואלד, א געטומל, איז מיין אלטער אראפ און זיך גענומען יאגן נאך דעם מזיק.

און דאס איז אלץ געווען צוליב מיר. טיף אין הארצן האב איך דערלעבט א נקמה אין זיי, און געטראכט ביי זיך, גוט אזוי, א מצוה

אויף אייך, פֿון היינט אָן וועט איר שוין וויסן ווי צו שעצן מיך, ווען איך גיי אַרום צווישן אייך געזונטערהייט.

אַלע ווײַלע זענען געקומען פֿריינט, געוואויר ווערן וואָס איך מאַך, און יעדער פֿון זיי האָט געבראַכט אַ פעקל פֿאַר מיר זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. אָבער דערכאַפּט האָט זיך מיין דייוועלע און ניט איך . . .

דער דאָקטאָר איז געקומען יעדן טאָג, געטון דאָס זייניקע, געמאָסטן די היץ, געטאַפּט דעם פּולס, פֿאַרשריבן אַ מעדיצין און געגאַנגען ווייטער. דער טעלעפֿאָן פֿון „נעקסט דאָר" האָט געהאַלטן אין איין קלינגען. מען האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף מיר, איך בין געלעגן אין בעט און ניט אכטנדיק אויף מיין קראַנקהייט, געקוואַלן פֿון נחת און פֿאַרגעניגען . . . עס איז געקומען מיין רייכע קוזינע פֿון „גאָלדערס גרין", וועלכע קומט צו מיר זייער זעלטן, זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיין דייוועלען, וועלכער קען זי אפילו ניט; אים געגעבן אַ פעני ער זאָל זיך עפּעס קויפֿן. האָט איר אָבער מיין זונדל געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָ ביי אונז אין ווייטשעפּעל, קען מען פֿאַר אַ פעני גאָר־נישט קויפֿן, האָט זי אים דערלאַנגט נאָך אַ פעני, און גלוכצייטיק אויסגע־מוסר'ט מיין אַלטן, הלמאי ער האָט דאָס קינד נישט גוט דערצויגן, ער איז אָן עזות פנים און האָט ניט קיין דרך ארץ פֿאַר אָן עלטערן מענטשן.

דאַן איז זי אַריין צו מיר אין בעדרום, געפֿרעגט ווי איך פֿיל זיך, ווי עס גייט מיר מיט פרנסה, באַטראַכט דאָס צימער און זיך געוואונדערט ווי אַזוי מענטשן קענען וואוינען אין אַזעלכע קליינע און אָרימע וואוינונגען און צו־געגעבן, אַז עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס מען ווערט דאָ קראַנק אין דער איסט־ענד . . . זי האָט זיך געזעגנט און אוועק אַהיים אויף גיך.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָב איך באַקומען חשוב'ע געסט, וועלכע זענען געקומען מיך מבקר חולה זיין. ערשטנס איז געקומען אונזער רעדאַקטאָר הערזי מייער. ער האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט גרויס פֿאַרדרוס דערפֿון וואָס איך בין קראַנק. אַ סימן האָב איך, אַז גלייך ווי ער האָט זיך דערוואוסט, איז ער מיך געקומען זען. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אין דער צוקונפֿט וועט ער דרוקן מיינע פֿעליעטאָנען רעגעלמעסיק, כמעט יעדן מיטוואָך, אויב ער וועט ניט האָבן עפּעס אַנדערש .. ער האָט מיר צוגעוואונשן אַ רפֿואה שלימה און שנעל צוריק אוועק אין דער רעדאַקציע, וואו עס האָבן אויף אים געוואַרט אַ גאַנצע ריי שטענדיקע לעזער, וועלכע האָבן געבראַכט אַרטיקלען צום פֿאַר־עפֿנטלעכן . . .

נאָך אים איז אַריין מיין חבר פּאַלמע און מיר פֿאַרגעלעזן אַ נייע פּאָעמע, וועלכע איז שוין פֿון לאַנג אויסגעזעצט . . . ער האָט מיר געבעטן ניט לאַנג צו קרענקן, ווייל ער האָט ניט קיין צייט צו קומען . . .

דאַן זענען געקומען מיינע פֿריינט עטאַ טאָפּעל און מאַרק מאַרקאָוו, זיך אָנגעבייזערט אויף מיר, סטייטש, זיי דאַרפֿן האָבן עטלעכע נייע לידלאַך און דועטן פֿאַר דעם קומענדן גרויסן פּראָדאַקשאָן, און איך האָב זיך גאָר אַוועק־געלייגט אין בעט, פּונקט איצט ווען זיי דאַרפֿן מיך . . . דאַן זענען געקומען

פּוקס, שטענצל, כ״ץ, טיגער, למך השני, איזי וואולף. עס איז געוואָרן ענג און היים, איך האָב געפּילט צום חלש'ן, ווען זיי האָבן אָנגעפאַנגען א לעבּ־האַפטע דיסקוסיע צווישן זיך . . . אָבער דער באַווייז, אַז איך האָב אַזוי פּיל גוטע פריינט, האָט מיך געשטאַרקט, און איך האָב געשמייכלט מיט צופרידנ־הייט און פאַרגעסן אין מיין קראַנקהייט . . .

אויף צומאָרגנס איז מיר געקומען באַזוכן דער גענעראַאל טשערמאַן פון ארבעטער רינג און מיר געבראַכט אַ גרוס פון אַלע צוויי טויזנט און פינף הונדערט מיטגלידער און מיר צוגעזאָגט דאָס ערשטע בעטל אין דער „קאָנוועלעסענט־האָום״, אַזוי גיך ווי מען וועט זי ווידער עפענען. עס זענען געקומען פאָרשטייער פון דער פּרויען־סעקציע און פאַרטרעטער פון אַלע קאָ־מיטעטן. מיט איין וואָרט, עס איז געווען ששון ושמחה ביי מיר אין הויז. אַ גאַנצן טאָג איז מען געגאַנגען און געקומען פונקט ווי אויף אַ חתונה.

מיין גליק האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. דער דאָקטאָר איז געקומען און געזאָגט, אַז איך בין „אָלרייט״ און קען שוין אַראָבגיין פון בעט.

מילא, קיין גוטס האָב איך אים דערפאַר ניט געוואונשן. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן און איך האָב געמוזט געגן מיין ווילן טון ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסן.

און מיט דעם האָט זיך אַלץ פאַרענדיקט. אויס יום טוב, אויס פרייד, אויס געסט, אַלץ איז ווידער ווי געווען. קיינער פרעגט זיך ניט, קיינער אינטערעסירט זיך ניט; איך גיי ווידער אָן מיט מיין טעגלעכער ארבעט, און בין ווידער אַ געוועגלעכער מענטש, פונקט ווי אַ מאַשין, אָן אויטאָמאַט ניט מער.

נו, און איצט פרעג איך אייך, האָב איך ניט רעכט דערמיט וואָס איך זאָג, אַז עס איז כדאי אַמאָל צו קרענקן?

גאַסטפֿריינטשאַפֿט . . .

ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען נאָך דער „פֿלו״ האָב איך געפֿילט זייער שוואַך און נערוועז, ווי דער שטייגער איז נאָך אַזאַ קראַנקהייט.

מיין דאָקטאָר האָט מיך געראַטן, אַז אויב איך וויל וואָס גיכער קומען צו זיך, זאָל איך ניט זיצן אין שטוב, און אויסמיידן געפּאַקטע פּלעצער, נאָר גייען אַרויס אין גאַס, און כאַפּן אַ סך פֿרישע לופֿט, ווייל דאָס איז דער וויכ־טיקסטער מיטל געזונט צו ווערן.

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג האָב איך זיך וואַרים אָנגעטון, און אַרויס אין גאַס. צום ערשטן האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אַ שפּאַציר איבער ווייטשעפּל.

גיי איך מיר לאַנגזאַם, רואיק, און באַטראַכט די געביידעס, די געשעפֿטן, כאַפּ זיך מיט זיי אַרום, פּונקט ווי מיט גוטע פֿריינט, מיט וועלכע מען האָט זיך שוין לאַנג ניט געזען . . . אָטעם אַריין די ריינע, פֿרישע לופֿט, און בין זיך פּשוט מחיה . . .

גייען פֿאַר מיר פֿאַרביי פֿאַרשידענע מענטשן, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אָבער איך מייד זיי אַלעמען אויס, כדי ניט דאַרפֿן אויסהערן זייערע צרות, ווייל צרות האָב איך אייגענע.

אויף אַ קאָרנער פֿון אַ גאַס, זע איך אַ גרופּע אַרבעטער מיט בלאַסע פּנים׳ער פֿון קעלט, צוליב די זומערדיקע מלבושים, וועלכע זיי טראָגן אין ווינטערדיקע קעלטן . . . אַ דאַנק די קליינע צאָל „קופּאָנס״, וועלכע ערלויבן ניט צו קויפֿן קיין וואַרימע מאַנטלען.

זיי ריידן צווישן זיך געמיטלעך. עס איז שוין געוואָרן אַביסל שטיל אין דער שניידעריי טרייד. די אַמאָליקע גרויסע פֿאַרדינסטן, הויבן אָן קלענער צו ווערן, און מען טראַכט וועגן אַ תּכלית, וועלכער איז פֿאַרבונדן מיט אַ פּראָב־לעם. דהיינו, די ווייבער זענען שוין צוגעוואוינט צו באַקומען גרויסע ווידזשעס פֿון זייערע מענער, און טאַקע לעבן אַביסל בעסער און פֿרייער מיט דעם פֿונט, ווי אין די פֿאַר־מלחמה יאָרן . . . אָבער איצט הויבן זיי אָן צו גראַמבלען. הויבט מען אָן טראַכטן, מען זוכט צו לייזן דעם פּראָבלעם. נאָר פּלוצלונג קומט אָן אַ פּאָלים פֿרוי, און טרייבט זיי פֿונאַנדער. בלייבט דער פּראָבלעם פֿאַר יעדן באַזונדער . . .

ניט ווייט פֿון דאָרט, געפֿינט זיך אַ פּראָמינענטער פֿאָטאָגראַפֿיסט, ביי וועלכן עס זענען פֿאַראַן שיינע בילדער פֿון חתן־כּלה אין שאָו פֿענסטער. גראָד אין דער צייט איז צוגעפֿאָרן אַ קאַרעטע, פֿאַרפּוצט מיט ווייסע בענדער פֿון וועלכער עס זענען אַרויסגעשפּרונגען אַ גליקלעך יונג פּאָרל, קענטיק ערשט נאָך דער חופּה. ביי איר האָבן די אויגן געפֿינקלט פֿון גליק, זי האָט געשיינט אין

איר ווייסן חופה־קלייד מיט דעם שלייער, און ביי אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט א לויז בענדל פֿון רעכטן שיך, מיט וועלכן ער האָט, הפנים נאָר וואָס צובראָכן דאָס גלעזל אונטער דער חופה, און פֿון גרויס באַגייסטערונג דאָס ניט באַמערקט.

ארום דער קאַרעטע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט א היבשע צאָל מיידלאַך און ווייבלעך, זיי האָבן באַוואונדערט די שיינע כלה, און איר מקנא געווען, אז טראָץ דעם מאַנגעל אין מענער, האָט זי דאָך געהאַט דאָס מזל צו באַקומען אזא שיינעם חתן.

איך האָב שפּאַצירט ווייטער, אָבער נאָך עטלעכע מינוטן, האָב איך אָנגעהויבן פֿילן שוואַכלעך, און באַשלאָסן צו גיין צוריק אַהיים. נאָר פּלוצלונג האָט מיך אָבגעשטעלט מיינע א באַקאַנטע, וועלכע וואוינט אין יענעם געגנט, און וועלכע איך האָב שוין גאַנץ לאַנג ניט געזען. זי האָט זיך מיט מיר זייער דערפֿרייט, און נאָכדעם ווי זי האָט מיך אויסגעפֿרעגט וועגן אַלץ און אַלעמען, האָט זי זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, ניט אַנדערש, נאָר איך מוז אַריינגיין צו איר אביסל צוגאַסט. זי האָט מיר פֿאַרזיכערט, אז איר מאַן און די קינדער וועלן זיין זייער צופֿרידן מיך צו זען. איך האָב אפילו ניט געהאַט קיין חשק אָנצונעמען די איינלאַדונג, אָבער אזוי ווי איך בין בטבע א שוואַכע, און לאָז זיך צורידן צו א סך נאַרישקייטן, האָב איך אויך דאָס מאָל ניט געהאַט דעם מוט אָבצוזאָגן מיין באַקאַנטע, און איך האָב צוגעשטימט און בין מיט איר אוועק אַהיים.

גלייך ווי איך האָב באַטרעטן דעם קאָרידאָר, האָב איך באַקומען דעם ערשטן ברוך־הבא פֿון א גרויסן שוואַרצן הונט, וועלכן איך האָב געהאַט דאָס מזל צו געפֿעלן, ווי נאָר ער האָט מיך דערזען האָט ער שוין פֿון מיר דעם גאַנצן אָוונט ניט אָבגעטרעטן. מיר זענען אַריין אין א קליין ענג שטיבל. אין מיטען איז געשטאַנען א גרויסער טיש, ארומגעשטעלט מיט בענקלעך, אזוי אז וואו איר האָט זיך געזעצט, זענט איר געווען אין וועג . . .

מען האָט מיך אויפֿגענומען זייער פֿיין, און געבעטן זיצן אויבן־אָן נעבן דער טיר . . .

אין אויוון האָט געברענט א גרויסער פֿייער, כאָטש אין דרויסן איז געוואָרן דאָס וועטער אביסל מילדער. אויף א קאַנאַפּע, ניט ווייט פֿון איינציקן פֿענסטער, איז געלעגן דער בעל הבית, זיך באַקלאָגט אויף ציין־ווייטאָק, און דערפֿאַר האָט אויך דאָס פֿענסטער געמוזט זיין פֿאַרמאַכט.

לכבוד מיר, דעם חשוב׳ן גאַסט, האָט מען אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ, וועלכער האָט צו יענער צייט ארויסגעלאָזן פֿון זיך משונה׳דיקע דזשעז־טענער, און גערייצט מיינע שוואַכע נערוון . . .

מיין באַקאַנטע האָט אַריינגעטראָגן פֿון קיך א הייסע טעפּל טיי, און צוזאַמען מיט איר איז אַריין א געזונטע ווייסע קאַץ, וועלכע זי האָט גלייך גענומען אויף די הענט און זי געצערטלט ווי א קינד, דערציילנדיק מיר גלייכצייטיק אַלע אירע מעלות און אייגנשאַפֿטן, פּונקט ווי איך וואָלט געדאַרפֿט זיך

מיט איר משדך זיין . . . און הגם איך האָב ניט ליב קיין חיות, האָב איך אויס העפלעכקייט איר אַ גלעט געטון. זי האָט גלייך אָנערקענט מיין פריינטשאַפט, און כדי מיר דאָס צו באַווייזן, האָט זי זיך געזעצט ביי מיר אויפן שויס . . .

באַלד זענען אָנגעקומען די קינדער פון דער ארבעט (זעקס אין צאָל). זיי האָבן זיך אַלע מיט מיר שטאַרק דערפרייט, און צוליב מיר זענען אַלע יענעם אָוונט געבליבן אין דער היים.

אויב איר קענט זיך פאָרשטעלן, וואָס עס מיינט אַזעלכעס פאַר אַ שוואַכן מענטשן צו זיצן אין אַ ענגער שטוב, מיט אַ קאַץ אויף דער שויס, אַן הונט אונטערן טיש, וועלכער לעקט כסדר אייערע פיס, אַ ראַדיאָ, וואָס שפּילט דזשעז, אַ פייער וואָס ברענט ווי אַ גיהנום, אַ ייד וואָס קרעכצט, און דער עיקר אַ יידענע וואָס האַלט אין איין רעדן . . . אויב איר זענט אימשטאַנד דאָס אַלעס צו קאָמבינירן, דאַן וועט איר ערשט פאַרשטיין, וואָס איך האָב יענעם אָוונט געליטן . . .

איך האָב עטלעכע מאָל זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט אַ פּאַרזוך צו גיין אַהיים, אָבער מיינע פריינט האָבן דערפון ניט געוואָלט הערן. סטייטש, וואָס וועל איך פאַרשפּעטיקן, איך האָב נאָך פּלענטי צייט, און טאָמער האָב איך מורא צו גיין אַליין, וועט מען מיך אונטערפירן . . . איך האָב זיך ביי זיי גע־בעטן: לאָזט מיך גיין, איך מוז גיין פרי שלאָפן, דער דאָקטאָר האָט געהייסן; און ווי נאָר איך האָב זיך אויפגעשטעלט, האָבן מיך צוויי פעסטע הענט פון מיין באַקאַנטע צוריק אַוועקגעזעצט. איך בין געוואָרן שוואַך ווי אַ קינד, פאַרלוירן דעם כח און מוט זיך אַנטקעגן צו שטעלן דעם שונא . . . און געבליבן זיצן אין געהאַקטע צרות . . .

זי וועט מיך ניט אַוועקלאָזן, איך מוז מיט זיי האָבן סאַפּער, זאָגט זי, און בינו לבינו, דערציילט זי מיר וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, זינט מיר האָבן זיך ניט געזען.

איך קוק אַרויס פון פענסטער, און בין מנקא די פון יענער זייט. איך פיל ניט גוט, עס הויבט מיר אָן שווינדלען פאַר די אויגן, און זי רעדט נאָך אַלץ און רעדט אָן אויפהער און אָן אַ סוף . . . מיר ווילט זיך אויסשרייען: געוואַלד, גזלנים, וואָס האָט איר צו מיר, לאָזט מיך אַרויס, ווייל איך וועל באַלד אַוועק'חלש'ן . . . אָבער מען גרייט צום טיש און מען גייט עסן סאַפּער.

איך האָב שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגן, מיין געדולד האָט גע־פּלאַצט. אויף גיך האָב איך געכאַפּט מיין מאַנטל, און אָן אַ זיי־געזונט, ווי אַ משוגענע, אַרויס אין גאַס, וואו איך האָב פריי אָבגעאָטעמט.

איך בין שוין אַ היים ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, געלאָפן ווי געטריבן פון שדים. ווען איך בין אַריין צו מיר אין שטוב, האָב איך מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. איך בין גלייך אַריין אין בעט, פאַרבונדן דעם קאָפּ, און ווידער אָבגעלעגן דריי טעג אין פיבער. און בשעת איך האָב געברענט, האָב איך כסדר געהערט, ווי מיין באַקאַנטע רעדט, דער ראַדיאָ שרייט, דער מאַן קרעכצט, די קאַץ מיוקעט, דער הונט דרייט זיך אַרום מיר, און איך שריי געוואַלד, ראַטעוועט איך ברען . . .

אַ דאָקטאָר וואָס פֿאַרשטייט אַ קרענק...

אין אַ פֿרימאָרגן, ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, שטיי איך מיר אויף ווי געוועגלעך, וואַש זיך אַרום, און גיי צו צום שפּיגל זיך פֿאַרקעמען די האָר, דערזע איך פּלוצלונג ווי ביי מיר אויפֿן פּנים איז אויסגעוואַקסן אַ פּרישטשיק.

כאָטש עס איז אַ געוועגלעכע ערשיינונג, וואָרים ווער האָט עס ניט אַמאָל אַזאַ זאַך. דער אונטערשיד איז נאָר, ביי איינעם זעצט ער זיך אויף דער נאָז... ביי אַ צווייטן — אויפֿן קאַרק, ביי אַ דריטן אויף דער צונג . . . און ביי מיר איז אים גראָד געפֿעלן געוואָרן מיין פּנים . . . נו, האָט עס מיך פֿונדעסטוועגן אַביסל פֿאַרדראָסן. דאָך האָב איך באַשלאָסן ניט צו מאַכן קיין ווען דערפֿון, און זיך פֿאַרנומען מיט מיין טעגלעכער אַרבעט.

פֿאַרטיק געוואָרן אין הויז, האָב איך זיך אָנגעטון און אַרויס אין גאַס, איינקויפֿן די טעגלעכע שפּייז, און האָב שוין כמעט אין גאַנצן פֿאַרגעסן וועגן דעם פּרישטשיק.

איך האָב באַגעגנט מיינע אַ באַקאַנטע, און זיך מיט איר אָבגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, ווי געוועגלעך אין אַזאַ צייט, איר צו ווינטשן אַ גוט יאָר און אַ גרינגען תענית.

אָבער נאָך איידער איך האָב אויסגעפּייעט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, און ווען זי האָט אויף מיר דעם ערשטן קוק געגעבן, האָט זי פֿאַרבראָכן מיט די הענט און אַ פֿאַרצווייפֿלטע אויסגערופֿן:

— וויי איז מיר! וואָס איז דאָס ביי אייך אויף דעם פּנים?

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן פֿאַר איר אויסרוף, אָבער איך האָב זיך באַלד באַרואיקט, און געענטפֿערט גאַנץ געלאַסן:

— אַ קלייניקייט . . . אַ פּרישטשיק . . . .

— אַ קלייניקייט איז דאָס ביי אייך? — איז זי מיך באַפֿאַלן מיט כעס — און איך זאָג אייך, אַז עס איז אַן ערנסטע זאַך, און ניט נאָר ערנסט נאָר געפֿערלעך, און נעמט עס ניט אַזוי לייכט. פֿאָלגט מיך, איך בין אייך אַ גוטער פֿריינט . . . האָט רחמנות אויף אייער יונג לעבן, און פֿאַרלאָזט דאָס ניט, גייט גלייך צום דאָקטאָר, אפשר וועט ער נאָך קענען עפּעס טון פֿאַר אייך . . . מיט אַזאַ קראַנקהייט שפּילט מען זיך ניט, ביי מיינער אַ קוזינע האָט געטראָפֿן די זעלבע זאַך, זי האָט עס אויך געהאַלטן פֿאַר אַ קלייניקייט פּונקט ווי איר . . .

— נו, נו, — האָב איך געפֿרעגט, שוין אַביסל נערוועז.

— נו, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, עס זאָל זיך שוין מער אַזעלכעס ניט טרעפֿן אין קיין שום יידיש הויז . . .

— וואָס מיינט איר, זי איז געשטאָרבן ? — האָב איך ווידער געפּרעגט, און עס האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, און קלאַפּן אין האַרצן.

— ס'איז בעסער איר זאָלט ניט וויסן. פאָלגט מיך און גייט שוין צום דאָקטאָר, איר זאָלט אים דערציילן אייער גאַנצע היסטאָריע, אפשר וועט ער נאָך עפּעס קענען טון פאַר אייך . . .

זי האָט זיך ווידער אַמאָל איינגעקוקט אין מיין פּנים, און אַ זאָג געטון :

— יאָ, יאָ, פּונקט אַזוי האָט עס ביי איר אויסגעזען.

ביי די ווערטער האָט זי זיך מיט מיר געזעגנט, מיר צוגעווינשן אַ רפואה שלימה, און אויף גיך אַנטלאָפן.

איך בין געבליבן שטיין אַ האַלב טויטע, און דערפילט אַז אָט־אָט פאַל איך אין חלשות . . .

פון איינקויפן איז שוין קיין רייד נישט געווען. איך בין גלייך אוועק אהיים, זיך אַ וואָרף געטון אויף אַ בענקל, און זיך צוכליפּעט ווי אַ קליין קינד.

מיין אַלטער האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן, און גענומען בעטן איך זאָל אים דערציילן וואָס מיט מיר איז געשען.

— סטייטש, ביזט דאָך אוועק פריש און געזונט — האָט ער גע'טענה'ט — און פּלוצלונג אהיים געקומען אַן איבערגעביטענע. ניט אַנדערש נאָר דו האָסט באַקומען אַן עין הרע פון אימיצן . . .

נאָכדעם ווי איך האָב זיך גוט אויסגעוויינט און געקומען צו זיך, האָב איך אים אָנגעוויזן אויפן פּרישטשיק און צוגעגעבן, אַז איך לייד פון אַ געפערלעכער קראַנקהייט, פון וועלכער אַ פרוי איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן, און אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן אַ שבועה, אַז ער וועט מער ניט חתונה האָבן, און בלייבן אַ טרייער פאָטער צו אונזערע יתומים . . .

ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי משוגע, און אויסגעבייטעלט אַלע זיינע וויסטע חלומות צו די שונאים'ס קעפּ. ער האָט מיך דערמאָנט, אַז אונזער הויז־דאָקטאָר, וועלכער האָט מיך ניט לאַנג צוריק אונטערזוכט, האָט אויס־געפונען אַז איך בין גאָט־צו־דאַנקען געזונט און שטאַרק אויף אַלע אברים, און ער, מיין מאַן, האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דער פּרישטשיק איז גאָרניט מיט גאָרניט . . . נאָר עס קען זיין אַז מיינע נערוון זענען ניט אין אָרדנונג, און דערפאַר רעד איך מיר איין אַ קרענק . . .

איך האָב אפילו ניט געהערט וואָס ער רעדט צו מיר, ווייל איך בין שוין געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין, און מיט מיין געפערלעכע קראַנקהייט . . . איך האָב שוין באַשלאָסן צו מאַכן אַ צוואה און צוטיילן די ירושה. עס איז מיר געווען בלויז אַ שאָד מיין נייער קאָסטיום מיט די נייע שיך און דעם שיינעם העט, וואָס איך האָב מיר לעצטנס געקויפט, און נאָך אפילו איינמאָל ניט אָנגעטון. און איצט וועל איך דאָס אַלץ מוזן איבערלאָזן, אַלץ צוליב אַזאַ קליינעם פּרישטשיק . . . אַזאַ אָנשיקעניש . . .

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיין באַקאַנטע האָט מיך גלייך געהייסן גיין

צום דאָקטאָר. האָב איך אויף זיך שנעל אַרויפגעכאַפּט דעם מאַנטל און אַוועק אַהין.

דער דאָקטאָר האָט באַטראַכט דעם פרישטשיק, געקוקט אַהין און אַהער, געשאָקעלט מיטן קאָפּ, און געשוויגן . . .

— אַהאַ! דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז איך בין אַ חולה מסוכן — האָב איך געטראַכט. זיין שווייגן איז מיר ניט געפעלן. עס האָט מיך אַ ציגעטון ביים האַרצן, איך האָב זיך צוּאַוויינט אויפן קול, און אים געבעטן ער זאָל מיך ראַטעווען, איך זאָל נאָך קענען זיין אַ מאַמע צו מיינע קינדער . . .

איך האָב זיך דערמאָנט וואָס מיין באַקאַנטע האָט מיר געזאָגט, און כאָטש ער האָט מיך ניט געפרעגט, האָב איך אים געגומען דערציילן מיין גאַנצע לעבענס היסטאָריע . . . ער האָט פּרובירט מיך עטלעכע מאָל איבערצושלאָגן, אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזט און ווייטער דערציילט, אַלץ וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען פון זינט איך בין אַ קינד געווען . . . און פונקט ווען איך האָב געהאַלטן ביים עיקר, האָט ער מיר אַריינגערוקט אַ גלעזל אין מויל און געהייסן פעסט פאַרמאַכן די ליפּן.

דערוויייל איז ער צו צום טעלעפאָן, און איך האָב אַליין געהערט ווי ער האָט אַרויסגערופן אַן אַמבולאַנץ, צו נעמען אַ פּאַציענט אין האָספּיטאַל . . . דאָס האָב איך גלייך פאַרשטאַנען מיינט ער מיך . . . איך האָב געוואָלט אויסשרייען: „ניין, ניין, איך וועל ניט גיין, אויב שטאַרבן וויל איך אין דער היים, אויף מיין אייגן בעט, זאָל „מיינער" אויך כאַפּן אַביסל צרות, און זאָל עס אים ניט אָנקומען אַזוי לייכט צו פּטר'ען אַ ווייב" . . .

אָבער גיי שריי, אַז דאָס מויל איז פאַרמאַכט און איך טאָר עס ניט עפענען.

נאָך גלייך ווי ער האָט מיך באַפרייט האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האַלט ניט פון אַזאַ דאָקטאָר, וועלכער שיקט גלייך אָב אין האָספּיטאַל, וואו דאָס מענטשלעכע לעבן האָט קיין ווערט ניט . . . און דערפאַר וועל איך מער צו אים ניט קומען, ניט מיין מאַן, וועלכער איז ביי אים אַ גוטער קאַסטאָמער... ניט מיינע קינדער, און ניט מיינע גוטע פריינט.

ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דער אַמבולאַנץ איז ניט פאַר מיר, נאָר פאַר אַ קליין קינד, וואָס ליידט פון פיבער, אָבער איך האָב עס אים ניט געגלויבט.

ער האָט מיר אויך מיט געוואַלד געוואָלט איינרעדן, אַז מיר איז גאָרניט, איך בין געזונט, הלואי אויף אים געזאָגט געוואָרן. אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזט, און אים געענטפערט, אַז מיך קען מען ניט בלאָפן, ווייל איך אַליין בין אַ גרויסער מבין אויף זיך . .

— איר זאָגט אַז מיר איז גאָרניט, האַ, דאָקטאָר? אויב אַזוי טאָ וואָס איז מכוח מיין פרישטשיק? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס איז ביי אייך פון מאָגן, איר דאַרפט איינגעמען . . . — האָט ער חוצפה'דיק געזאָגט צו מיר, און געשמייכלט.

— ניין, דאָקטאָר, איינגעמען דאַרפט איר, ווייל איר זענט פון יענע דאָקטוירים וועלכע האַלטן אין איין נעמען . . . — האָב איך אים געענטפערט, און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— אָבער איר האָט דאָך מיר נאָך נישט באַצאָלט — האָט ער געזאָגט שוין אביסל מיט כעס . . .

— און איך וועל אייך ניט באַצאָלן, און טוט מיר עפּעס . . .

— איך וועל אייך אָנקלאָגן אין געריכט. אַזאַ חוצפה! קומט צו גיין, נעמט צו מיין צייט, און וויל נאָך ניט באַצאָלן.

— פאַרוואָס קומט אייך צו באַצאָלן, אַז איר גיט מיר אפילו ניט קיין מעדיצין, איך קום צו גיין צו אייך מיט אַ געפערלעכע קרענק, זאָגט איר מיר, אַז עס איז גאָרניט, און דערפאַר ווילט איר אַז איך זאָל אייך נאָך באַצאָלן אויך? נאָ סער! — האָב איך אים מיט דרייסטקייט געענטפערט, שוין פון יענער זייט טיר — איך גיי זוכן אַ דאָקטאָר, וועלכער איז אַ מבין אויף אַ פרישטשיק, און פאַרשטייט אַ קרענק . . .

אַנ'אָפּענער בריוו צו אַ חבר

מיין ליבער חבר מאָטעל.

דיין בריוול האָב איך דערהאַלטן, און עס פרייט מיך צו הערן, אַז טראָץ דער וויסטער מלחמה לעבסטו און ביזט געזונט; דאָס זעלבע ווינש איך דיר צו הערן פון מיר . . . מיך פרייט זייער, וואָס דיר איז ענדלעך געלונגען אָנצושרייבן אַ ווערק, און נאָך מיט אַזאַ ווערטפולן נאָמען ווי „דאָס גאָלדענע ווייבל". דערנאָמען אַליין זאָגט שוין אַזוי פיל, אַז מען דאַרף דאָס בוך ניט לעזן, כדי צו שאַפן זיך אַ באַגריף וועגן רייכן אינהאַלט. מיין וואונש איז, אַז דו זאָלסט ווייטער אָנגיין מיט דיין ליטעראַרישע טעטיקייט און באַרייכערן דאָס יידישע פאָלק מיט דיינע שאַפונגען, אמן.

און איצט צו דעם הויפּט־פונקט פון דיין בריף: דו פרעגסט מיך, ליבער חבר, צי עס וואָלט ניט געווען כדאי, אַז דו זאָלסט זיך באַלד נאָך דער מלחמה אַריבערכאַפּן נאָך לאָנדאָן, און דאָ פאָרטזעצן דיין וויכטיקע אַרבעט אויפן ליטעראַרישן געביט, וואו דו ביזט זיכער צו ווערן אָבגעשאַצט און אָנערקענט. דאָס איז זייער אַן ערנסטע פראַגע, און מען קען אויף איר ניט אַזוי לייכט ענטפערן. דערפאַר אָבער וועל איך דיר שילדערן אַ פאַקט, וועלכער וועט דיר פאַרענטפערן אפילו די ניט געפרעגטע פראַגן אויך.

מיט אַ צייט צוריק בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ באַנקעט, לכבוד דעם ערשיינען פון אַ נייעם בוך. דער נאָמען פון דעם שרייבער און דעם ווערק איז דאָ ניט וויכטיק . . . דער סאַמע עיקר איז דער באַנקעט. איך האָב זיך יענעם אָוונט אויסגעפוצט אַזוי ווי עס פאַסט צו באַערן אַ חבר, און אַוועק צום באַשטימטן פלאַץ, אַלאַ קאַרטע.

מילא, דאָס וואָס די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט צוויי שעה שפעטער ווי באַשטימט, איז אויך ניט וויכטיק, ווייל ביי אונז איז עס ניט קיין נייעס, אַ גאַנץ געוועגלעכע ערשיינונג. ביים אַריינגאַנג האָט מען ביי מיר קודם כל געבעטן אַ שפּאָרע מטבע איינטריט געלט. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. סטייטש, האָב איך גע'טענה'ט, איר האָט דאָך מיך איינגעלאַדן, און אויף דער קאַרטע איז ניט געווען דערמאָנט קיין פרייז, און צווייטנס בין איך אַ מיטגליד אין זשורנאַליסטן פאַריין . . .

דאָ האָט זיך דער קאַסירער שטאַרק צולאַכט, און מיר געענטפערט, אַז קיין פרייזן אויף די קאַרטן האָט מען ניט געשטעלט דערפאַר, ווייל מען האָט דורכאויס געוואָלט עס זאָל קומען אַ גרויסער עולם . . . און וועגן זשורנאַליסטן פאַריין, האָט ער געלייקענט שטיין און ביין. עס איז גאָר, זאָגט ער, אַזאַ זאַך ביי אונז ניט פאַראַן, און עס וועט ניט זיין. עס געפינען זיך עטלעכע, וואָס

קומען זיך צוזאמען און מאכן שבת פֿאר זיך . . . אויף דעם חשבון קענט איר ניט אריינגיין אָן געלט . . .

דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין באלד חרטה באַקומען אויפֿן גאַנצן עסק און געוואָלט אוועקגיין. האָב איך אָבער אונטער זיך דערזען עטלעכע פֿריינט. דאָס האָט מיך געבראַכט אין פֿאַרלעגנהייט, האָב איך מיט פֿאַרדרוס אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען די באַשטימטע סומע, און אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש.

„איר קענט שוין אַריינגיין”, האָט מען מיר געזאָגט. ווען איך בין אַריין אין זאַל האָב איך געפֿונען פֿיין געדעקטע טישן מיט ווייסע טישטיכער, פּאַפּירענע סערוועטקעס, אַ גרויסע צאָל פּאַפּירענע בלומען וועלכע האָבן באַשיינט דעם טיש, טעלער, מעסער, גאָפּל, און אַ גרויסע צאָל טיי געשיר. עס איז געלעגן אַ סך אָנגעשניטענע ברויט, ווייסע, ברוינע און שוואַרצע, אַזוי ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ אונטערנעמונג. אָבער דער עיקר מאכל פֿון דעם אָוונט איז געווען הערינג . . . און ניט גלאַט הערינג ווי מיר עסן ביי זיך אין דער היים, נאָר טאַקע הערינג פֿון אַלערליי סאָרטן: געהאַקטע, געפּיקלטע, געריכערטע און געזאַלצענע, פֿאַרפּוצט מיט רויטע טאָמאַטאָס און שוואַרצע מאַסלינעס, מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַ הערינג אָוונט . . .

דער עולם וועלכער איז געווען פֿאַרזאַמלט אין אַ גרויסע צאָל, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפֿונען זשורנאַליסטן, שרייבער, ליטעראַטן, קולטור־טרעגער און כלל־טוער, האָבן זיך געזעצט אַרום די טישן. דער חשוב'ער פֿאָרזיצער האָט געעפֿנט דעם אָוונט מיט אַ פֿאָררעדע, אין וועלכער ער האָט ערקלערט דעם צוועק פֿון דעם צוזאַמענקונפֿט.

גלייך נאָך דעם האָבן זיך די געסט גענומען מיט אימפּעט און אַפּעטיט צו דער אכילה . . . צי דאָס האָט פֿאַראורזאַכט דער רייץ צו די געזאַלצענע שפּייז, אָדער די נקמה פֿאַרן גרויסן פּרייז וואָס יעדער האָט באַצאָלט, ווייסט מען ניט גענוי. יעדנפֿאַלס וועט די וויכטיקע פֿראַגע ווערן גרינדלעך אויס־געפֿאָרשט, און דעם באַשלוס וועל איך דיר שרייבן אין צווייטן בריוו . . .

און אַזוי ווי קיין זאַך איז ניט אויף אייביק, האָט אויך גענומען אַ סוף צום עסן.

דאַן האָט מען זיך גענומען צו דער גייסטיקער אָבטיילונג פֿון אָוונט.

דער פֿאָרזיצער האָט אויפֿגערופֿן איין רעדנער נאָכן צווייטן. יעדער פּראָמינענטער גאַסט האָט באַקומען דאָס וואָרט. חברים און פֿריינט האָט מען געלאָזט אויף שפּעטער. מען האָט געהאַלטן פֿייערדיקע רעדעס.

איך וויל דיר דאָ ניט איבערגעבן יעדן ספּיטש באַזונדער, ווייל עס וועט דיר ווערן לאַנגווייליק לעזנדיק, פּונקט ווי מיר הערנדיק. איינס קען איך דיר פֿאַרזיכערן, אַז קיין איינציק ניי וואָרט איז ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן. ווען דער ערשטער רעדנער מאַכט אַ רעקאָרד פֿון זיין ספּיטש, וואָלטן אַלע אַנדערע ניט געהאַט מער וואָס צו זאָגן, און אַזוי אַרום וואָלט זיך דער אָוונט געענדיקט זייער פֿרי, און דער עולם וואָלט געקענט אַרויסגיין כאַפּן פֿרישע לופֿט . . .

דעם שרייבער און זיין ווערק האָט מען באַזונגען מיט די שיינסטע לויב געזאַנגען. אַלע אַנוועזנדע האָבן צוגעשטימט (ווער האָט דען געקענט זיין דאַגעגן?) ווען דער פּאָרזיצער האָט געזאָגט, אַז מיר יידן מעגן זיין שטאָלץ מיט אַזאַ גאָניאַלן יידישן שרייבער, און עס איז פאַר אונז אַ גרויסער כבוד צו האָבן אים ביי אונז אין לאָנדאָן (גרויסער אַפּלויז).

דער אויספיר איז געווען, אַז אַלע פּריינט האָבן זיך פאַרפליכטעט צו קויפן אַ קאָפּיע פון דעם בוך, און ניט נאָר קויפן, נאָר אים טאַקע אויך לעזן . . . און דער עיקר האָט מען אים צוגעזאָגט צו געבן די מאָראַלישע און פינאַנציעלע שטיצע כדי ער זאָל קענען ווייטער (דאָס האָט מען מן הסתם געמיינט ווייטער פון לאָנדאָן) פאָרטזעצן זיין וויכטיקע אַרבעט אויפן ליטעראַרישן געביט.

איז דאָך שוין אַלעס גוט און וואויל, אַ־יאָ, חבר מאָטל? בין איך טראַץ די באַגייסטערטע רעדעס און צוזאַגענישן געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. ווייל מיר זענען די באַנקעטן און לויב־געזאַנגען גוט באַקאַנט, און איך בין איבערצייגט, אַז זיי קומען פון מויל און ניט פון האַרצן: עס איז זייער פיין געזאָגט, שיין גערעדט, אָבער גאָרניט געמיינט . . .

אויב דער שרייבער איז נאָך אַ גרינער, און דער אונטערשלאַג פון דעם צוגעטיילטן כבוד איז אים אונבאַקאַנט, גייט ער אהיים פול מיט האָפנונג, און מאַלט זיך אַ גרויסע צוקונפט. אַזעלכן איז נעבעך צו באַדויערן. טרעפט עס אָבער מיט איינעם פון אונזערע, קען ער שוין די פּראָצעדור פון די צוגעזאָגטע גליקן, נעמט ער עס ניט ערנסט, און ווערט דערפאַר ניט ענטוישט.

און איצט צום שלום זאָג איך דיר, חבר מאָטל: זאָל זיך דיר ניט גלוסטן צו טאַנצן אויפן אייז . . . ליג איינגעלייגט דאָרט וואו דו ביזט. שרייב, זיי פּראָדוקטיוו, אָבער אָן באַנקעטן און פייערדיקע רעדעס. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען דיר שרייבן. דערווייל בלייב מיר געזונט און שטאַרק, מיט אַ גרינגער פרנסה, שרייב אַ גרויסען לאַנגען בריוו, מיט אַלע נייעסן פון דער גאָרער וועלט.

און צולעצט בעט איך דיך, פאַרגעס ניט מיר צוצושיקן דיין „גאָלדען ווייבל". אפשר וועט מיר געלונגען זי צו פאַרקויפן, ווייל דאָ ביי אונז האָט מען ליב גאָלדענע ווייבלעך . . . און אפשר וועט זיך געפינען אַ בעלן וואָס וועט זי דריקן. און אויב ניט, האָב איך אַן אַנדערן פּלאַן: איך וועל זי איבערגעבן אין די הענט צו איינעם פון די לאָנדאָנער יידישע טעאַטער דירעקטאָרן, און אַז זי וועט געפינען חן אין זיינע אויגן, וועט ער שוין מאַכן אַ לייט פון איר. זי וועט ווערן באַאַרבעט, באַפּוצט מיט געזענגע און טענץ, דראַמאַטיזירט, אינסצענירט, און אויפגעפירט מיט פּראַכט און גלאַנץ, און אַז עס וועט זיך איינגעבן, קענסטו נאָך פון איר אַ סך נחת האָבן. ערשטנס, וועט זי דיר ברענגען אַ גוטן פּרייז, און צווייטנס קענסטו דורך איר ווערן אַ באַרימטער דראַמאַטורג . . .

פאַרשטייסט, חבר מאָטל? . . .

דערווייל אָבער האָב מיר אַ גוטן תמיד, און לאָז פון זיך הערן.

דיין חבר'טע, גיטעל.

אַ גליקלעכער צופאַל

איך וויל אייך היינט דערציילן אַן אמת'ע מעשה, וואָס האָט געטראָפן יענע וואָך מיט מיינע אַ באַקאַנטע, וועלכע וואוינט ביי מיר אין אַ „בעק־רום" אויפן „טאָפ־פלאָר".

מרים איז אַ מיידעל שוין העט, העט אין די יאָרן, און לויט ווי זי דערציילט האָבן זיך יונגע לייט געדרייט אַרום איר, ווי בינען אַרום האָניג . . . אָבער זי האָט געהאַלטן אין איין קלויבן, און ניט געקענט באַשליסן, מיט וועלכן חתונה צו האָבן. האָט זי ביי זיך אָבגעמאַכט נאָך אונטערצוואַרטן ביז זי וועט דאָך אַמאָל געפינען איר הארצנס געליבטן . . . דער סוף איז געווען, זי איז פאַרבליבן דאָס וואָס זי איז, אַן אַלטע מויד, ניט פאַר קיין שום יידישע טאָכטער גערעכט.

פונדעסטוועגן באַקלאָגט זיך נישט מרים אויף איר מזל. זי האָט פיינט די מענער, זאָגט זי (אויב איר ווילט גלויבט עס איר). נאָר אַזוי ווי אַ מענטש, און דערצו אַ פרוי, קען דאָך ניט אייביק זיין אַליין, מען מוז דאָך האָבן אַ פריינט, האָט זי זיך אַריינגענומען אַ קעצל אין שטוב.

איז דאָס קעצל שוין ביי איר עטלעכע יאָר.ביידע לעבן זיך בשלום. מען רעדט ניט אויס אַ הויך וואָרט איינער צום אַנדערן, מען לעבט זיך ווי אַ פאָר טויבן, און ביידע זענען צופרידן.

מאַכט זיך אָבער אַזאַ מעשה, איר מעגט דאָס הערן מיט קאָפ: ווען די קאַץ איז עלטער געוואָרן, האָט זי אָפּנים מיט איר קעצישן שכל אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אַזוי לעבן ווי איר בעל־הבית'טע איז ניט גוט, און ניט פראַקטיש און דערפילט אַז אַ פרוי דאַרף האָבן אַ מאַן, אַזוי ווי עס פירט זיך פון אדם און חוה'ס ציטן. האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס, און ניט איבערקלייבנדיק, אַזוי ווי מרים, האָט זי גלייך געפונען איר באַשערטן . . .

עס איז אַוועק אַ קורצע צייט, און מרים האָט אין אַן אָוונט באַמערקט, ווי איר איינציקע פריינדין, איר בעסטע און טייערסטע חבר'טע, האָט זיך צוואוקסן אין דער ברייט . . .

זי איז אין דעם מאָמענט געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער חיה. אָבער באַלד האָט זי זיך באַרואיקט מיט דעם געדאַנק, אַז איר אַנשטענדיקע קאַץ, וועלכע איז איר אַזוי געטריי, וועט אַזאַ זינד ניט באַגיין . . . און דערמיט האָט זי דעם פיינלעכן פאַרדאַכט פון זיך פאַרטריבן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער אָבער, ווען זי האָט זי גענומען אויף דער שויס, זיך מיט איר אַ שפּיל צו טון, ווי געוועינלעך, האָט זי אויסגעפונען, אַז איר חשד איז אַ באַרעכטיקטער, און געוואָרן מלא רציחה אויף דער קאַץ,

דערפאַר וואָס זי איז אַראָב פון גלייכן וועג . . . און באַטראַגן איר בעסטע פריינדין, וועלכע האָט זיך פשוט מקריב געווען פאַר איר, אויסגעשטאַנען זיך אַזוי פיל צרות פון איר, אין די רעידס, געטראָגן זי מיט זיך אין שעלטער יעדע נאַכט, אַוועקגעגעבן איר דאָס פיצל פליישׂ, וואָס זי פלעגט באַקומען פאַר אירע רעשאָנס, געשטאַנען אין קיו צו באַקומען פאַר איר אַ שטיקל פיש . . . זיך ניט פאַרגינען, און איר אַלץ אַוועקגעגעבן . . . און איצט האָט זי איר פאַר אַלץ אָבגעצאָלט . . . אַזאַ געמיינהייט, אַזאַ פאַלשע קאַץ . . . און דערפאַר טאַקע גלייך באַשלאָסן צו נעמען נקמה אין איר . . .

די קאַץ, אָבער, ניט פילנדיק זיך שולדיק אין קיין שום פאַרברעכן, האָט זיך פונקט ווי פריער געלאַסטשעט אַרום איר, געקראָכן אויף איר שויס, און געלעקט איר האַנט.

אָבער מרים האָט זי מער ניט געקענט פאַרטראָגן, ניט געקענט איר גלייך קוקן אין די אויגן, און זי געהאַלטן אין איין טרייבן פון זיך. פון דאַמאָלט אָן איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צוטראָגענע, אַ נערוועזע, באַהערשט פון אַ מאָדנעם געפיל, וועלכן זי האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען, אַ געפיל פון האַס, געמישט מיט אייפערזוכט . . .

אין אַ געוויסן אָוונט ווען זי איז אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי געטראָפן געסט אין שטוב: פינף קליינע קעצעלעך.

זי איז געוואָרן אויפגעבראַכט. אַ ווילדער כעס איז איר באַפאַלן, דאָס פנים האָט זיך ביי איר צופלאַמט, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפט פון אויפ־רעגונג, ווי ביי אַ גזלן. די קאַץ אַ מאַמע . . . אַ מאַמע . . . האָט אין איר מוח געבערענט דער געדאַנק. און גלייך האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן ווי איר וויי צו טון. זי איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, און אויסגערופן מיט ענטשלאָסנהייט: יאָ, אַזוי וועט זיין . . . זאָל זי ליידן אַזוי ווי איך, אַזאַ חצופה. זי וועט ביי מיר באַלד ווערן אויס מאַמע . . יאָ, נאָך היינט וועל איך פון זיי פּטור ווערן... איך וויל די ממזרים דאָ ביי מיר אין שטוב ניט האָבן . . .

בליץ־שנעל האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ טעצעל מיט מילך אויף דער פאַדלאָגע, און אַזוי ווי די מאַמע־קאַץ איז צוגעגאַנגען זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ, האָט מרים מיט אַ ווילדן אימפּעט צוזאַמענגענומען אַלע פינף קעצעלעך, זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ קליינעם טשעמאָדאַן, געכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל, און מיט שנעלע טריט אַראָב פון די טרעפּן. אין גאַס איז שוין געווען טונקל, זי איז געווען צופרידן, קיינער וועט זי ניט זען, און זי וועט קענען אומגעשטערט דורכפירן דעם פּלאַן.

נאָך עטלעכע טריט איז זי געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט, און גענומען אַ ערנסטן טראַכט טון, וואָס צו טון מיט זיי.

יאָ, אַ גוטער פּלאַן, זי וועט זיי אַוועקטראָגן צום בריק, וועלכע געפינט זיך ניט וויט, און אַז עס וועט ווערן שטיל, און קיינער וועט ניט זען, וועט זי זיי אַריינוואַרפן אין וואַסער און פּטור אַן עסק . . . אויס קינדער, אויס מאַמע...

מיט שנעלע טריט ווי וועלנדיק זיך וואָס גיכער באַפרייען פון דער לאַסט,

איז זי אוועק אין יענער דירעקציע . . . און אַט איז זי שוין דאָרט אויף דער בריק, זי קוקט אַראָב, עס איז פינסטער . . . גוט . . . דאָס וואַסער אונטן רוישט און זשומעט, און זי טראַכט אַ צופרידענע: אַט וועלן זיי באַלד ליגן דאָרט און אַ סוף.

זי קוקט זיך ווידער אַרום, הערט זיך איין — גוט, קיינער גייט נישט, איצט איז דער ריכטיקער מאָמענט . . . און אַט הויבט זי אָן עפענען דעם טשעמאָדאַן מיט שרעק, מיט ציטערדיקע הענט . . . נאָר פּלוצלינג האָט זי דערהערט טריט און אַ שטילן שעפּטשן ניט ווייט פון זיך. זי איז געבליבן שטיין ווי פּאַראַליזירט. עס איז נאָענט נעבן איר פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַרליבט פּאָרל, זיי האָבן זיך אַ ווײַלע אָבגעשטעלט און הילכיק צוקושט . . .

אין מרים'ען האָט אויפגעקאָכט דאָס בלוט . . .

— אויסראָטן דאַרף מען זיי, פונקט ווי די קעץ . . . טפו זאָלן זיי ווערן!

— האָט זי אויסגעשפּיגן.

עס איז ווידער געוואָרן טויט־שטיל, דאָס האָט זי אַביסל באַרואיקט, און זי האָט זיך ווידער גענומען דורכצופירן איר געוואָגטן פּלאַן.

אַ אינגל אויף אַ בייסיקל איז פאַרבייגעפלויגן, און זיך צוגעפּייפט אַ פּיקאַנט לידל.

אַט וואַקסט אונטער נאָך אַ שאַרלאַטאַן, וועלכער וועט זיכער צוברעכן מער ווי איין פרויען האַרץ — האָט מרים געזאָגט מיט ביטערקייט, און אים צוגעוואָרפן אַ קללה . . . ס'איז ווידער געוואָרן שטיל . . .

אַט איצט — טראַכט מרים — איצט אָדער קיינמאָל ניט.

נאָר מיט אַמאָל איז זי באַפאַלן אַ רחמנות געפיל צו די אונשולדיקע באַשעפענישן . . . נעבעך, נעבעך — האָט זי געמורמלט צו זיך אַליין — וואָס זענען זיי שולדיק, אַז די מאַמע איז אַן אויסוואורף . . . ס'איז דאָך אַ צער בעלי חיים, האָט איר געוויסן פּראָטעסטירט, מען טאָר ניט. דו באַגייסט אַ מאָרד . . . אַ מאָרד . . . אַ מאָרד — האָט זי געמאַטערט דער געדאַנק — טאָ וואָס־זשע טוט מען מיט זיי? ניין, איך קען זיי ניט צוריק אַהיים נעמען . . .

— עס איז ענטשטאַנען אַ שטאַרקער קאַמף ביי איר אין האַרצן, פון איין זייט די מורא פאַר דער זינד, פון דער צווייטער זייט די נקמה אין דער קאַץ.

נאָר פּלוצלינג איז, ווי פון הימל אַראָב, אָנגעפאָרן אַ קאַר מיט צוויי פּאַסאַזשירן, און זיך אָבגעשטעלט נאָענט נעבן איר. זי איז געבליבן פאַרשטיינערט פון שרעק . . .

איינער פון זיי איז אַרויסגעשפּרונגען, מיט אימפּעט אַ ריס געטון פון איר האַנט דעם טשעמאָדאַן, צוריק אַריין אין דער קאַר, און שנעל פאַרשוואונדן אין דער פינסטערער ווייטקייט . . .

מרים איז געבליבן ווי צומישט. זי האָט ביי קיין אופן ניט געקענט קומען צו זיך. נאָר נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַביסל באַרואיקט, און באַגריפן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז זי אַ צופרידענע און מיט אַ ריינעם געוויסן אוועק אַהיים.

צופיל אידיש!...

קלאָגט זיך פאַר מיר מיינע אַ באַקאַנטע, אַ שטילע בכבוד׳ע פרוי, און רעדט זיך אָב איר ביטער האַרץ.

איר טאַטע, זאָגט זי, איז געווען אַ גוטער, פרומער ייד, דאָרט אין דער אַלטער היים. אַלע אין שטעטל האָבן איר מקנא געווען מיט אַזאַ טאַטן, און איר מאַמען מיט אַזאַ מאַן. מען האָט זיך פשוט געבענשט מיט אים. קלוג איז ער געווען, ווי שלמה המלך, גוט ווי די וועלט . . . און שיין ווי די זון אין הימל. סוחרים פלעגן קומען זיך מיט אים עצות האַלטן, זיין גוטסקייט האָט קיין גלייכן ניט געהאַט. דעם לעצטן ביסן פלעגט ער אַוועקשיינקען אַ הונגעריקן אָרימאַן. זיין יחוס האָט געשטאַמט נאָך פון דור דורות. מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַ ייד, צו גאָט און לייט.

עס איז שוין אַוועק אַ היבש ביסל יאָרן זינט ער איז געשטאָרבן, און איר ווילט זיך שטאַרק אַ נאָמען נאָך איר טאַטן . . .

נאָר פונקט ווי אויף צו־להכעיס מאַכט זיך ניט, עס זאָל געבוירן ווערן אַ אינגל אין דער משפחה.

אָבער זי האָט אַלץ געהאָפט און געוואַרט, און אַז מען האָט געדולד און בטחון, דערוואַרט מען זיך . . .

איר עלטסטע טאָכטער, וועלכע איז זייער גוט אָב, און וואוינט אין אַ רייכע געגנט פון לאָנדאָן, איז טראַץ דעם וואָס זי איז שוין צען יאָר נאָך דער חתונה, קוים פאַרגאַנגען אין שוואַנגערן.

שטעלט זיך פאָר דער מאַמעס פרייד, ווען זי האָט זיך דערפון דערוואוסט. טיף אין האַרצן איז זי געווען זיכער, אַז דאָס האָט גאָט דערהערט איר געבעט, און איצט וועט זי שוין האָבן די מעגלעכקייט צו האָבן אַ נאָמען נאָך איר טאַטן, אויב עס וועט זיין אַ אינגל . . . דער טאַטע, דערציילט זי ווייטער, איז איר טאַקע, די לעצטע צייט, עטלעכע מאָל געקומען צו חלום, איר געבעטן זי זאָל אים ניט פאַרגעסן, און זי האָט עס אים צוגעזאָגט.

די חדשים, האָבן זיך גערוקט, איינער נאָכן אַנדערן, זי האָט עטלעכע מאָל דורך דער צייט באַזוכט איר טאָכטער, אָבער זי האָט ניט געוואָלט רעדן קיין וואָרט וועגן איר פאַרלאַנג, ביז גאָט וועט העלפן, און דאָס קינד וועט געבוירן ווערן.

דערווייל האָט מען געמאַכט גרויסע פאָרבערייטונגען, איינגעקויפט אַלעס מעגלעכע פאַר דעם נייעם און חשוב׳ן גאַסט, די בייבי, וואָס דאַרף קומען נאָך יאָרן פון האָפנונג, און האָפנונגסלאָזיקייט, ווייל אַחוץ אַ קינד, האָט זיי קיין זאַך ניט געפעלט.

מיט א צייט צוריק, דערציילט ווייטער מיין באקאנטע, האט זי באקומען א טעלעגראמע פון איר איידעם, אז איר טאכטער האט מיט מזל געבוירן א זון.

איר פרייד איז געווען א דאפלטע. ערשטנס, אז עס איז אלץ אריבער בשלום. צווייטנס, א אינגל, אויף וועלכן זי האט גאט געבעטן די גאנצע צייט, און טאקע איר טאטענ'ס נאמען.

מיט גרויס פרייד איז זי יענעם טאג געלאפן אנזאגן די גוטע נייעס צו דער משפחה, אריינגעשטעלט א וואונש אין די „צייט", מיט דער אבזיכט, אז אלע גוטע פריינט זאלן זיך דערוויסן פון גליק.

די גאנצע נאכט האט זי פון אויפרעגונג ניט געקענט שלאפן. זי האט געטראכט וועגן דעם פרעזענט וואס זי האט באשלאסן צו קויפן פאר דעם קינד, ווייל עס איז ניט גלאט נאר א קינד, אן אייניקל, עס איז דאך עפעס איר טאטע, איר טאטענ'ס נאמען, און זי האט באשלאסן דאס קינד צו רופן, ניט מיט קיין אנדערן נאמען נאר טאקע ישראל'יק (איר טאטע האט געהייסן ר' ישראל) און דאס קינד וועט מען רופן מיט דעם קינדערשן נאמען, ביז ער וועט אי"ה אויפוואקסן, גיין אין חדר, ווערן בר־מצוה, מען וועט אים אויפרופן צום ספר, וועט מען אים שוין דעמאלט רופן ישראל, אבער דערווייל ישראל'יקל. וואס פאר א שיינער נאמען דאס איז, אזא אמת'ער יידישער נאמען, אז עס צוגייט פשוט אין יעדן אבר.

באלד אויף צומארגנס, איז זי אויפגעשטאנען, זיך פיין אויסגעפוצט, געקויפט א טייערן בוקעט בלומען, און אוועק זען די טאכטער. די טאכטער האט זי זייער פיין אויפגענומען, זיך מיט איר צוקושט, ווי געהעריק, און איר פארזיכערט אז פון היינט און ווייטער וועט זי ערשט וויסן ווי מען דארף א מאמען שעצן און איר כבוד אבגעבן.

די מוטער האט זיך געפרייט מיט דער טאכטער'ס ווערטער, און אין הארצן איז זי געווען זיכער, אז זי וועט איר פארלאנג ערפילן, און אום צו זיין גאנץ זיכער האט זי געפרעגט צי מען האט שוין אויסגעזוכט א נאמען פארן קינד, און צי זיי האבן שוין באשלאסן ווי ער וועט הייסן.

„ניין, נאך ניט", האט די טאכטער געזאגט, „אבער מען וועט שוין א טראכט טון וועגן דעם, מען וועט שוין מן הסתם אויסזוכן א שיינעם נאמען פאר אים.

„ביי אונז יידן זוכט מען ניט קיין נאמען גלאט אין דער וועלט אריין, מיין קינד", האט די מוטער צערטלעך געזאגט, „ביי אונז מוז עס הייסן נאך א ייִדן, אדער א פעטער; און אזוי ווי עס איז שוין צו רייד געקומען, וויל איך דיך, טאקע בעטן, טאכטער מיינע, זאלסט א נאמען געבן דאס קינד נאך מיין טאטן . . . גלויב מיר ער האט זיך עס ביי דיר פארדינט, ער האט דיך שטארק ליב געהאט און אויף די הענט ארומגעטראגן, ווען דו ביזט א קינד געווען".

און אויף דאָס ניי גענומען אויסרעכענען איר טאַטענ׳ס יחוס . . .

„אַלראַיט, מאַמע, האָט די טאָכטער געזאָגט גוטמוטיק״, איך וועל איבער־רעדן מיט מיין מאַן, און ער וועט אויך זיכער ניט זיין דאַגעגן. ווי זאָגסטו האָט געהייסן דער זיידע, ישראל, דאַכט זיך, יאָ?

״יאָ, יאָ, מיין קינד, אַזוי האָט ער געהייסן, און אַזוי זאָלסטו רופן דאָס קינד מיט לאַנגע יאָרן״.

ביים געזעגנען זיך, האָט די טאָכטער זיך ענטשולדיקט פאַר דער מאַמען, וואָס זי וועט ניט קענען אַנוועזענד זיין ביים ברית, דאָס איז דערפאַר, ווייל אין דער היים, וואו זי געפינט זיך לאָזט מען ניט אַריין מער ווי איר מאַן, אָבער זי האָט איר פאַרזיכערט, אַז אויף דער פאַרטיע, וועלכע מען וועט מאַכן מיט אַ וואָך שפּעטער, וועט זי קענען קומען און ברייגגען די גאַנצע משפּחה.

עס האָט דער מאַמען אפילו אַביסל פאַרדראָסן:

„סטייטש, האָט זי גע׳טענה׳ט, וואָס הייסט, איך זאָל ניט קענען זיין ביי מיין ערשטן אייניקל אויף דעם ברית? ״

אָבער זי האָט דאָך איינגעזען, אַז מען איז אין לאָנדאָן און נישט דאָרט אין דער היים אין קליינעם שטעדטל, און מען מוז טון ווי מען הייסט.

ביים גיין אַהיים, האָט זי אַ נערם אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער חדר און איר געוויזן דאָס קינד. זי האָט זיך שיעור צעווייגט פון באַגייסטערונג, און ווען זי האָט דאָס נפש׳ל גוט באַטראַכט, איז זי געקומען צום באַשלוס, אַז עס זעט אויס אין גאַנצן ווי איר טאַטע, און זי האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגען דערפון, איבערהויפּט, ווען עס וועט נאָך טראָגן זיין נאָמען . . . נאָר ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז איר גאַנצער פּלאַן צושטערט געוואָרן.

אויף מאָרגן, נאָכן ברית האָט זי דערהאַלטן אַ בריוו פון איר איידעם אין וועלכן ער ענטשולדיקט זיך, עס טוט אים האַרציק לייד, שרייבט ער, וואָס ער האָט ביי זיין בעסטן ווילן ניט געקענט נאָכקומען איר פאַרלאַנג, און טראָץ דעם וואָס ער האָט „געטרייעט זיין בעסט״, איז אים ניט געווען מעגלעך אַ נאָמען צו געבן נאָך איר טאַטען. ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז מיט דעם נאָמען ישראל, קען מען גאָרנישט מאַכן . . . עס שמעקט צופיל יידיש . . . . איבערהויפּט אין יענעם געגנט וואו ער וואוינט, פּאַסט ניט צו רופן אַ קינד אַ יידישן נאָמען . . . עס פּאַסט ניט פאַר שכנים, פאַר דער סקול וואו ער וועט דאַרפן גיין, און טאַקע פאַר זיך אַליין אויך נישט, ווייל צוליב דעם וועט מען זיך דערוויסן אַז זיי זענען יידן, און היינטיקע צייטן מוז מען זיין פאַרזיכטיק מיט אַזעלכע זאַכן . . .

וואָלט איר טאַטע געווען געהייסן גרשון, הענעך, אָדער אהרן, וואָלט מען זיך שוין אַן עצה געגעבן, די נעמען קען מען איבערזעצן אויף „דזשאָרדזש״, „הענרי״ אָדער „ערווינג״ . . . נאָר מיט ישראל איז גרויסע צרות, ער לאָזט זיך

ניט איבערמאכן . . . דערפֿאַר האָט מען דעם קינד אַ נאָמען געגעבן „מעקענזי״, אַן אמת׳ער ענגלישער נאָמען, מיט וועלכן מען איז געזיכערט, און עס איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען . . . נאָר אויב זי וויל דוקא האָבן אַ נאָמען נאָך איר טאַטען, וועט זי מוזן צוואַרטן ביז איר איסט־ענדער טאָכטער וועט חתונה האָבן און האָבן אַ קינד. דאָרט מאַכט ניט אויס, ווי מען הייסט, דאָרט אין דער איסט־ענד זענען פֿאַראַן אַ סך ישׂראל׳ליקלאַך, וועט זיין נאָך איינס... אָבער פֿאַר אים פּאַסט עס ניט.

גייט מיין באַקאַנטע אַרום שטאַרק אָנגע׳ברוגז׳ט אויף איר איידעם דעם „סנאָב״ און באַוויינט איר טאַטענ׳ס מזל . . .

ערפאַרונג פון אַנ׳אַלטן בחור!...

פאַרגאַנגענעם שבת איז ער געקומען צו מיר צו גאַסט, און א דאַנק דעם וואָס ער האָט מיך געטראָפן אַליין אין שטוב, האָט ער מיר איבערגעגעבן אַן אינטערעסאַנטן פאַקט, וועלכער האָט מיט אים געטראָפן.

געזעסן זענען מיר ביי א גלעזל טיי, ווען ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע א דאַמען־רינגל, און מיך געפרעגט, צי האָב איך נישט אַמאָל באַ־געגנט א מיידעל אָדער א פרוי, וועלכע האָט דאָס רינגל געטראָגן.

איך האָב עס גוט באַטראַכט, לאַנג נאָכגעקוקט, און געקומען צום באַשלוס אַז ניין.

ער האָט טרויעריק א שאָקל געטון מיטן קאָפ, און מיר דערציילט פון זיין ביטערער ערפאַרונג אין שייכות מיט דעם רינגל. נאָך לאַנגע יאָרן שווערע אַרבעט, לעבנדיק זייער עקאָנאָמיש, האָט ער אָנגעזאַמלט א היבשע סומע געלט, און דורך די מלחמה־יאָרן האָט זיך זיין קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט; ווייל פאַר מיליטער־דינסט איז ער שוין געווען צו אַלט, האָט ער באַקומען א גוטן דזשאָב, מיט א גרויסן געהאַלט, און זיינע „סייווינגס" האָבן זיך כמעט פאַרדאָפּלט. עס איז אמת, ער האָט געלעבט זייער קאַרג, ניט גע־גאַנגען אין קיין טעאַטער, ניט אין סינעמאַ, און אפילו זיך ניט פאַרגינען אָבצועסן א גוטן מאָלצייט, נאָר געשפּאָרט א פּעני צו א פּעני, מיט דער האָפנונג, אַז אפשר, אויב ער וועט אַמאָל בייטן זיין מיינונג און באַשליסן חתונה צו האָבן, דאַן וועט ער שוין זיכער ניט קענען אַזוי אַרבעטן ווי איצט, זאָל ער האָבן פון וואָס צו לעבן . . .

ער האָט מורא געהאַט צו האַלטן זיין פאַרמעגן אין די בענק אָדער אין פּאָסט־אָפּיס, ווייל ווער ווייסט וואָס עס קען פּאַסירן אין צייט פון מלחמה. טאַקע א גאַנץ ערלעכע מדינה ענגלאַנד, אָבער דאָך . . . . איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דער איינציקער און זיכערסטער פּלאַץ פאַר זיין שווער פאַרהאָרעוועט פאַרמעגן איז טאַקע ביי אים אין זיין אייגע־נער קעשענע . . . נו, האָט ער זיך געלאָזט מאַכן א ספּעציעלן גרויסן טייסטער פאַר דעם צוועק, און ווען ער האָט דעם טייסטער אָנגעטאַפּט ביי זיך (און דאָס האָט ער אָפט געטון) האָט ער א צופרידענעם שמייכל געטון . . .

מיט עטלעכע וואָכן צוריק, דערציילט ער ווייטער, אין א שבת׳דיקן טאָג, האָט ער דערפילט א מאָדנע איינזאַמקייט. זיין חבר, מיט וועמען ער פאַרברענגט אָפט צוזאַמען, איז אוועק פאַר זיינע „האָלידעיס" און אים געבעטן מיטפאָרן. אָבער ער האָט ניט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך צו ספּענדן די היבשע

פאַר פונט, וואָס אַזאַ פאַרגעניגן דאַרף קאָסטן, און באַשלאָסן צו בלייבן אין דער היים.

אָבער יענעם טאָג האָט ער געפילט אויסערגעוויינלעך דערשלאָגן, און ער האָט באַשלאָסן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַראָבנעמען די האַנד פון האַרצן, און אַרויסגיין אַביסל פאַרברענגען, פאַרשטייט זיך מיט אַן אויסרעכנונג עס זאָל ניט קאָסטן צופיל . . .

נאָך דעם ווי ער איז אַריין אין אַ רעסטאָראַנט און אָבגעגעסן אַ זאַטן מיטאָג, האָט ער גענומען אַ באַס און אַוועק אין די וועסט-ענד. ער האָט זיך איבערשפּאַצירט אין הייד פּאַרק, איינגעזאַפּט אַ סך פרישע לופט פאַר דער גאַנצער צייט. ער איז געוואָרן מיד, און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, גראָד פאַר דריי פּענים און ניט פאַר בחינם . . . ער האָט באַטראַכט די גרויסע מאַסע פאַרבייגייער, פרויען געאָרעמט מיט זייערע מענער, אויסגעפּוצטע יונגע לייט, שיינע מיידלעך מיט באָרוועסע פיס . . . אַלץ האָט אויף אים אַ גוטן איינדרוק געמאַכט, און ער האָט ערשט דערזען ווי שיין גאָט'ס וועלט איז, און ווי גוט עס איז צו לעבן און געניסן . . .

די פרישע לופט האָט געהייצט זיין אַפּעטיט, ער איז געוואָרן הונגעריק. האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט דעם רוקן, זיך ווידער אַרומגעקוקט, און דערפילט דעם טעם גן־עדן . . .

דאַן איז ער אַריין אין לייאָנס קאָרנער־הויז, באַשטעלט אַ פיינעם טיי, און צו דערזעלבער צייט זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון דער שענער פּאָפּולערער מוזיק.

ניט ווייט פון אים ביי אַ טישל זענען געזעסן צוויי יונגע דאַמען און געדעדט צווישן זיך: איינע פון זיי, אַ ברונעטקע מיט צוויי שוואַרצע גרויסע אויגן, האָט כסדר אַריבערגעקוקט צו אים און זיס געשמייכלט . . . פון אָנהויב האָט ער מורא באַקומען פאַר איר זיסן שמייכל, ווייל בטבע פלעגט ער זיך צוריקהאַלטן פון פרויען־געזעלשאַפט, און דערפאַר באַשלאָסן ניט צו שענקען איר קיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט מעכאַניש זיך אַרומ־געקוקט אין גרויסן זאַל, באַטראַכט אַלץ און אַלעמען, געדרייט דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן, מיט דער אַבזיכט אויסצומיידן איר בליק. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. אַ מאָדנער געפיל האָט אים געדרייצט און ער האָט דערפילט, ווי אירע אויגן לאָקן, לאַכן און רופן . . . ער האָט אַרויסגענומען פון אַ פּאָקעט אַ צייטונג, זי ברייט צעעפנט, כדי צו פאַרשטעלן איר רייצנדן בליק, און זיך כלומרשט געמאַכט לעזן . . . אָבער די נייגעריקייט צו זען איר שמייכל האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז ער האָט צו דעם צוועק אויס־געריסן אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, דורך וועלכן ער האָט זיך גוט איינגעקוקט, און ערשט באַמערקט ווי שיין און אינטערעסאַנט זי איז.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, האָט ער באַמערקט ווי זי גייט דירעקט צו צו אים און זעצט זיך אַוועק אויף דעם ליידיקן שטול נעבן אים. ער האָט אַוועקגענומען די צייטונג און געשמייכלט מיט צופרידנהייט.

— ענטשולדיקט, וואָס איך האָב אייך געשטערט — האָט זי געזאָגט גאַנץ העפלעך — איר זייט מיר זייער באַקאַנט, אָבער איך קען זיך ניט דערמאָנען וואו איך האָב אייך געזען.

— מעגלעך, אַז מיר האָבן זיך ערגעץ באַגעגנט — האָט ער געזאָגט, און זיך פאַרשעמט ווי אַ יונגע מיידעל, וועלכע איז צום ערשטן מאָל אין דער געזעלשאַפט פון אַ מאַנספּערשוין.

ער האָט זיך באַרויִקט, און דערפילט אַז איר נאָענטקייט האָט דער־וואַרעמט זיין נשמה.

— איך האָף, אַז איר וועט מיר ערלויבן צו זיצן נעבן אייך. מיין פריינדין איז אַוועק אַהיים, און מיר איז אומעטיק צו זיין אַליין . . .

— געוויס, מיטן גרעסטן פאַרגעניגען — האָט ער געענטפערט מיט גרויס צופרידנהייט.

ביידע האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, וועגן וועטער, וועגן פּאָליטיק און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן. ער האָט זי איינגעלאַדן צו האָבן טיי מיט אים. זי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען מיט פאַרגעניגען.

ער האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, און איר געאָפערט איינעם, אָבער זי האָט אים פאַרזיכערט אַז זי רויכערט ניט, און צוגעגעבן, אַז זי טרינקט ניט, און שפּילט אויך ניט אין קאָרטן, ווי אַנדערע פרויען . . .

עס איז געוואָרן צייט צו גיין, אים איז געווען אַ שאָד זיך פון איר צו שיידן, און ער האָט זי איינגעלאַדן אין אַ סינעמאַ. זי האָט זיך ניט געלאָזט בעטן, און זיי זענען ביידע אַוועק. וואָס די האַנדלונג איז געווען אין יענעם פילם, האָט ער ניט געוואוסט, זיין קאָפּ האָט זיך געדרייט, און זיינע גע־דאַנקען האָבן זיך געמישט, פון זיין ערשטער איבערלעבונג צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ שענער, אינטערעסאַנטער מיידעל . . . עס האָט ניט לאַנג גענומען, און ער האָט דערפילט ווי זי רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער צו אים . . . און אָט האַלט זי אים אַרומגענומען, און איר שיין קעפל ליגט שוין אויף זיינע אַקסלען, און דער ריח פון אַ שטאַרקן פּערפיום טראָגט זיך צו אים, און ער, אַ באַגייסטערטער, אַ פאַר׳שיכור׳טער, האָט זיך פאַרלוירן, אַרומגענומען דאָס שיינע מיידעל מיט ביידע הענט און זי צוגע־דריקט צום האַרצן . . .

און אין דער פּאַוזע זענען זיי געבליבן זיצן ביז דער פּראָגראַם האָט זיך געענדיקט.

ער האָט איר פאָרגעשלאָגן זי צו באַגלייטן אַהיים. זי האָט אים האַרציק געדאַנקט און ערקלערט, אַז טראָץ דעם וואָס זי וואָלט עס זייער געוואָלט, קען זי דערויף ניט איינגיין, צוליב אירע רעליגיעזע עלטערן, וועלכע ערלויבן איר ניט אַרומצוגיין מיט פרעמדע מענער . . .

דאַן האָט זי אים וואַרים געדריקט די האַנד, און אים צוגעזאָגט באַלד אויף צומאָרגנס צו שרייבן און לאָזן וויסן, ווען און וואו זיי וועלן זיך

ווידער טרעפֿן, און אַלס צייכן פֿון זייער אויפֿריכטיקער פֿריינטשאַפֿט האָט זי אַראָבגענומען אַ רינגעל פֿון איר פֿינגער און אים דערלאַנגט

ער האָט איר הארציק געדאנקט און צוגעזאָגט דאָס צו האַלטן הייליק און טייער, און מיט גרויסער בענקשאַפֿט אויף אַ באַלדיקן ווידערזעען איז ער אוועק אהיים.

דעם גאנצן וועג האָט ער געטראַכט וועגן זיין גליק, וועגן דער שיינער, הארציקער מיידעל, אין וועלכער ער איז שטערבלעך פֿאַרליבט, און דורך איר וועט ער האָבן די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ סוף צו זיין איינזאַמען לעבן און אָרימער עקזיסטענץ.

נאָר ווען ער איז געקומען אהיים און זיך געכאַפּט אַז דער טייסטער מיט זיין שווער פֿאַרהאָרעוועט געלד געפֿינט זיך ניט מער אין זיין בוזים־קעשענע, איז אים פֿינסטער געוואָרן אין די אויגן, און זיין ליבע איז אין האַס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן. איצט טראַגט ער זיך אַרום מיט אַ פֿאַרבאָרגע־נעם ווייטיק אין הארצן און אַ ווערטלאָזן רינגל אויפֿן פֿינגער, און וויל דווקא דערגיין צו וועמען עס באַלאַנגט . . .

אַקטיאָרן און שרייבער

— ענדלעך! ענדלעך! — האָט אויסגערופֿן דער שרייבער, נאָך דעם ווי ער האָט פֿאַרענדיקט דעם לעצטן „פֿאָרהאַנג פֿאַלט" אין זיין פּיעסע. נאָכן אָבזיצן ביים שרייב־טיש גאַנצע טעג און האַלבע נעכט האָט ער דאָך דערגרייכט זיין ציל און געענדיקט זיין „ווערק".

ער האָט עס פֿאָרזיכטיק איבערגעלעזן, און אַ צופֿרידענער געזאָגט צו זיך אַליין:

— זייער אַ געלונגענע פּיעסע. די אַקטיאָרן וועלן דאָס זיכער אויפֿכאַפּן מיט ביידע הענט, און זיך מער ניט דאַרפֿן באַקלאָגן, אַז די שרייבער האָבן אַ קאַלטע באַציאונג צום טעאַטער, און ווילן נישט שאַפֿן קיין פּיעסן. איך בין זיכער, אַז אויך דער עולם וועט זי אויפֿנעמען מיט באַגייסטערונג; די האַנדלונג איז אַקטועל, און זי גיט אויך אַ מעגלעכקייט די אַרטיסטן אַרויסצואווייזן זייערע פֿעאיקייטן, אויב זיי פֿאַרמאָגן אַזעלכע . . .

צו יענער צייט האָבן אין דער באַטרעפֿנדער שטאָט געשפּילט צוויי טעאַטערס.

ניט צו פֿאַרלירן קיין צייט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צום הויפּט־אַקטיאָר פֿון טעאַטער נומער איינס, און ווי גליקלעך איז ער געווען, ווען ער האָט באַלד אויף מאָרגן באַקומען אַ תשובה, אַז ער זאָל קומען לעזן זיין פּיעסע.

יענעם טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿריער ווי געוויינלעך. זיין האַרץ איז געווען פֿול מיט האָפֿנונג און פֿרייד. ער איז אַריין צום פֿריזירער, זיך געלאָזט דאָס מאָל קאָסטן עטלעכע גראָשן מער, טראַכטנדיק: נישקשה, איך קען זיך עס היינט ערלויבן... דאַן האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין די שענסטע בגדים וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, מיט אַ שניי־ווייסן קאָלנער און ברייט אויסגעבונדענעם קראַוואַט, אַזוי ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ דראַמאַטורג . . .

נאָר געגעסן האָט ער שוין נישט יענעם טאָג; ער איז געווען צו נערוועז.... באַלד נאָך דער מיטאָג שטונדע האָט ער גענומען דעם מאַנוסקריפּט אונטערן אָרעם, און אין אַ געהויבענער שטימונג אַוועק צום באַשטימטן פּלאַץ. אויפֿן וועג האָבן זיך אין זיין פֿאַנטאַזיע געמאָלן שיינע בילדער פֿון גרויסע דערגרייכונגען. אָט הערט ער ווי מען לויבט זיין פּיעסע. די אַרטיסטן זען אין אים דעם צוקונפֿטיקן בויער און שאַפֿער פֿון אַ ניי און בעסער יידיש טעאַטער. ער פֿילט עס אין׳ן האַרצן, און איז שטאָלץ ביי זיך . . . און אָט פֿרעגט מען אים דעם פּרייז פֿאַר איר; און ער ענטפֿערט מיט ווירדע און באַשיידנהייט: וואָס קען זיין ווייניקער ווי אַ הונדערטער? — און פֿאַרענטפֿערט זיין פֿאַרלאַנג

מיט: — איר דאַרפֿט דאָך פֿאַרשטיין, ווי שווער עס קומט אָן צו שאַפֿן אַזאַ ווערק. עס איז ניט קיין קלייניקייט... — דאָך האַנדלט מען מיט אים, מען וויל אים שוין געבן אַ פּאָפּציקער, אָבער ער דינגט זיך און וויל ניט, עס לוינט ניט פֿאַר אַזאַ קליינעם פּרייז... דאָס הייסט אין האַרצן וויל ער שוין, יאָ, אָבער עס פּאַסט ניט אַזוי לייכט נאָכצוגעבן... די ווירדע, דער פּרעסטיזש, האָט אויך עפּעס ווערט... הכלל מען קומט צו אַן אָבמאַך... פֿאַר פֿינף און זיבעציק, מיט אַ גרויסער רעקלאַמע...

און ער דערפֿילט זיך אַזוי גרויס און שטאָלץ ביי דעם געדאַנק, ווי וועלן זיינע קאָלעגן די שרייבער אים מקנא זיין... היינט ערשט די אָוואַציעס וואָס ער וועט באַקומען פֿון פּובליק... דעם כבוד וואָס מען וועט אים צוטיילן... מען וועט אים אַרויספֿירן אויף דער בינע, מען וועט רעדן וועגן אים... מען וועט... מען וועט...

נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך אַ כאַפּ־אויף געגעבן ווי פֿון אַ לעטאַרגישן שלאָף, געקומען צו זיך, און ערשט דערזען, אַז ער איז פֿאַרקראָכן פֿון נומער צוויי הונדערט און דרייסיק צו דריי הונדערט און צוואַנציק.

— אַך, ווי געדאַנקען קענען פֿאַרפֿירן — האָט ער זיך אַליין אַ פֿאַר־וואורף געמאַכט, און מיט שנעלע טריט גענומען גיין צוריק.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז ער שוין געזעסן אין צימער, וואו עס איז געווען באַשטימט די פֿאַרלעזונג.

נערוועז האָט ער זיך געדרייט אויפֿן בענקל און געוואַרט אויפֿן שוי־שפּילער, וועלכער האָט באַדאַרפֿט יעדע מינוט אַריינקומען.

ענדלעך האָט זיך געעפֿנט די טיר, און דער וואָס האָט גדאַרפֿט באַ־שטימען זיין גורל איז אַריין. ער האָט אים באַגריסט מיט אַ פֿריינטלעכן שמייכל, און צו דער זעלבער צייט זיך העפֿלעך ענטשולדיקט פֿאַרן ניט קומען אין דער באַשטימטער צייט. נאָכן אויסטויש פֿון עטלעכע ווערטער, האָבן זיך ביידע געזעצט צום טיש, און די פֿאַרלעזונג האָט זיך אָנגעפֿאַנגען. דער שוי־שפּילער האָט פֿאַרזיכטיק און אָן אונטערברעכונג זיך צוגעהערט צו דער האַנדלונג פֿון דער פּיעסע.

צום סוף האָט דער שרייבער אָנגעשטעלט צוויי נייגעריקע אויגן אויפֿן שוישפּילער, וועלכער האָט באַדאַרפֿט אַרויסגעבן דעם אורטייל — זיין אָדער נישט זיין? — אָט דאָס איז די פֿראַגע.

— אייער פּיעסע איז ניט שלעכט — האָט יענער גאַנץ קאַלט געזאָגט — אויב איר וועט אין איר מאַכן אַ קליינע ענדערונג וועל איך זי אויפֿפֿירן.

— וואָס מיינט איר? — האָט דער שרייבער אַביסל ענטוישט געפֿרעגט.

— איך מיין, איר זאָלט אַרויסשניידן עטלעכע קאָמישע סצענעס, מען דאַרף ניט אַזוי פֿיל הומאָר, עס בעט זיך אַרויסצושניידן, אַרויסצוואַרפֿן. איר פֿאַרשטייט?

— אָבער, וואָס מיינט איר? איר פֿאַרלאַנגט דאָך פֿון מיר אומעגלעכעס, יעדעס וואָרט קאָסט מיך בלוט, געזונט. און איר רעדט זיך עס אַרויס אַזוי

ליכט, שניידן, אַרויסוואַרפֿן . . . — האָט דער שרייבער שוין מיט ווייטאָק געזאָגט — צי ווייסט איר וואָס דאָס מיינט פֿאַר אַ שרייבער? איך דענק, אַז דער הומאָר איז אַ שיינער, אַ ריינער, טאָ פֿאַרוואָס אַרויסוואַרפֿן?

— עס איז אמת וואָס איר זאָגט, אָבער איך וויים בעסער פֿון אייך וואָס דער עולם פֿאַרלאַנגט. זיי ווילן בעסער זען אַ שטאַרקע ערנסטע סצענע וואָס זאָל אַרויסרופֿן מיטלייד און טרערן. ווען אַ פֿרוי קומט אין טעאַטער און זי וויינט זיך ניט גוט אויס, זאָגט זי אַז זי האָט זיך ניט אַמוזירט, און אַז עס איז אַ שאָד דאָס געלט וואָס איר האָט געקאָסט. איבערהויפּט ווען די סצענעס ווערן דורכגעפֿירט פֿון גוטע דראַמאַטישע שוישפּילער, איז דער ערפֿאָלג אַ געזיכערטער. אָבער אַז דער קאָמיזם איז שטאַרק, פֿאַרלירט זיך דאָס ערנסטע. איר פֿאַרשטייט? ווען איר וואָלט געווען אַן אַקטיאָר, וואָלט איר מיך זיכער פֿאַרשטאַנען.

— ניין, מיין פֿריינט, איך וועל ניט איינגיין אויף אייערע קאָנדיציעס. ווילט איר אויפֿפֿירן די פּיעסע אַזוי ווי זי איז, איז גוט, און מיר קענען שוין רעדן וועגן פּרייז . . .

— ווי איך פֿאַרשטיי, מיין פֿריינט, איז דאָס ביי אייך די ערשטע פּיעסע, און איר האָט נאָך ניט געהאַט די ערפֿאַרונג פֿון אַ שרייבער — האָט דער שוי־שפּילער באַמערקט אין אַ סאַרקאַסטישן טאָן.

— יאָ, עס איז מיין ערשטע — האָט ער געענטפֿערט, אַביסל אין פֿאַר־לעגנהייט — הייסט עס, אַז איר ווילט זי ביי מיר ניט קויפֿן?

— קויפֿן? — האָט יענער ווייטער געלאַכט — מיר האָבן דאָך נאָר גערעדט וועגן אויפֿפֿירן, און אַז איר וועט ניט נאָכקומען מיין פֿאַרלאַנג, וועט פֿון דעם אַלעם גאָרניט ווערן. און איצט מוזט איר מיר ענטשולדיקן, איך דאַרף גיין צו פּראָבע. לעגט זיך איבער, און לאָזט מיר וויסן — האָט ער געענדיקט און זיך אויפֿגעשטעלט צום גיין.

דער שרייבער האָט אָן אַ זיי־געזונט פֿאַרלאָזט דאָס צימער. אָבגענאַרט און דערשלאָגן, איז ער אַרויס אויף דער גאַס. אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין און געטראַכט וואָס צו טון. זאָל ער גיין אַהיים, אָדער אפשר גאָר צוריק זיך אומקערן צום שוישפּילער און נאָכגעבן, איידער ער גייט אַוועק?

ניין, ניין, דאָס טאָר ער ניט. עס פּאַסט ניט זיך אַזוי אַראָבצולאָזן, צו דערנידריקן, און ער איז געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט . . . אָבער בליץ שנעל איז אים דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק . . .

אפשר גיין צום צווייטן שוישפּילער פֿון יענעם טעאַטער? אפשר וועלן יענע בעסער פֿאַרשטיין און זיך ניט באַציען אַזוי אומענטשלעך צו אים לגבי זיין ווערק, וואָס ער האָט געשאַפֿן מיט בלוטיקן שווייס . . . שניידן . . . אַרויס־וואַרפֿן . . . אָט די ווערטער האָבן געמאַטערט זיין מוח און געפּייניקט זיין האַרץ . . . אָבער דער נייער איינפֿאַל האָט אים ווידער נייעם מוט געגעבן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז ער געזעסן אין אָפּיס פֿון צווייטן טעאַ־טער און פֿאָרגעלעזן זיין פּיעסע פֿאַר אַ צווייטן שוישפּילער.

דאָס פּנים האָט אים געשיינט פֿון נחת, ווען יענער האָט אים נאָכן ענדיקן געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז די פּיעסע איז אַ געלונגענע, און אַז דער הומאָר איז זייער גוט, קלוג און אויסגעהאַלטן, און אַז די האַנדלונג איז זייער אַ גוטע, און ער וועט זי זיכער אויפֿפֿירן אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָר מיט אַ קליינעם באַדינג, דהיינו, מען מוז אַרויסנעמען אַ צוויי ערנסטע סצענעס. זיי זענען טאַקע שיין און אויסגעהאַלטן, אָבער עס איז נישט נויטיק, און דער סוזשעט וועט דערביי נישט ליידן. דער עולם קומט היינט אין טעאַטער לאַכן, און ניט וויינען . . . צרות האָבן זיי גענוג אין דער היים. זיי ווילן הערן אַ גוט לידל, זען אַ שיין טענצל, איבערהויפּט ווען עס זענען פֿאַראַן אין דער טרופּע אַזעלכע פֿעאיקע שוישפּילער וועלכע קענען דאָס גוט אינטערפּרעטירן... און צוגעגעבן צולעצט: ווען איר וואָלט געווען אַ שוישפּילער, וואָלט איר מיך בעסער פֿאַרשטאַנען . . .

— יאָ, איך פֿאַרשטיי — האָט דער שרייבער מיט ביטערקייט געענט־פֿערט — אָבער עס איז אומזיסט אייער רעדן. איך וועל אפילו קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסנעמען. ווי וואַגט איר פֿון מיר דאָס צו פֿאַרלאַנגען? איך האָב אין דעם ווערק אַריינגעלעגט מיין לעבן, מיין נשמה, מיין ענערגיע. יעדעס וואָרט איז אַ פּערל. און איר רעדט זיך אָב אַזוי קאַלטבלוטיק — שניידן און אַרויסנעמען. יאָ, ווייסט איר ווען איר וועט דאָס קענען טון? נאָך מיין טויט, ווען איך וועל מער דאָ ניט זיין, אָבער נישט ביי מיין לעבן. ווען איר וואָלט געווען אַ שרייבער, וואָלט איר מיך בעסער פֿאַרשטאַנען.

און מורא האָבנדיק, ער זאָל זיך נישט צעוויינען ווי אַ קינד, האָט ער שנעל פֿאַרלאָזט דעם אָפּיס, און אויפֿן וועג אַהיים, האָט ער ערשט אָנגעהויבן באַגרייפֿן פֿאַרוואָס שרייבער האָבן אַ קאַלטע באַציאונג, און ווילן ניט שאַפֿן קיין פּיעסן פֿאַרן טעאַטער.

אין לעבן טרעפט זיך אַלץ!...

איך בין געקומען דיר דערציילן א טשיקאַווע זאַך, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן. מעגסט מיך אויסהערן מיט קאָפּ. עס וועט דיר צונוץ קומען ווען דו וועסט זיך דערוויסן וואָס עס קען פּאַסירן מיט אַזאַ מענטשן ווי איך אין דעם לאָנדאָן . . . זאָגט צו מיר מיין פעטער חיים נעכטן אָוונט.

יענע וואָך מיטוואָך האָב איך זיך געפילט עפּעס ניט געזונט. טראַכט איך, איך וועל אַרויסגיין אויף דער פרישער לופט, אפשר וועט מיר איבערגיין. און אַזוי ווי דיין מומע האָט מורא געהאַט איך זאָל זיך חלילה ניט פאַרקילן, האָט זי מיין האַלז אַרומגעוויקלט מיט אַ שווערן וואַרימען שאַל. איך האָב אָנגעטון מיין ווינטער מאַנטל, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, גוט אַראָבגערוקט מיין הוט ביז איבער די אויערן, און בין אַרויס אין ווייטשעפּל אויף אַ שפּאַציר.

נו, בין איך מיר געגאַנגען פּאַוואָליע, געציילט די טריט, כדי זיך ניט אָנ־צושטרענגען צופיל, און איך האָב זיך טאַקע גענומען פילן אַביסל בעסער. שטעלט מיך אָב אַ פיין אויסגעפּוצטער דזשענטלמאַן, באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס, און פרעגט מיך צי וויל איך פאַרדינען עטלעכע פונט . . .

וואָלט איך געווען אַ מענטש און ניט קיין קבצן, וואָלט איך אים געפרעגט, וויפיל פאַרדינען? ביי וואָס פאַרדינען? וואָלט ער דאָך מיר זיכער געענטפערט, און עס וואָלט צו דעם אַלעם ניט געקומען. אָבער אַזוי ווי עס איז קיין פרנסה ניטאָ; ביים פּרעס־אייזן, ווי אַמאָל, קען איך מער ניט שטיין; די מומע יאַדעט מיך טאָג און נאַכט אַז זי דאַרף געלט, איבערהויפּט איצט, ווען עס גייט צו יום־טוב; האָב איך אָן שום פרעגן, צוגעשטימט אָנצונעמען דעם פאַרדינסט. דער דזשענטלמאַן האָט מיר באַלד דערלאַנגט אַ קאַרטל מיט זיין אַדרעס, און אַ בריוו וועלכן ער האָט אָנגעשריבן און מיך געבעטן קומען צו אים מאָרגן.

איך בין גלייך אַהיים געלאָפן, אָנגעזאָגט דער מומען די גוטע בשורה און דאָס גליק וואָס אונז האָט געטראָפן . . . ניט אַנדערש, האָט גע׳טענה׳ט דיין מומע, ווי גאָט אַליין האָט אויף אונז רחמנות באַקומען, און אונז צוגעשיקט אַ כשר׳ע מציאה . . .

מיר האָבן אָבגעמאַכט פאַר קיינעם ניט לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן דעם, ווייל די הונטיקע מענטשן זענען דאָך גרויסע אומפאַרגינערס, און רייסן ביים צווייטן דעם ביסן פון מויל . . . האָבן מיר ביידע געשוויגן . . . אָבער איין זאַך האָט מיר געדרייט דעם מח, און איך האָב זיך קיין עצה ניט געקענט געבן.

דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב ניט קיין לייטישן מלבוש אָנצוטון, און אַזוי ווי איך שטיי און גיי קען איך דאָך ניט אַרויספאָרן אין די וועסט־ענד צו אַזאַ

דזשענטלמאַן. האָבן מיר ביידע גענומען זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו פֿאַרשאַפֿן אַן אַנצוג מיט אַ פּאָר שיך. אָבער זוך היינט און זוך מאָרגן, אַז עס איז ניטאָ איז ניטאָ! . . .

האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ביי מיר געפֿינט זיך אַ גאָלדן רינגל, אַ ירושה פֿון מיין מאַמען ע"ה, און איך היט עס אָב ווי מיין אויג אין קאָפּ. נאָר איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט ווי דאָס צו פֿאַרזעצן, אויף אַ קורצער צייט בלויז, און אַזוי ווי איך וועל נאָר מאָרגן באַקומען די עטלעכע פּונט וועל איך עס גלייך אויסלייזן . . . פֿאַר דעם געלט וועל איך זיך קויפֿן אַן אַלטן אַנצוג מיט אַ פּאָר שיך, איך וועל זיך אויספּוצן און דאָס וועט לייזן דעם פּראָבלעם. אַ כלל, אַזוי ווי קיין צופֿיל צייט איז מיר ניט פֿאַרבליבן, האָב איך לאַנג ניט גע־טראַכט, אוועקגעטראָגן דאָס רינגל, גענומען עטלעכע פּונט, און גלייך אוועק צו אַ יידן, וועלכער האַנדלט מיט אַלטוואַרג און זיך געקויפֿט די נויטיקע מלבושים.

נאָר ווען איך האָב דעם אַנצוג אָנגעמאָסטן האָט דיין מומע גלייך אויסגע־פֿונען, אַז מען האָט מיך אָבגענאַרט, ווייל די הויזן זענען געווען צו לאַנג און דאָס רעקל צו ענג און צו קורץ. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, און איך האָב געמוזט זיך האַלטן דערמיט.

אויף צו מאָרגנס בין איך זער פֿרי אויפֿגעשטאַנען, אָבגעדאַוונט, עפּעס איבערגעכאַפּט, און גלייך אוועק אין באָד. זיך גוט אַרומגעוואַשן. נאָכהער בין איך אַריין צום פֿריזירער, אָבגעשוירן די האָר, אַביסל אַרומגעפּוצט דאָס בערדל. ווען איך בין אַהיימגעקומען און זיך אָנגעטון, האָט די מומע געשוואוירן אַז איך זע אויס מיט צען יאָר יונגער . . . און ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגל, האָב איך געזען אַז זי האָט רעכט . . .

עס האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעט, האָב איך זיך געזעגנט מיט דער מומע, אַ קוש געטון די מזוזה, און אוועק אין דער וועסט ענד זוכן דעם דזשענטלמאַן. און אַזוי ווי עס איז מיר געווען שווער צו געפֿינען דעם פּלאַץ האָב איך זיך גענומען פֿרעגן ביי יעדן פֿאַרבייגייער. מען האָט מיר געשיקט אַהין און אַהער, רעכטס און לינקס. דער סוף איז געווען, אַז ביז איך בין אַהין אָנגעקומען בין איך געווען מיד און פֿאַרמאַטערט, און ניט מער קיין כח געהאַט צו אָטעמען.

איך האָב באַטראַכט די געביידע. עס האָט אויסגעזען פּונקט ווי אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ. איך בין אַרויף די שניי ווייסע טרעפּלאַך וועלכע פֿירן צום אַריינגאַנג. אין ביידע זייטן זענען געשטאַנען צוויי גרויסע ממש לעבע־דיקע לייבן. אַ מאָדנע שרעק איז מיך באַפֿאַלן. איך האָב אַ צי געטון דאָס גלעקל, און באַלד האָט מיר באַנג געטון. איצט, האָב איך געטראַכט, איז שוין פֿאַרפֿאַלן. איצט מוז איך שוין אַריינגיין, און קען מער קיין חרטה ניט האָבן. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, וועלכער האַלט ביים באַגיין אַ פֿאַרברעכן . . .

עס האָט לאַנג ניט גענומען, און פֿאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכער, געזונטער מאַן, אָנגעטון אין אַ רויטן יוניפֿאָרם, וועלכער האָט אויסגעזען פּונקט

ווי אַ סטראָזשניק ביי אונז אין דער היים . . . ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַ מאָדנעם שמייכל געטון און מיך געפֿרעגט וואָס איך פֿאַרלאַנג. איך האָב אים געגעבן דעם בריוו. ער האָט מיך גלייך אַריינגעפֿירט אין אַ גרויסאַרטיקן צימער און מיך געהייסן וואַרטן.

איך בין געזעסן און באַטראַכט יעדע זאַך וואָס דאָרט האָט זיך געפֿונען. איך האָב נאָך אַזעלכעס ניט געזען ווי לאַנג איך לעב. די טייערע מעבל, דער שיינער דיוואַן אויף דער פּאָדלאָגע, די שיינע לעבעדיקע בלומען און פֿאַרשידענע אַנדערע זאַכן האָבן מיר דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך געפֿין זיך אין אַ גן עדן. נאָר איין זאַך איז מיר ניט געפֿעלן געוואָרן. אויף די ווענט זענען געהאָנגען בילדער פֿון האַלב נאַקעטע נקבות, זאָלסט מיר מוחל זיין . . .

געוואַלד! געוואַלד! האָב איך געטראַכט, ווי דערלאָזט דאָס די מענטשהייט אַזאַ זאַך, אַזאַ הפקרות! איך זאָג דיר, אַז אַ קאָזאַק קען רויט ווערן פֿאַר שאַנדע, רחמנא לצלן . . . און דאָ, טראַכט איך, קומען אוודאי אַריין אַ סך מענער און קוקן אויף דעם. עס איז דאָך אַזוי פֿריי און אָפֿן. ווייִ איז מיר!... וואו בין איך דאָ פֿאַרקראָכן? דאָס בלוט האָט אין מיר גענומען זידן פֿון אויפֿרעגונג, און איך האָב ביי קיין פֿאַל ניט געקענט אָברייסן די אויגן פֿון דער פֿאַרשייטקייט וואָס מען האָט געזען אויף יענע בילדער . . .

אָט אַזוי בין איך אָבגעזעסן אַ שעה צייט אין געהאַקטע צרות, און וואָס פֿאַר אַ מחשבות עס זענען דורכגעלאָפֿן מיין קאָפּ קען איך דיר ניט זאָגן . . . ווען דער דזשענטלמאַן איז אַריינגעקומען האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ שרעקלעכן חלום. איך האָב קוים צוזאַמענגענומען מיינע געדאַנקען, זיך געכאַפּט ווער עס שטייט נעבן מיר, און וואו איך געפֿין זיך.

ער האָט מיך געפֿרעגט וואָס איך פֿאַרלאַנג. עפּעס האָט זיך מיר אָבגעריסן אין האַרצן פֿון זיין פֿראַגע. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך, און מורא באַקומען פֿאַר דעם גאַנצן געשעפֿט.

ער האָט אפּנים באַמערקט מיין פֿאַרלעגנהייט און ווידער געפֿרעגט: ווער זייט איר?

מיט דער פֿראַגע האָט ער מיך אין גאַנצן צומישט, און איך האָב אים אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט.

— וואָס פֿרעגט איר ווער איך בין? — האָב איך געענטפֿערט אַ פֿאַרצווייפֿלטער. — איך בין דאָך דער ייד, וועלכן איר האָט נעכטן געטראָפֿן אין ווייטשעפּל, געגעבן אייער אַדרעס און געהייסן קומען אַהער. וואָס־זשע, דזשענטלמאַן־לעבן, איר דערקענט מיך שוין ניט? — האָב איך אים געפֿרעגט און געשמייכלט מיט ווייטאָק.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, איר זייט ניט דער זעלבער. נעכטן זייט איר געווען אָלרייט, אָבער היינט טויגט איר מער ניט פֿאַר מיר. איך קען מיט אייך גאָרניט מאַכן . . . איי עם סאָרי, — האָט ער געענדיקט, און איז אַרויס פֿון צימער.

איך בין געבליבן זיצן ווי צעטומעלט, און ניט געקענט באגרייפן וואס דא טוט זיך ארום מיר. וואס איז דא פארגעקומען?

דאס ערשטע איז מיר געקומען אויפן געדאנק, און געפייניקט מיין געוויסן, מיין מאמע'ס רינגל. ווי אזוי וועל איך עס קענען אויסלייזן?

איך האב זיך קוים צוזאמענגענומען, און ווי אן אבגענארטער, אן אויס־געלאכטער, אוועק אהיים.

ווען די מומע האט דערהערט די מעשה, האט זי עס גלייך אויסגעלייגט צו אונזער ביטער מזל... צווייטנס, האט זי מיר פארזיכערט אז איינער פון אונזערע שכנים האט זיך דערפון דערוואוסט און ביי מיר אויסגעכאפט דעם דזשאב...

נאר מילא, עס איז דאך שוין פארפאלן. מן הסתם איז מיר אזוי באשערט געווען. אין לעבן טרעפט זיך אלץ. און אפשר איז עס גאר געווען א שפיצל פון א ליץ, א ניט גוטן, ניטרא געדאכט! טפו, טפו... זאל עס זיין אן אבקו־מעניש פאר מיינע זינד... איך וואלט אבער דאך געוואלט דערגיין, פארוואס האט דער דזשענטלמאן חרטה באקומען? ווי אזוי קען איך דאס דערגיין? אפשר קענסטו מיר דאס ערקלערן?

ער איז א ווײלע שטיל געבליבן. מיר האבן זיך ביידע אנגעקוקט און געהויבן מיט די אקסלען. איך האב זיך פארטראכט א ווײלע, און עס איז מיר איינגעפאלן א געדאנק.

— פעטער, ווייזט מיר אקארשט דאס קארטל וואס דער דזשענטלמאן האט אייך געגעבן.

ער האט עס מיר דערלאנגט. און ווען איך האב אויף דעם א קוק געטון, האב איך זיך שטארק צולאכט.

— וואס פאר א געלעכטער איז אויף דיר, נארישע בהמה?—האט ער זיך אויף מיר צובייזערט.

— אט וועל איך אייך געבן צו פארשטיין וואס דא איז פארגעקומען, — האב איך געזאגט. — דער דזשענטלמאן איז א פילם־דירעקטאר. ווען ער האט אייך געזען אין ווייטשעפל זייט איר אים געפעלן געווארן, ווייל ער האט זיך וואַרשיינלעך געגוויטיקט אין אזא טיפ צו א פילם. אבער ווען איר האט זיך אויסגעפוצט, ארומגעשוירן דאס בערדל און אנגעטון א שיינעם אנצוג, זייט איר געווארן אן אנדערער. פארשטייט זיך, אז ער האט מיט אייך מער גארניט געקענט מאכן. דאס איז אלץ.

מיין פעטער האט אויסגעבייטעלט אלע זיינע וויסטע חלומות צו יענעמס קאפ.

— גיי און פארשטיי די היינטיקע נארישע וועלט, — האט ער זיך גע־קאכט. — איי, איי, דו מעגסט עס ארײנשרייבן אין פייפער, און זאלן מענטשן וויסן וואס עס קען זיך טרעפן אין לעבן...

אינספּיראַציע צום שרייבן

זיץ איך מיר ביים פֿענסטער אין מיין האָטעל, וועלכער געפֿינט זיך אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, וואו איך בין געקומען אויסרוען מיינע אָנגעשטרענגטע נערוון, און צו דער זעלבער צייט זוכן אַ טעמע פֿאַר אַ פֿעליעטאָן . . .

דער טאָג איז אַ טריבער, אין דרויסן קאַפּעט אַ דראָבנער רעגן, אויפֿן האַרצן איז קאַלאַמוטנע, און איך האָב רחמנות אויף זיך מיט דעם האָטעל־קיפּער, מחמת מיר זוכן ביידע, איך אַ טעמע, און ער אַ קאָסטאָמער. אין צימער זיצט אַ מיידעל, אָנגעטון אין הויזן און צימבלט אויף דער פּיאַנאָ (אָרימע פּיאַנאָ נעבעך...), זי זינגט זיך צו אַ פּאָפּולער לידל, און וויל מאַכן אַ גוטן איינדרוק, אָבער עס העלפֿט ניט, אדרבה די שטימונג ווערט נאָך שווערער . . .

דאָס מיידל איז אפילו ניט קיין מיאוסע, און די הויזן פּאַסן איר גראַדע, אָבער וואָלט איך ווענינקסטנס געווען אַ מאַנספּערשוין, וואָלטן מיך אירע הויזן אפשר אינספּירירט און אירע חנ'דלעך באַגייסטערט; אָבער אַזוי ווי איך בין דאָך ניט מער ווי אַ פֿרויענצימער, האָט דאָס אַלץ אויף מיר ניט געמאַכט דעם געוואונשטן איינדרוק . . .

„פֿאַראַן ביי אייך אַ סך געסט?" פֿרעג איך דעם בעל־הבית, קוקנדיק נאָך אַלץ אויף דאָס מיידעל, וועלכע האַלט זיך אין איין חנד'לען.

„ניין, ניט פֿיל", ענטפֿערט ער. „איר וועט זיי זען ביים מיטאָג עסן, באַלד".

אין האַרצן בין איך געווען צופֿרידן, דערמיט וואָס איך בין אַריין אַהער; פֿאַרשטייט זיך, ווערמען ווילט זיך עס קומען אויף אַ האָלידעי אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, ווייט פֿון דעם שטאָטישן געפּילדער, פֿון די טומלדיקע גאַסן, רוישנדע באַסעם און ווייבערשע רייד . . . דאָ דאַרף מען זיך ניט אויספּוצן, מיט נייע און פֿאַרשידענע קליידער יעדן טאָג, ווייל דאָ איז עס ניט נייטיק, ניטאָ זיך פֿאַר וועמען פֿאַרצושטעלן מיט אַלץ וואָס מען פֿאַרמאָגט . . .

מיין שלאָף צימער איז מיר שטאַרק געפֿעלן. דורך דעם אָפֿענעם פֿענסטער איז אַריין אַ שטראָם פֿון פֿרישע לופֿט, וועלכע האָט געקילט און באַרואיקט דעם מענטשן. ווען איך האָב אויסגעפּאַקט מיינע זאַכן, און באַצאָלט פֿאַר אַ וואָך פֿאָראויס, בין איך אַראָב צוריק און עס־צימער, און ווידער פֿאַרנומען אַ פּלאַץ ביים פֿענסטער. אין דער קורצער ווייל ע זענען זיך שוין צוזאַמענגעקומען עטלעכע פֿון די מענער געסט, זיך געזעצט ביי אַ טישל שפּילן אַ דאָמינאָ, און רעדן וועגן די לעצטע געשעעניש.

„ווי האַלט עס ביי אייך מיט די ברויט־רעשאָנס, און ווער האָט דעם

דאַבל זעקס?״ פֿרעגט אַ ייד, וועלכער זיצט אויסגעטון ווי ביי זיך אין דער היים, און זינגט זיך צו אַ בריוועלע דער מאַמען . . .

„איך האָב געגנוג״, ענטפֿערט אַ ברייט־בייכיקער קאַסטאַמער, וואָס איז שוואַרץ ווי אַ נעגער, און סאַפּעט ווי אַן אָנגעשטאָפּטע גאַנז . . . „אָט איז דער דאַבל זעקס״.

„עט, פֿאַראַן גרעסערע צרות, עס וואָלט שוין צייט געווען משיח זאָל קומען און אויסלייזן אונזער פֿאָלק פֿון גלות״, ענטפֿערט אַ ייד מיט אַ באָרד, אַ שמש פֿון אַ שול, און שטעלט אויף אַ שטיין. „אָבער נישט קשה, די שונאים וועלן באַקומען זייער שטראָף״.

„רב משה, וואָס טוט זיך מיט אייך? איר האָט דאָך אַוועקגעשטעלט אַ דריי נעבן אַ בלענק . . . איר מאַכט דאָך קאַליע די גיים, פֿע, ניט שיין, אַז אַזאַ ייד ווי איר זאָלט נאַרן . . . ״

„נו, נו, נישט־קשה, וועסטו מיט מיר נאָך אַמאָל ניט שפּילן. געהערט אַן עסק, ווערט רב משה אין כעס . . .

עס האָט זיך דערהערט דאָס גלעקל, וואָס האָט גערופֿן צו דינער. אין איין אויגנבליק האָבן זיך אַלע דערלאַנגט אַ שטעל אויף, און פּונקט ווי זיי וואָלטן שוין נישט געגעסן פֿון ווער ווייסט ווי לאַנג, האָט מען זיך אַ לאָז געטון צו דער אכילה . . . און איך צוזאַמען מיט זיי . . . ביים טיש האָט מען זיך נאָך אַלץ געקריגט מיט ר׳ משה׳ן צוליב זיין נאַרעריי אין דאָמינאָ און אַלע האָבן זיך ענטזאַגט מיט אים ווידער צו שפּילן.

דערווייל האָט אין דרויסן אויפֿגעשיינט די זון. עס איז געוואָרן שיין, וואַרים און ליכטיק, און איך האָב זיך גלייך נאָך מיטאָג אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר. דער האָטעל־קיפּער איז מיר נאָכגעגאַנגען, און דווקא פֿון מיר געוואָלט דערגיין וואָס איך דענק וועגן זיינע געסט.

„איר קענט מיט זיי גאַנץ פֿיין פֿאַרברייינגען״, האָט ער מיר פֿאַרזיכערט.

„איך בין ניט געקומען אַהער פֿאַרברייינגען, נאָר אויסרוען מיינע נערוון, וועלכע זענען זייער אָנגעשטרענגט. איך מוז ווערן בעסער, ווייל איך בין אַ שרייבערין און רו איז פֿאַר מיר זייער וויכטיק״, האָב איך אים פֿאַרזיכערט. „איך מוז מיט זיך צוריקברייינגען גוטע מאַטעריאַל צו שרייבן שיינע פֿעליעטאָנען, איר פֿאַרשטייט?״

„אויב אַזוי, בעט איך אייך, באַשרייבט ניט מיין האָטעל, ווייל עס קען אַמאָל שאַדן צו ביזנעס . . .

איך האָב אַ שמייכל געטון. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ געוויסער ריכטונג וואו צו גיין און איז צוריק אַהיים.

איך בין אַוועק אין וואַלד, באַטראַכטן גאָט׳ס שיינע נאַטור. איך בין געוואָרן באַגייסטערט פֿון דער לופֿט, פֿון דער אומגעבונג, און זיך דערפֿילט אַ נייער מענטש מיט אַ נייער נשמה, פֿרישע ענערגיע און אינספּיראַציע. ווען איך האָב זיך אומגעקערט נאָך דעם לאַנגען שפּאַציר, איז שוין געווען שפּעט־לאַך אין אָוונט. איך האָב באַגעגנט עטלעכע פֿרויען זיצנדיק אין גאָרטן פֿון

האָטעל. דאָס האָב איך גלייך פֿאַרשטאַנען זענען זענען אויך געסט, וועלכע זענען נאַר־וואָס אָנגעקומען. מיך האָט ניט אינטערעסירט זייער געזעלשאַפֿט, בין איך אַריין טיפֿער אין גאָרטן און גענומען טראַכטן וועגן מיין אַרבעט. איך האָב אַפילו געמאַכט עטלעכע נאָטיצן, אָבער באַלד האָט מען גערופֿן צו נאַכט־עסן.

איך האָב געגעסן מיט אַפּעטיט, און זייענדיק מיד פֿון דעם לאַנגען שפּאַציר בין איך אַרויף אין מיין בעד־רום, אַריין אין בעט, און אויס מידקייט גלייך איינגעשלאָפֿן. אין מיטן נאַכט, האָבן מיך ערוואַכט קינדישע קולות, וועלכע האָבן זיך געלאָזט הערן פֿון אַ דערבייאיקן צימער. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעצייגט האָבן דאָרט לאָזשירט אַ מאַן און פֿרוי, מיט אַ קינד. דאָס קינד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און עפּעס פֿאַרלאַנגט פֿון דער מוטער, נאָר זי האָט עס ניט געוואָלט נאָכגעבן, האָט דאָס קינד זיך צעוויינט אויפֿן קול, און גענומען טופּן מיט די פֿיסלאַך. די נערוועזע מאַמע, ווילנדיק דאָס קינד איינ־שטילן, האָט עס גענומען קנייפּן און שרייען: „שאַ, שאַ, וועסט נאָך אויפֿוועקן דאָס גאַנצע הויז", — אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן, אדרבה, דאָס קינד האָט נאָך שטאַרקער געשריען, האָט מען עס אַרויסגעוואָרפֿן אונטער דער טיר. דער פֿאָטער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס, פֿאַרוואָס מען האָט אים אויפֿגעוועקט, האָט ער זיך אויס פּראָטעסט אָנגעטון און אַרויס פֿון שטוב, דאַביי דערלאַנגענ־דיק אַזאַ זעץ מיט דער טיר, אַז איך בין שיעור אַרויסגעפֿאַלן פֿון בעט. די בעל־בית'טע איז אַריין צו'מיר און געבעטן איך זאָל ניט נעמען קיין נאָטיס און זיך ווידער שלאָפֿן געזונטערהייט. ביי אַלע אַנדערע געסט, זאָגט זי, איז שוין דאָס ניט קיין נייעס און זי האָפֿט, אַז איך וועל זיך צוגעוויינען דערצו מיט דער צייט . . .

„שלאָפֿט, שלאָפֿט, האָט זי מיך באַרואיקט, עס איז נאָך פֿרי", און איז אַרויס פֿון מיין צימער. עס האָט מיך געוואָרפֿן אין היץ און קעלט פֿון נערוועזיטעט. אַזאַ אומגליק, האָב איך געטראַכט, און דאָס האָט מיך געדאַרפֿט טרעפֿן דאָ אין פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל.

באַלד אין דער פֿרי בין איך אַרויס פֿון בעט, אַרויס אין גאַס, געקויפֿט אַ צייטונג און זיך אוועקגעזעצט אונטער אַ בוים, כדי קיינער זאָל מיר ניט שטערן, אפשר וועל איך קומען צו זיך, נאָך דער ביטערער נאַכט.

עס האָט אָבער גאָרניט לאַנג גענומען, און צו מיר האָבן זיך צוגעזעצט צוויי פֿרויען, קענטיק אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער.

„גוט מאָרגן אייך", זאָגט צו מיר די עלטערע, און קוקט מיר גלייך אין פּנים, „איר זייט דאָס ערשט געקומען ?"

„יעס", האָב איך געענטפֿערט מיט כעס, און ווייטער געקוקט אין צייטונג, צו פֿאַרמיידן אַ ווייטערדיקן געשפּרעך.

„און איך בין שוין דאָ דריי וואָכן", ענטפֿערט די אַלטע.

„איי לייק יו מעדעם", זאָגט די טאָכטער, „יו אַר מיי פֿרענד, יעס, כאַ־כאַ־כאַ", האָט זי זיך צולאַכט אידיאָטיש, און מיך געציפּט פֿאַרן אַרבל.

איך האָב אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און באַטראַכט די צוויי נפשות, די מאַמע און עלטערע אויסגעטריקנטע יידענע, מיט אַ געל פּנים, צוויי קליינע אויגעלעך, וועלכע זען אויס ווי פֿאַרמאַכט, און אַ מויל מיט צוויי צובראָכענע ציין, וועלכעס איז שטענדיק אָפֿן; די טאָכטער, אַ מיידעל פֿון אַ יאָר פֿערציק, מיט אַ קאָפּ אויסגעקראָכענע האָר, אַ שטיקל הויקער מיט אויסגעדרייטע הענט און פֿיס, און שכל פֿון אַ קינד, וועלכע וויל דווקא זיין מיין חבר׳טאָרין. ביידע האָבן געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק.

„איך האָב נאָר־וואָס געהאַט אַן אָפּעראַציע, מען האָט ביי מיר אַרויס־געשניטן אַ מכה פֿון דער זייט", דערציילט מיר די אַלטע, און זוכט ביי מיר אַרויסצורופֿן רחמנות געפֿיל. „די טאָכטער מיינע ליידעט פֿון נערוון, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, דאָס האָט זי באַקומען גלייך ווי דער פֿאָטער אירער, האָט זיך אַ געזונטער אוועקגעלייגט שלאָפֿן און מער ניט אויפֿגעשטאַנען".

„יע, יע", האָט זיך די טאָכטער פֿאַרקרימט ווי אַ קליין קינד וואָס האַלט ביים צעוויינען זיך, און זיך צוגערוקט נענטער צו מיר. מיר האָט באַפֿאַלן אַ מאָדנער עקלהאַפֿטער געפֿיל. איך האָב זיך גלייך אויפֿגעשטעלט, אַרויף ביי זיך אין רום, פֿאַרפּאַקט מיינע זאַכן און שנעל ווי געטריבן פֿון בייזע גייסטער, פֿאַרלאָזט דאָס באָארדינג-הויז, אין פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל, דורך אַ הינטער־טיר, און אַוועק אַהיים.

און ווי איר זעט האָב איך קיין טעמא און קיין אינספּיראַציע נישט געפֿונען, און דערפֿאַר טאַקע גאָרניט אָנגעשריבן היינט . . .

איך דאַרף אַ נאָמען...

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט אַ יידישע טעאַטער געזעלשאַפט ארויס־געלאָזט אַן אַדוועררטייזמענט, אַז זי גיט אַ פּרעמיום פון טויזנט פונט פאַר אַ נייער פּיעסע, וועלכע זאָל געפעלן דעם הויכגעשעצטן טעאַטער פּובליקום; אַ פּיעסע וועלכע זאָל ציען פון די הייזער, פון די קאַרטן גיימס, פון די רייסעס, פון די שוויץ־בעדער, פון מיטינגס און באַנקעטן, גלייך אין יידישן טעאַטער אַריין... נאָר דער עיקר פון דער פּיעסע מוז זיין דער נאָמען, ווייל דער נאָמען האָט זייער אַ סך צו זאָגן אין דעם ענין, נאָך מער ווי די האַנדלונג גופא. ער מוז זיין סענזאַציאָנעל, באַמבאַסטיש, שרייענדיק, אַזוי אַז ביים איבער־לייענען אים, זאָל גלייך פאַרכאַפּן דער אָטעם און אַ צופּ טון ביים האַרצן... נאָר דאָס איז דאָס איינציקע מיטל אָנצופילן דאָס טעאַטער.

די נייעס איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די שרייבער, און כמעט יעדער פון זיי האָט זיך אַ נעם געטון צו דער וויכטיקער אַרבעט...

ווען איך האָב עס דערציילט מיין מענדלען, האָט ער געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, און מיט אַ צופרידענעם שמייכל זיך אָנגערופן צו מיר:

„הער מיך אויס, מיין ווייב, איך זאָג דיר, אַז דאָס האָט גאָט אַליין צוגע־שיקט פאַר דיר אַ מעגלעכקייט, צו פאַרדינען אַזאַ גרויסע סומע געלט. איך ווייס אַז דו קענסט אָנשרייבן אַזאַ פּיעסע, ווי די געזעלשאַפט פאַרלאַנגט, קענסט אויך אַריינשטעלן עטלעכע לידלעך, דועטן, אַ פּאָר וויצן, ווען אפילו ניט קיין אָריגינעלע... עס מאַכט ניט אויס, קיינער וועט ביי דיר נישט נעמען קיין דין וחשבון... פאָלג מיך, נעם זיך גלייך צו דער אַרבעט, און מיר וועלן געהאָלפן ווערן. אַ קלייניקייט טויזנט פונט... קודם כל, וועלן מיר פּטור ווערן פון דער ענגער דירה, קויפן נייע מאַטראַצן צו די בעטן, און ניט דאַרפן קוועטשן דיביינער אויף די אַלטע אָפּגענוצטע; און אָפּעסן אַ מאָלצייט, און טאַקע קענען מאַכן אַ כשר'ן פריילעכן פּסח, מיט וויין, מצות, אייער און טשיקענס, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן"...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט געהאַט קיין גרויסן חשק זיך צו פאַר־נעמען דערמיט, און געוואָלט איבערלאָזן דאָס גליק צו מיינע קלוגן שרייבער, און זיך גענומען שלאָגן מיט דער דעה...

„מענטשן לאַכן דאָך פון מיין שרייבן", האָב איך פּרובירט אָבצושוואַכן מענדעל'ס זיכערקייט און גלויבן אין מיר...

„עט!" זאָגט ער צו מיר, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, „דאָס לאַכט מען

פון דיינע פעליעטאָנען, אָבער אַז דו וועסט אָנשרייבן אַ פּיעסע, וועט מען ווײַנען און ניט לאַכן״ . . .

הכלל, איך האָב דאָך איינגעזען אַז מענדעל האָט רעכט (וואָרים וועלכער שרייבער גלויבט עס ניט, ווען מען זאָגט אים אַז ער קען . . .) און באַשלאָסן אים צו פאָלגן.

איך האָב זיך פאַרשלאָסן אין אַ באַזונדערן חדר, קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזן, און גענומען שרייבן די פּיעסע, מיט אַ סענזאַציאָנעלן נאָמען. דעם אמת געזאָגט, איז עס מיר אָנגעקומען זייער שווער. איך בין געזעסן ביים שרייב־טיש ביי טאָג און ביי נאַכט, ניט געגעסן און ניט געשלאָפן, געהאָרעוועט און געשוויצט, געשריבן און געמעקט. איינמאָל בין איך געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט אויף דער גאַנצער זאַך, אַז איך האָב שוין געהאַט באַשלאָסן דאָס אין גאַנצן אויפצוגעבן. אָבער די טויזנט פונט זענען מיר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז . . . ביז עס איז מיר ענדלעך געלונגען אָנצושרייבן אַ זייער אינטערעסאַנטע פּיעסע פאַרן טעאַטער־פּובליקום, און דער עיקר פאַר דער קאַסע . . . איך האָב זי איבערגעלעזן פאַר מענדלען, מיין פאַטריאָט, און ער איז געווען אין זיבעטן הימל פון גליק . . . און אויף אַזוי פיל זיכער אַז איך וועל געווינען דאָס געלט, אַז ער איז גלייך אַוועק אין מיידא ווייל זוכן אַ לייטישן פלעט אויף דעם חשבון . . . איז דאָך שוין אַלעס גוט — פעלט מיר אָבער איין גרויסע קלייניקייט . . . איך דאַרף אַ נאָמען . . .

גיי איך אַרום מיט מיין פּיעסע צווישן אַלע מיינע באַקאַנטע, צווישן אַלע לאָנדאָנער דראַמאַטורגן . . . לעז יעדן פאַר דעם אינהאַלט (אפילו אָן מורא אַז מען וועט מיר אַרויס'גנב'ענען עטלעכע סצענעס . . .). אָבער קיינער קען פאַר איר דעם פּאַסנדען נאָמען נישט געפינען. דערווייל קען איך זי נישט אַוועקשיקן צום ריכטיקן פּלאַץ, און אויב איך וועל קומען צו שפּעט, וועל איך זיכער פאַרלירן די טויזנט פונט, אויף וועלכע איך האָב אַזוי שווער געהאָרעוועט . . . דערפאַר, מיינע ליבע פריינט, ווענד איך זיך איצט צו אייך, אפשר וועט איר מיר קענען אַרויסהעלפן אין דעם ענין.

פאַרשטייט זיך, אַז אויב צו געפינען דעם פּאַסנדען נאָמען, מוז איך אייך איבערגעבן דעם „פּלאַט״ פון דעם שטיק, און דאָס איבריקע לאָז איך צו אייך...

צום ערשטן מוזט איר ווישן, אַז מיין פּיעסע האָט פיר אַקטן, זעקס בילדער, מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג. אויך וויל איך איר זאָלט פאַרשטיין אַז גלייך ווי דער פאָרהאַנג גייט אַרויף, הויבט זיך אָן דאָס שפּילן . . . און איצט הערט זיך איין מיט קאָפּ . . .

עס האַנדלט זיך וועגן אַ פיינער אָנשטענדיקער משפחה, אַ טאַטע, אַ מאַמע און אַן איינציקער זון, וועלכער איז ביי זיי אַבגעהיט ווי די אויגן אין קאָפּ. פאַרשטייט זיך אַז זיי זענען זייער שטאָלץ מיט זייער בן־יחיד, מען שלאָגט אים פאַר פאַרשידענע שידוכים מיט פיינע, רייכע און אָנשטענדיקע מיידלעך, פון בכבוד'ע עלטערן. אָבער דער בחור וויל פון זיי ניט ווישן. אַזוי גייט אַוועק עטלעכע יאָר. טאַטע־מאַמע גייט אויס דאָס חיות נאָך אַ שטיקל

נחת, עס ווילט זיך זיי אַ שנור, אַן אייניקל, און ביי קיין אופן קען זיך דער זון ניט צוקלויבן קיין שידוך. מיט אַ צייט שפּעטער, אין אַ געוויסן אָוונט, קומט ער אַהיים און דערציילט, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ זייער שיין און ערליך מיידעל, און ער וויל מיט איר חתונה האָבן גאָר אין גיכן.

די עלטערן האָבן די פרייליכע בשורה אויפגענומען מיט גרויס פאַרגעני־גען, און מען האָט באַשטימט אַז קומענדן שבת זאָל ער אַהיים ברענגען די כלה.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דעם טאָג פוצט מען אויס די שטובן אויפן שענסטן אופן. די מאַמע ווערט ביזי, מען גרייט צו אַלץ אויפצונעמען די כלה, און ווען עס קומט דער באַשטימטער טאָג, פוצט זיך די מאַמע אויס מיט איר גאַנצן צירונג, אין די שענסטע בגדים, דער טיש איז געגרייט מיט וויין, בראָנפן, צובייסעכץ, און טייערע פרוכט, אָבער טאַקע מיט אמת׳ע, ניט קיין אָבגענאַרטע.

ווען דער זון קומט אַריין מיט זיין געליבטער, און שטעלט זי פאָר, נעמט זי די מוטער פיין אויף, און ווייזט איר אַרויס פיל פריינטשאַפט און צערט־לעכקייט, און דער זון קוועלט פון נחת. אָבער דער טאַטע זיינער באַציט זיך זייער קאַלט צו דעם מיידעל, און גייט אַרום אין שטוב זייער צוטראָגן זינט ער האָט זי געזען.

אין צווייטן אַקט, דאָס הייסט, מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען פאָטער און זון געפינען זיך אַליין אין שטוב (דאָס הייסט אויף דער בינע) רופט זיך אָן דער פאָטער:

„הער אויס, מיין זון, דו טאָרסט מיט דער מיידעל נישט חתונה האָבן, זי קען ניט און טאָר ניט זיין דיין ווייב״ . . .

„אָבער, דו ווייסט דאָך, פאָטער, ווי שטאַרק ליב איך האָב זי״, ענטפערט דער זון, „און קיין מאַכט וועט מיך ניט אָבהאַלטן זי צו מאַכן פאַר מיין פרוי. אָבער פאַרוואָס ביזטו דאַגעגן? פאַרוואָס שטערסטו מיין גליק?״

„ווייל זי איז דיין שוועסטער״, ענטפערט דער פאָטער מיט אַראָבגעלאָזטע אויגן.

דאָ פאַנגט זיך אָן די אמת׳ע טראַגעדיע. דער זון ווערט פאַרצווייפלט און זינגט אַ טרויעריק ליד פון בענקשאַפט און צוואַויינט זיך ווי אַ קליין קינד, פון דעם גרויסן אומגליק וואָס אים האָט געטראָפן. ער ווערט שטאַרק אויפגער־בראַכט אויף דעם פאָטער פאַר צוויי טעמים: ערשטנס, פאַר זיין אומטריי־שאַפט צו דער מוטער, און צווייטנס וואָס ער האָט די חוצפה צו זיין דער טאַטע פונקט פון דער מיידעל, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב, און באַשליסט אין זעלבן מאָמענט צו נעמען נקמה אין זיין אייגענעם און דעם מיידעל׳ס טאַטען.

דאָס אומשולדיקע מיידעל, נעבעך, ווייסט נישט וואָס דאָ קומט פאָר, און וויל דוקא אויסגעפינען פאַרוואָס איר געליבטער קומט מער נישט צו איר. קלאַפּט זי עטלעכע מאָל אין טיר, אָבער יעדעס מאָל באַקומט זי אַ קאַלטע

תשובה פון טאַטען זיינעם (דאָס הייסט אירער אויך), אַז ער איז נישטאָ אין דער היים . . .

דער זון באַשליסט צו דערציילן דער מוטער דעם גאַנצן אמת, און ער שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי זי וועט אויפנעמען די זאַך, ווי זי וועט אודאי ספּאַזמירן, וויינען, שרייען און אַנפאַלן אויפן מאַן, אַזוי ווי עס פּירט זיך אין אַזעלכע פעלע, און ער איז זיכער אַז עס וועט קומען צו אַ סקאַנדאַל . . . אָבער אים אַרט עס ניט, זאָל זיין וואָס עס וויל, ער מוז נעמען נקמה אין זיין פאַרברעכערישן פאָטער.

געזאָגט און געטון. אין אַ געוויסן אָוונט, אין דריטן אַקט, ווען דער פאָטער איז נישטאָ אין דער היים, רופט ער אַרויס זיין מוטער אויף דער בינע און דערציילט איר דעם גאַנצן אמת . . . אָבער ווי ווערט ער ערשטוינט ווען ער זעט ווי זיין מוטער נעמט אויף די גאַנצע זאַך גאַנץ רואיק. גאַנץ קאַלטבלוטיק און געלאַסן רופט זי זיך אָב צו אים:

„הער מיך אויס, מיין קינד, אויב דו האָסט שטאַרק ליב דאָס מיידעל, טאָ נעם און האָב מיט איר חתונה" . . .

„אָבער, מאַמע, וואָס רעדסטו, ווי קען איך טון אַזאַ זאַך, זי איז דאָך מיין שוועסטער?" . . .

„ניין, מיין זון, דו מעגסט מיט איר יאָ חתונה האָבן, ווייל ער, דער געמיינער מענטש, איז ניט דיין פאָטער" . . .

דערהערט די גוטע בשורה, פאַלן זיך מאַמע און זון אויפן האַלז. מען צוקושט זיך ווי עס דאַרף צו זיין. ביידע זינגען אַ פרייליכן דועט און שטודירן איין אַ מצוה-טענצל. דער סוף איז, אַז די געליבטע האָבן חתונה, אָבער דער טאַטע מיט דער מאַמען גט'ן זיך . . .

נו, זאָגט אַליין, איז עס נישט אַ קונסט-ווערק? . . .

און איצט אַז איר ווייסט שוין אַלץ, בעט איך אייך, העלפט מיר געפינען אַ פאַסנדען סענזאַציאָנעלן נאָמען . . .

אַ רעכט צו שטימען?

ווי נאָר איך האָב זיך דערוואוסט, אַז עס דאַרפֿן באַלד פֿאַרקומען נייע וואַלן, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַן אינצידענט, וועלכער איז ביי מיר פֿאַרגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, און טאַקע וועגן דעם זעלבן ענין.

דערצו האָט מיך מיין רעדאַקטאָר געבעטן אָנשרייבן אַן אַקטועלן פֿעליעטאָן, האָב איך באַשלאָסן דעם אינצידענט אייך דאָ איבערצוגעבן, אַזוי ווי עס איז פֿאַרגעקומען, מיט אַלע פּיפּטשיקלעך.

איך פֿאַרזיכער אייך, אַז דאָס איז אַן אמת'ע מעשה . . . און בעט אַז איר זאָלט מיר גלויבן . . . נאָר אויב איר ווילט ניט, וועל איך אייך חלילה ניט צווינגען. טוט ווי איר פֿאַרשטייט . . .

אין אַ געוויסן פֿאַרנאַכט זיץ איך מיר איינע אַליין אין שטוב. דער טאָג איז געווען אַ טריבער, און דער פֿאַרנאַכט אַן אומעטיקער. עס איז מיר געווען שווער אויפֿן הארצן און קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין שטוב, און באַטראַכט מיין גרעסטן שונא, דעם דלות; די אָבגעשיילטע ווענט, און דעם האַלב-איינגעפֿאַלענעם סופֿיט וועלכן דער לענדלאָרד האָט דאַמאָלט ניט געוואָלט צורעכט מאַכן, ווייל איך בין אים שולדיק געווען פֿאַר עטלעכע וואָכן רענט; איך האָב באַטראַכט די אַלטע אָבגענוצטע מעבל מיינע (פּונקט ווי איך וואָלט עס דערזען צום ערשטן מאָל). דאָס איז נאָך געווען אַ ירושה פֿון מיין מאַמען, און האָט זיך שוין לאַנג געבעטן באַנייען; די צושפּאָלטענע טיר און פֿענסטער, דורך וועלכע עס האָט אַריינגעבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, וואָס קען טרייבן צו כל'ערליי חולאתן, און געטראַכט ביי זיך אין האַרצן: אוי, גאָטעניו, ווי ווערט מען פּטור פֿון מיינע צרות, און באַפֿרייט פֿון דלות, וועלכער וויל פֿון מיר פֿאַר איין מינוט ניט אָבטרעטן . . . ווי ווערט מען געהאָלפֿן צו אַ לייטישע דירה, אַ בעט אין וועלכן מען זאָל קענען שלאָפֿן, און אַ בענקל אויף וועלכן מען זאָל קענען מיט זיכערקייט זיצן?

בעת אָט די געדאַנקען האָבן אַזוי פֿאַרמאַטערט מיין מוח, האָב איך פּאַוואָלינקע איינגעדרימעלט . . .

עס האָט מיך אויפֿגעוועקט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר, ניט קיין אייגענער, נאָר אַ פֿרעמדער, אַ חוצפה'דיקער קלאַפּ, מיר איז שיעור אַרויסגעפֿאַלן דאָס האַרץ פֿון שרעק.

— ווייז איז מיר! — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין — די מעשה געפֿעלט מיר ניט, ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ נייער אומגליק, אַ נייע אָנשיקעניש עס קומט צו מיר?

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך געעפֿנט די טיר. פֿאַר מיר איז גע־שטאַנען אַ פֿיין אויסגעפּוצטער מאַן, מיט פּאַפּירן אין האַנט.

— אהאַ, געטראָפֿן, דאָס איז אַ דעטעקטיוו פֿון סקאָטלאַנד יאַרד, געקומען מיך אַרעסטירן — האָב איך גלייך באַשלאָסן אין געדאַנק — פֿאַרוואָס? . . . ווייס איך אַליין ניט, אפשר אַ שקר בלבול, ווער ווייסט? מיט אַ מענטשן ווי איך, וואָס האָט קיין מזל ניט, קען זיך אַלץ טרעפֿן . . .

זיין העפֿלעכער „גוד־אַפֿטערנון, מאַדאַם", האָט מיך גלייך באַ־רואיקט, און איך האָב דערפֿילט, אַז דאָ האָב איך צו טון מיט אַ דזשענטלמאַן, און ניט מיט קיין דעטעקטיוו . . .

ער האָט צו מיר אַ פֿריינטלעכן שמייכל געטון, און מיך געפֿרעגט, צי קען ער מיט מיר רעדן פּריוואַט . .

— יעס סיר! — האָב איך געזאָגט — קומט אַריין אין שטוב, דאָרט איז קיינער ניט פֿאַראַן.

ער איז אַריין און זיך אַרומגעקוקט מיט אינטערעס.

— איז דאָס אייער וואוינונג, מאַדאַם? — האָט ער געפֿרעגט.

— יעס, סער! — האָב איך געענטפֿערט אין פֿאַרלעגנהייט — איך האָב נאָך אַ שטיבל, אָבער עס איז נאָך ערגער און קלענער פֿון דעם.

ער האָט מיך שטאַרק באַדויערט, זיך ווידער אַרומגעקוקט, און מיט זיין שטעקן געקלאַפּט אין די הוילע ווענט.

— איך סימפּאַטיזיר מיט אייך, מאַדאַם, עס איז שרעקלעך אַזוי צו לעבן — האָט ער באַדויערט מיין לאַגע — אָבער ניט פֿאַרצווייפֿלט, עס איז פֿאַראַן אַ מיטעל דערצו, מען קען נאָך אַלעס גוט מאַכן — האָט ער געזאָגט.

ניט אַנדערש נאָר גאָט האָט דערהערט מיין געבעט און מיר געשיקט אַ גוטן מלאך, אין געשטאַלט פֿון אַ מענטשן — האָב איך געטראַכט — איצט וועט שוין קומען מיין הילף.

— האָט איר פֿאַמיליע אויך, מאַדאַם? — האָט ער געפֿרעגט.

— יעס, איך האָב אַ מאַן, און צוויי גערעטענע קינדער, זאָלן מיר געזונט און שטאַרק זיין.

— און וויפֿיל פֿאַרדינט אייער מאַן אַ וואָך? ענטשולדיקט די פּערזענ־לעכע פֿראַגע, מאַדאַם.

— ווי אַמאָל — האָב איך געענטפֿערט שוין גאַנץ פֿריי, ווי מען רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פֿאַר אַ גוטן פֿריינט — ווען עס איז ביזי אין דער שניי־דער טרייד, פֿאַרדינט ער עטלעכע פֿונט אַ וואָך. דאָס טרעפֿט אָבער נאָר דריי חדשים אין יאָר . . . די איבעריקע ניין חדשים שטייט ער אין גרייט גאַרדען סטריט און וואַרט אויף אַ דזשאָב. נאָך אַ גליק, וואָס מיינע גוטע קינדער לאָזן אונז ניט פֿאַלן, און ברענגען אַריין זייערע פֿאַרדינסטן אין הויז.

— יעס, יעס, איך גלויב עס אייך, מאַדאַם, — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, און געמאַכט אַ טרויעריקע מינע צו באַווייזן אַז ער איז שטאַרק גערירט פֿון מיינע צרות — אין דעם, מיין ליבע פֿרוי, איז שולדיק די שלעכטע סיסטעם,

וועלכע ווערט איינגעפּירט פֿון די ניט פּעאיקע פֿאַרשטייער, וועלכע איר האָט אויסגעוויילט ביי די לעצטע וואַלן, אַט זיי זענען שולדיק אין דעם וואָס איר, און נאָך אַזעלכע אַנשטענדיקע בירגער, דאַרפֿן פֿירן אַזאַ אָרים לעבן, אונטער אַזעלכע טרויעריקע קאָנדיציעס . . . אַט אַזעלכע הייזער ווי די האָט מען שוין לאַנג באַדאַרפֿט פֿאַרניכטן, און אויף זייער פּלאַץ אויפשטעלן נייע פּלעטס, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, פֿאַר די אַרבעטער פֿאַמיליעס. איך לויף אַלס קאַנדי־דאַט אין אייער געגענט פֿאַר די קומענדע וואַלן, און אַז איר וועט מיר העלפֿן, וועל איך אַלץ טון פֿאַר אייך, איך וועל שוין זען אַז איר זאָלט האָבן אַ גוטע באַקוועמע וואוינונג, מיט גוטע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, מיט הייסע און קאַלטע וואַסער, מיט פֿרישע לופֿט, מיט קלענערע אַרבעטס־שטונדן פֿאַר אייער מאַן, און גרעסערע ווייִדזשעס פֿאַר אייך, מיט ביליקע רענט און ביליקע נאַרונגס מיטלען . . .

— אַט דאָס, דזשענטלמאַן־לעבן, דאַרף איך טאַקע, גאָט זאָל אייך באַ־צאָלן פֿאַר אייער גוט האַרץ, און פֿאַר אַלץ וואָס איר גייט טון פֿאַר מיר — האָב איך געזאָגט מיט באַגייסטערונג — און איצט, ליבער טייערער פֿריינט מיינער, זאָגט מיר וואָס דאַרף איך טון פֿאַר אייך דערפֿאַר? — האָב איך נאַאיוו געפֿרעגט, ניט באַגרייפֿנדיק זיין פֿאַרלאַנג.

— איין קלייניקייט — האָט ער געענטפֿערט אין אַ ווייכן טאָן — איר זעט, מאַדאַם? אַט דאָס איז מיין נאָמען — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויפֿן פּאַפּיר — אין דעם טאָג פֿון די וואַלן, ווען איר וועט קומען אין „פּאָלינג סטיישאָן”, זאָלט איר אויף דער קאַרטע וועלכע מען וועט אייך דאָרט איבער־געבן, מאַכן אַ „צלם” נעבן מיין נאָמען. איר פֿאַרשטייט? דאָס איז אַלץ וואָס איך וויל פֿון אייך, און איך וועל שוין זען אַז איר זאָלט ניט האָבן קיין שוועריקייטן צו קומען אַהין. איך וועל נאָך אייך שיקן מיין קאַר, און איר קענט זיך צופֿאָרן גאַנץ באַקוועם . . . און אויב איר האָט ניט וואו צו לאָזן אייער בייבי, וועל איך אַליין צוקומען און אויפֿפּאַסן דערויף, ביז איר וועט קומען אַהיים . . .

— ניין, ניין, איר דאַרפֿט זיך ניט טראַבלען, ליבער פֿריינט, ווייל קיין בייבי האָב איך ניט, נאָר די קאַר קענט איר צושיקן, ווייל איך האָב פּשוט ליב צו האָבן אַ רייד אין אַ קאַר . . . און זאָלן טאַקע מיינע שכנים זען, אַז מען האַלט מיך אויך פֿאַר אַ מענטש, כאָטש איך בין ניט רייך — האָב איך געזאָגט מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל.

— אַלזאָ, הייסט עס, איז שוין אַלעס אַראַנזשירט, און איר וועט מיר טון די טובה . . . און איך פֿאַרזיכער אייך אַז איר וועט קיין חרטה ניט האָבן . . .

— שור, פֿאַרוואָס דען ניט? איך זע דאָך שוין אַז איר זענט אַ פֿיינער גוט־האַרציקער דזשענטלמאַן, און איר גייט מיך באַפֿרייען פֿון אַלע מיינע צרות, און מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן ווי אַ לייטישער מענטש, און ווי זאָגט מען אַ ווערטל ביי אונז יידן: איין האַנט וואַשט די צווייטע, און אַזוי אַרום וועלן מירביידע געהאָלפֿן ווערן . . .

— און איצט, מאדאם, די לעצטע פראגע, און איך וועל אייך מער ניט באדערען. זאגט מיר, פליז, איז אייער מאן אן ענגלישער געבוירענער, אדער א נאטוראליזירטער בירגער?

— וואט פאלט אייך איין, מיין מאן אן ענגלישער געבוירענער? ווייס איך וואס!

— וואס דען, א נאטוראליזירטער?

— אויך ניט, צו וואס איז עם אים נויטיק?

— ווא־ם? — האט ער געעפנט א פאר גרויסע אויגן און מיך געוואלט איינשלינגען . . .

— וואס האט איר זיך אזוי דערשראקן, דזשענטלמאן־לעבן? וואס איז אייך דער דיפערענץ? איבריקנס, איר דארפט דאך מיך, און ניט מיין מאן . . . איר פארשטייט? מיר זענען געבוירן אין רוסלאנד, און דענקען נאך צוריק־צופארן אין אונזער אלטער היים, דארט וואו מיר האבן איבערגעלאזט משפחה, חברים און פריינט, צו וואס־זשע דארפן מיר זיך נאטוראליזירן?

— מיסעס! — האט ער אויסגעשריגן ווי א ווילדער — מיסעס! הייסט עס, אז איר האט ניט קיין רעכט צו שטימען, הא? פאר וואס זשע האט איר עס מיר באלד ניט געזאגט? וואלט איך בעסער אויסגענוצט די צייט, וועלכע איז באשרענקט, דארט וואו זי קען מיר נוצן ברייננגען. אך, איר אונוויסנדע חיה! — האט ער אויסגעשריגן מיט כעס און ארוים פון שטוב.

שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס האט ער געמיינט מיין נעקסט־דאריקע און ניט מיך . . .

און אט אזוי האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם פון אלע מיינע גליקן . . . און געזיגט האט מיין שונא דער דלות . . . און ער פייפט נאך אלץ אויף מיר, שטעלט מיר ארויס א לאנגע צונג . . . און פארזיכערט מיר אז איך וועל פון אים אזוי לייכט, און אזוי גיך, ניט פטור ווערן . . .

אוי, דלות . . . דלות . . .

די אלמנה און דער מלמד!...

איך וועל אייך היינט דערציילן וועגן חנה די אלמנה, וואס האט א מאן א מלמד . . .

איר לאכט אוודאי און וואונדערט זיך, סטייטש ווי קען דאס זיין? . . . וועט איר אבער באלד דערגיין, אז עס איז נישטא וואס צו לאכן, אדרבה, פארקערט . . . עס קען יא זיין . . .

היינטיקע צייטן דארף מען זיך אויף קיין שום פאסירונג ניט וואונדערן, ווייל מיר לעבן אין א צייט פון אלערליי מעגלעכקייטן, און ווער ווייסט צו וואס דאס וועט דערפירן. הלואי זאל עס אויסגיין צום גוטן . . .

אט לעבן מיר, למשל, אין א צייט, ווען מען קען אבעסן פרישטיק אין לאנדאן, זיך ארייננזעצן אין א פלי־מאשינדל און א פלי טון גלייך נאך אמעריקע פאר דינער, און אויב דאס עסן דארט שמעקט אייך ניט, טוט איר א פלי צוריק און האט אייער נאכט־מאל ביי זיך אין דערהיים . . . אט האט מען ערפונדן אן אטאמישע באמבע, וועלכע קען באוויזן וואונדער איבער וואונדער, נאך גרעסערע ווי אמאל א רבי אין דער אלטער היים . . . א סימן אז מען האלט איצט אב קאנפערענצן, מען סוד'עט זיך וועגן איר גבורה, און מען וויל קומען צו אן אבמאך, אז יעדע מדינה זאל כאטש האבן א שטיקל פון איר. און אט האט מען ערפונדן אן אפאראט, וואס וועט פראדוצירן לעבעדיקע קינדער, אן א טאטען און אן א מאמען . . . און נאך און נאך אזעלכע משונה'דיקע פאסירונגען. און אויב דאס אלעס איז מעגלעך, ווי מיר זען אליין מיט אונזערע אויגן אין די צייטונגען . . . און הערן מיט אונזערע אויערן אויפן ראדיא, טא פארוואס קען ניט זיין מעגלעך, אז חנה די אלמנה זאל האבן א מאן א מלמד? אבער נישט דאס איז דער עיקר, וועגן וואס איך וויל אייך דערציילן און איר ווילט וויסן. דערפאר וועלן מיר די אלע נארישקייטן אוועקלייגן אין א זייט, און זיך נעמען צו דער אלמנה. איך בין זיכער אז איר וועט פון איר פונקט אזא הנאה האבן ווי איך האב געהאט, ווען איך האב זיך וועגן דער מעשה דערוואוסט.

חנה איז א שיין יונג ווייבל, מיט צוויי גרויסע קארשן אויגן, שיינע ווייסע ציין, און חן גריבעלעך אין ביידע באקן, אזעלכע, אז ווען זי טוט א שמייכל, זעט מען זיי ביי איר בולט ארויס. דערצו האט זי א גוט הארץ, פול מיט ליבע פאר דער גאנצער מענטשהייט.

מיט צוויי יאר צוריק איז איר מאן אבגעשטארבן, איז זי געבליבן, נעבעך, א שיינע, יונגע און פריילעכע אלמנה. און דער מלמד, וועלכער לערנט מיט אירע צוויי בויטשיקלעך, איז, ווי עס ווייזט זיך ארויס, ניט נאר א מלמד, נאר

אויך אַ מאַנספּאַרשוין. האָט ער גרויס רחמנות באַקומען אויף דער ווייבל אין איר איינזאַמקייט, און טראָץ די לעקציעס, האָט ער אָנגעהויבן זי אָפּט צו באַזוכן, געוואָרן אַן אמת'ער הויז־פריינט, באַהאַנדלט די קינדער ווי אַ טאַטע, און דאָס ווייבל ווי אַ געטרייער מאַן.

קומט פורים, לייענט ער פאַר איר די מגילה; פּסח ריכט ער אָב דעם סדר; חנוכה בענשט ער די ליכטלעך, און קריסטמאַס העלפּט ער אַראַנזשירן די קריסטמאַס־פּאַרטי . . . אַזוי ווי עס פירט זיך ביי אונז יידן . . . עס מאַכט זיך זייער אָפּט אַז איר פעלט אוים עטלעכע פונט, באָרגט ער זיי איר, אויף אַ שטילן בכבוד'ן אופן, און בעט איר ניט צו זאָרגן זיך וועגן צוריקגעבן, ווייל ער מאַכט גאָט־צו־דאַנקען אַ פיין לעבן, זיינע ביזנעס פאַרבעסערן זיך יעדן טאָג, ער זעט באַשיינפּערלעך, ווי גאָט באַצאָלט אים פאַר אַלע מעשים טובים וואָס ער טוט אויף דער וועלט . . .

איז אָבער געקומען אַ שטערונג צו זייער רואיקן לעבן.

ווייבער זענען דאָך געבענשט מיט גרויסע מיילער און שפּיציקע צינגלעך, האָבן זיי אָנגעהויבן אָט מיט דער אַמוניציע צו באָמבאַרדירן. האָט זיך חנה אַרומגעזען, אַז זי דאַרף זיך געגן דער אַטאַקע באַשיצן, און וואָס גיכער. דאָס בעסטע וועט זיין, זיך אַרויסצומופען פון דער גאַס.

געזאָגט און געטון. האָט זי טאַקע באַלד גענומען זוכן אַ דירה, נאָר געפינען אַ דירה היינטיקע צייטן, איז פונקט ווי צו געפינען אַ יידן וועלכער האָט פיינט געלט . . .

אָבער עס העלפּט ניט, אַז מען מוז איז דאָך ניט שייך. איז אונזער אַלמנה נעבעך אַרומגעלאָפן איבער גאַנץ לאָנדאָן, געקלאַפּט אין אַלע טירן, ווי אַן אָרימאַן נאָך אַ נדבה, ביז גאָט אַליין האָט אויף איר רחמנות באַקומען, ניט געקענט צוזען אירע צרות, און איר צעוויסן געטון דורך אַ שליח, וועגן אַ פלעט אין אַ וויטן געגנט, ביי בעל־הבתישע מענטשן, מיט גוטע פילנדע הערצער. אָבער זיי נעמען ניט אַריין קיין פרוי אָן אַ מאַן, ווייל אין אַזאַ פאַל איז מען קיינמאָל ניט זיכער מיט דעם דירה־געלט . . .

נו, איז זי געבליבן אין פאַרלעגנהייט, און ניט געוואוסט וואָס צו טון. אָבער אַזוי ווי עס איז איר געווען אַ שאָד צו פאַרלירן אַזאַ מציאה, וועלכע זי האָט קוים געפונען, איז זי געפאַלן אויף אַ פּלאַן און אָנגעגעבן דעם מלמד פאַר איר מאַן.

דער מלמד האָט ניט געהאַט דאַגעגן. אדרבה, ער איז געווען צופרידן, דערמיט וואָס ער וועט קענען פראַנק און פריי אַריינקומען אַהין, און אַוועקגיין ווען ער וועט וועלן.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, און זי האָט זיך צו מזל אַריינגעצויגן אין דער נייער דירה, און איצט האָבן זיי פאַר קיינעם ניט קיין מורא. דער מלמד קומט ביי טאָג לערנען מיט די קינדער, און אין אָוונט אַזוי אַביסל פאַר צייט־פאַרטרייב.

ער קוועלט פֿון אירע חן־גריבעלעך. זי ווייסט עס, און שמייכלט כסדר, כדי אים צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגען.

פֿרעג איך זי אַמאָל, אַזוי גאַנץ אינטים, פֿאַרוואָס האָט זי ניט חתונה, זי איז נאָך אַזוי יונג און שיין, און קען אַ גוטן שידוך טון? ענטפֿערט זי מיט אַן ערנסטער מינע, אַז זי איז ניט אַזוי לייכטזיניג, ווי אַנדערע פֿרויען, ערשטנס ווייל זי אירע קינדער ניט געבן קיין שטיף־טאַטען, און צווייטנס, קען זי אַליין אויך אויסקומען אָן אַ מאַן. נאָר מיט דעם מלמד וואָלט זי שוין אפשר יאָ חתונה געהאַט, זאָגט זיין ווייב אַז זי וויל ניט . . . קיין גט, הייסט עס. אַ מכה, זאָגט זי, וועט זי אים צולאָזן אַזאַ פֿעטן ביסן . . . זאָגט ער, אַז ער פֿייפֿט אויף זיין ווייב מיטן גט און וועט ניט פֿאַרבייטן דער אַלמנה׳ס חן גריבעלעך פֿאַר איר אין גאַנצן. פֿאַרדריסט דאָס שטאַרק די מיסעם מלמד. האָט זי זיך דערוואוסטן פֿון דער אַלמנה׳ס נייע וואווינונג, און קומט יעדן טאָג אַהין מאַכן סקאַנדאַלן.

אָבער דאָס העלפֿט איר ווי אַ טויטן באַנקעס . . . זי בלייבט ביי די סקאַנדאַלן, און ער ביי דער אַלמנה . . .

אָבער אַזוי ווי מיר יידן זענען דאָך בני רחמנים, האָט מען זיך אריינגע־לייגט אין מיטען, און געוואָלט מאַכן שלום. אָבער דער מלמד האָט דערפֿון ניט געוואָלט הערן.

האָט מען אָבגעהאַלטן אַ שטרענג געהיימען מיטינג, און באַשלאָסן, אַז ניט אַנדערש, נאָר זי מוז אים נעמען אין קאָורט, און אַזוי איז טאַקע געוועןֿ. דורך די מיטגלידער פֿון געהיימען מיטינג האָבן זיך אַלע דערוואוסט דעם טאָג פֿון דעם משפּט, און די גאַנצע קאָורט איז געוועןֿ פֿול מיט איסט־ענדער יידן און יידענעס, וועלכע זענען נייגעריג געוועןֿ צו הערן דעם רעזולטאַט.

צום ערשטן האָט מען אויפֿגערופֿן דעם מלמד׳ס ווייב, און נאָכדעם ווי זי האָט אוועקגעלייגט איר קלאָג אויפֿן טיש . . . האָט מען זיך גענומען צום מלמד. ער האָט ניט געלייקענט זיין פֿריינטשאַפֿט צו דער אַלמנה, ער האָט בלויז געטון אַ מענטשלעכע פֿליכט, און ניט מער, ווייל עס שטייט געשריבן, האָט ער געזאָגט, אַז אויף אָן אומגליקלעכן דאַרף מען רחמנות האָבן און ארויסהעלפֿן מיט אַלע מעגלעכקייטן, און אַזוי ווי זי איז נעבעך אַן אַלמנה מיט צוויי יתומים, טוט ער זיין פֿליכט, און אין דעם באַשטייט זיין גאַנצע פֿריינט־שאַפֿט צו איר און ניט מער. און וועגן זיין ווייב האָט ער בפירוש געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז ער וועט מיט איר מער נישט לעבן, און ער האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט, און נאָך צוגעגעבן, אַז ער איז מער ווי זיכער, אַז דער דזשאַדזש אַליין וואָלט אויך ניט בעסער געוועןֿ . . .

דאַן איז ערשינען די אַלמנה אַלס עדות, און ווען דער ריכטער האָט אויף איר אַ קוק געטון און דערזען אירע קאַרשן־אויגן און די צוויי חן גריבעלעך, פֿאַרגלייכנדיק זיי מיט דער מיסעס מלמד׳ס געשטופּלטן פּנים, האָט ער גלייך „דיסמיסט” די קייס, זיי געהייסן גיין אַהיים געזונטערהייט, און זיך פֿאַר־גלייכן אויפֿן בעסטן אופן . . . עס זעט אויס אַז ער האָט די קייס גוט פֿאַר־

שטאַנען, ווייל ער אַליין איז אויך ניט מער ווי אַ מענטש, פֿון פֿלייש און בלוט, מיט אַ האַרץ און אַ נשמה, און ער גייט אַריין אין דעם מלמד'ס פּאַלאַזשעניע...

נאָכדעם האָבן אַלע פֿאַרלאָזט די קאָורט און אַוועק אַהיים. אָבער די מעשה האָט זיך מיט דעם נאָך נישט געענדיקט.

אויף צו מאָרגנס זענען אַלע פּייפּערס געווען פֿול מיט דער איסט ענדער סענזאַציע . . . עס זענען אויך געווען אָבגעדרוקט אַלע דריי בילדער, און דער עולם האָט די מעשה געלעזן מיט גרויס אינטערעס . . . די ווייבער האָבן געשאָלטן דעם מלמד מיט דער אלמנה, און די מענער האָבן שטילערהייט אָבגעזיפֿצט און זיי מקנא געווען, און ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען און געפֿילן עס האָבן זיך אָבגעשפּילט אין זייערע הערצער און מוחות . . . אָבער לאָמיר דערפֿון ניט טראַכטן, עס איז ניט אונזער עסק. מיר געפֿינען זיך אין אַ פֿרייער מדינה און יעדער קען טראַכטן ווי ער וויל . . .

און איצט זעט איר שוין אַז איך האָב געהאַט רעכט, ווען איך האָב אייך פֿון אָנפֿאַנג געזאָגט, אַז חנה די אלמנה האָט אַ מאַן אַ מלמד . . . און קיינער קען עס מיר ניט צוריקווייזן אַז עס איז ניט אמת . .

אַ נײַע פּיעסע אין ווײַטשעפּל

מען האָט מיך אײַנגעלאַדן זיך צו באַטײליקן מיט אַן אַרטיקל אין אַ זשורנאַל. איך האָב די אײַנלאַדונג אָנגענומען מיט פאַרגעניגען, און זיך טאַקע גלײַך פאַרנומען מיט דער אַרבעט.

איך האָב באַשלאָסן צו שרײַבן אַן ערצײלונג.

מיט גרויס חשק האָב איך אין אַ געווויסן אָוונט זיך אַוועקגעזעצט בײַ מײַן שרײַב־טיש, מיט דער פּען אין האַנט און זיך ערנסט פאַרטראַכט וועגן אַ טעמאַ, וועלכע זאָל זײַן אינטערעסאַנט און פאַרשטענדלעך.

טעמאַס זענען הײַנט ב״ה פאַראַן אַ סך: אָנגעוואָרפענע לעבנס פּראָבלעמען, פאַמיליען־טראַגעדיעס, און אפילו טראַגישע קאָמעדיעס, וועלכע קומען פאָר אין צײַט פון מלחמה, אָבער מען מוז זײַן פאָרזיכטיק, כדי דעם לעזער נישט אָנצוטרעטן אויף די אָנגעשטרענגטע נערוון.

פאַרשטײט זיך אַז עס איז אַ שווערע אויפגאַבע. מען מוז זיך שטאַרק קאָנצענטרירן, און פאַרטראַכטן וועגן דעם ענין. בין איך געזעסן, געדרײט דעם מוח, ביז . . . ענדלעך, קוים מיט שווערע מי, האָב איך געפונען דאָס וואָס איך האָב געזוכט: אַ פײַנעם געדאַנק, אַ וואונדערבאַרע טעמאַ פאַר אַן ערצײלונג. איך האָב שנעל אײַנגעטונקען מײַן פּען, און מיט אַ צופרידענעם שמײכל אויף די ליפּן זיך גענומען צו דער ווירקליכער אַרבעט. איך האָב קוים באַוויזן אָנצושרײַבן די ערשטע עטלעכע ווערטער, און פּלוצלונג, אַ קלאַפּ אין טיר . . .

איך בין געוואָרן אויפגעבראַכט. און האָב שוין געהאַט באַשלאָסן ניט צו ענטפערן.

עס זענען אַוועק עטלעכע מינוטן און דער קלאַפּ האָט זיך ווידערהאָלט.

אָבער צוזאַמען מיט מײַן כעס, האָט אויך געשטיגן די נײַגעריקייט צו וויסן ווער דאָס איז, און איך האָב אַ בײזע אויסגערופן: — „קאַם אין״ (קומט אַרײַן!).

לאַנגזאַם און אונזיכער, איז אַרײַן אַן עלטערער ייד, אַ דאַרער, אַ בלאַסער, מיט אַ גרוי שפּיציק בערדל, און מיט ברילן אויף אַ לאַנגער בײנערנער נאָז, איבער וועלכע עס האָבן אַריבערגעקוקט צוויי רויטע אויסגעמוטשעטע אויגן, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן און אונטערן אָרעם אַ פּאַרטפעל.

מיט דרך ארץ, האָט ער אַ פרעג געטון:

— זײַט איר די פרוי קײטי בראַון?

— יאָ! — האָב איך געענטפערט דעם אונגעוווינשטן גאַסט.

— וואָס דאַרפט איר?

— מען האָט מיך געשיקט צו אייך — האָט ער לאַנגזאַם געענטפערט און זיך געזעצט אויף אַ שפּיץ בענקל . . .

— ,ווער ? — האָב איך שוין נייגעריג געפרעגט.

— דער זשורנאַליסטן פאַריין,—האָט ער געענטפערט מיט אַ צופרידענעם שמייכל, אין זיכערקייט, פאַר אַ גוטער רעקאָמענדאַציע.

— וועגן וואָס ?

— איך האָב אָנגעשריבן אַ פּיעסע פון ווייטשעפּל, פאַרן יידישן טעאַטער, און זי געוואָלט פאַרלעזן פאַרן צענטראַל קאָמיטעט, האָט מיך דער סעקרעטאַר געשיקט צו אייך. איר, זאָגט ער, זייט פאַרבונדן מיט דעם טעאַטער, און זענט אויך אַ מבין אויף אַ גוטער פּיעסע. איר פאַרשטייט ? . . . וויל איך זי טאַקע פאַר אייך פאַרלעזן כדי איר זאָלט מיר זאָגן אייער מיינונג.

און ביי די ווערטער, האָט ער אַרויסגענומען זיין פּיעסע, אויסגעטון די ברילן און זיך געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט מען מיר אָבגעטון אַ שפּיצל . . . און צוגעשיקט אַ פּאַרשוין, פון וועלכן איך וועל זיך לייכט ניט קענען באַפרייען.

איך האָב אָבער באַשלאָסן, אַז איך מוז פון אים פּטור ווערן, און אויף גיך אַ זאָג געטון : — עס טוט מיר לייד, איר מוזט מיר ענטשולדיקן ; איך האָב קיין צייט נישט, פעטער.

אָבער דער ייד האָט דערפון נישט געוואָלט הערן.

— איך וועל אייך לאַנג נישט אויפהאַלטן, האָט ער זיך ביי מיר געבעטן. מיין פּיעסע איז זייער אַ קורצע, זי האָט ניט מער ווי פיר אַקטן, צען בילדער, און אַ פּראָלאָג און עפּילאָג.

דערהערנדיק דאָס איז מיר שלעכט געוואָרן, אַ חלשות איז מיר באַפאַלן. קוים, מיט אָנשטרענגונג, האָב איך געפרעגט :

— האָט איר שוין אַמאָל עפּעס אָנגעשריבן אחוץ דער פּיעסע. איך מיין, למשל, עפּעס פאַר אַ צייטונג אָדער אַ זשורנאַל ? . . .

— ניין, נאָך נישט — האָט ער געענטפערט נאַאיוו, אָבער איך רעכן זיך איצט נעמען צו דער פּראָפעסיע . . .

— ווי אַזוי איז אייך איינגעפאַלן צו ווערן אַ שרייבער ?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַזוי ווי אַזעלכע יידן ווי איך זענען היינט אויף גרויסע צרות, די וואָרקשאָפּ וואו איך האָב געאַרבעט האָט זיך פאַרמאַכט, אין אַ גרויסער פעקטאָרי וויל מען מך נישט אַריינעמען. איך בין צו אַלט, זאָגן זיי, איך קען ניט אַרבעטן שווער. פון די צען שילינג אַ וואָך „אָלד איידזש פענשאָן" קען איך קיין לעבן נישט מאַכן, האָב איך געטראַכט און געטראַכט צו וואָס נעמט מען זיך, איז מיר איינגעפאַלן אַ פּלאַן, אַזוי ווי מען דאַרף איצט האָבן נייע פּיעסן אין יידישן טעאַטער, וועל איך זיך נעמען צו דער מלאכה, און אַזוי אַרום האָב איך טאַקע געשאַפן מיין ערשט ווערק — האָט ער מיט שטאָלץ אָנגעצייגט אויף דעם בוך.

— נו, און איר האָט עס נאָך פאַר קיינעם נישט פאָרגעלעזן ?

— יאָ, איך האָב עס שוין געלעזן פאַר מיין ווייב, פאַר די קינדער, און פאַר מיינע גוטע פריינט. אַלע האָבן געזאָגט, עס איז אַ גוטע שטיק . . .

— און נאָך פאַר וועמען ? — האָב איך געפרעגט.

— פאַר מיינעם אַ קאָלעגע, און אַ פיעסן שרייבער.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט ?

— ער האָט געזאָגט, אַז עס טויג נישט, עס נויטיקט זיך אין מער סענ־זאַציע און אַ סך קאָמיזם, ווייל דער עולם, זאָגט ער, וויל לאַכן, דערפאַר מוז דער פאַרפאַסער אַריינגעבן פילע קאָמישע סצענעס, אויב נישט האָט די פיעסע נישט קיין ערפאָלג, און די אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן. אָבער איך רעכן זיך נישט מיט זיין מיינונג . . . ער איז אַ גאָר נישט שבגאַרנישט . . . איר פאַר־שטייט ? ער פאַרגינט מיר נישט דעם כבוד, דאָס גליק . . . איך בעט אייך דערפאַר, ערלויבט מיר זי פאָרצולעזן, וועט איר זען, דאָס עס איז ניט קיין פיעסע, נאָר אַ קונסטווערק . . .

— אויב אַזוי, האָב איך פאַר אייך אַ גוטע עצה, וואו אייער ווערק וועט אייך פאַרשאַפן אַ סך כבוד און געלט,—האָב איך געזאָגט.

ער האָט אויסגעגלאָצט אַ פאָר גרויסע נייגעריקע אויגן.

איך האָב פאָרטגעזעצט :

— איר ווייסט דאָך, אַז אין לאָנדאָן שפילט איצט אַ גוט טעאַטער, וועלכע פירט אויף יעדע וואָך אַ נייע פיעסע. דער הויפט־אַקטיאָר איז אַ שלאַנקער שיינער און זייער פעאיקער יונגערמאַן ; די הויפט שוישפילערין איז אַ זייער גוטע אַקטריסע, אַ שיין ווייבל, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי ס'פאַסט פאַר אַ גרויסער קינסטלערין, און דערצו זענען זיי זייער ליבעראַלע מענטשן און צאָלן גוט פאַר יעדער נייער פיעסע ; פאָלגט מיך, גייט צו זיי און לעזט פאַר אייער שאַפונג.

— יאָ, איך האָב געהערט וועגן זיי,—האָט ער געענטפערט אַביסל אין פאַרלעגנהייט, ווען איך האָב דערמאָנט זייערע נעמען . . .

— האָט איר זיי שוין געזען שפילן ?

— ניין, נאָך נישט !

— פאַרוואָס ? אַזאַ ייד ווי איר, אַ שרייבער פון פיעסן, וואָס זוכט צו ווערן גרויס און באַרימט, דאַרף זען אַזעלכע קינסטלער שפילן. עס וועט אייך פיל העלפן.

— איך בין אַזוי פאַרנומען מיטן שרייבן, אַז איך גיי גאַנצע טעג ניט אַרויס פון שטוב . . . נאָר איין אָוונט בין איך גראָדע יאָ צוגעגאַנגען, און גע־וואָלט אַריינגיין אין טעאַטער, האָט מיר דאָס שיינע ווייבל ביי דער קאַסע געזאָגט, אַז היינט שפילט מען „אַלץ פאַר קינדער" . . . האָב איך זיך אומגע־קערט אַהיים, ווייל וואָס ס'איז „פאַר קינדער", איז דאָך נישט פאַר מיר . . . איר פאַרשטייט ? . . .

— פֿאָלגט מיך, לעזט פֿאַר די פּיעסע פֿאַר די צוויי קינסטלער. זיי וועלן זי זיכער ביי אייך קויפֿן, און גוט באַצאָלן.

— שוין געלעזן — האָט ער געענטפֿערט אַביסל פֿאַרשעמט.

— נו, וואָס האָבן זיי אייך געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט, אַז די פּיעסע איז זייער אַ גוטע, אָבער נישט צום שפּילן . . . אפשר, זאָגט ער, ווען מען זאָל זי פּיקסן . . . דאָס הייסט, צוויי אַקטן מיט זעקס סצענעס אַרויסוואַרפֿן, און מיט דעם וואָס וועט נאָך איבער־בלייבן וועט ער שוין וויסן וואָס צו טון . . . אָבער אפילו צו דעם האָט ער יעצט אויך קיין צייט נישט, ווייל ער איז שטאַרק פֿאַרנומען מיט אַ רייע נייע פּיעסן, וועלכע ער האָט נאָר וואָס באַקומען פֿון אַמעריקע.

— און וואָס האָט זי געזאָגט?

זי האָט גראָד געזאָגט, אַז אַרויסוואַרפֿן דאַרף מען ניט, ווייל יעדעס וואָרט איז אַ פּערל . . . די איינציקע שטערונג איז נאָר דאָס, וואָס זי מוז טראָגן אַ נייע קלייד אין יעדן אַקט, און אַזוי ווי זי קען דאָס יעצט ניט באַווייזן צוליב די קופּאָנס, מוז מען די פֿאַרשטעלונג אָבלייגן אויף שפּעטער . . .

— ווי איך זע, פֿעטער לעבן, האָט אייער ערשטע פּיעסע קיין מזל ניט. טאָ פֿאָלגט מיר, גייט אַהיים און נעמט אייך שרייבן אַ צווייטע, אָבער איר דאַרפֿט זיך ניט איילן . . . עס מעג ביי אייך דויערן אַ צוויי־דריי יאָר. וואָס לענגער וועט אַלץ זיין בעסער . . . און אַז איר וועט פֿאַרטיק ווערן קומט און לעזט זי מיר פֿאַר און איך וועל אייך ראַטן צום בעסטן.

ער האָט שוין מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, און איך האָב באַמערקט, אַז מיינע ווערטער האָבן אים חלילה נישט ענטמוטיקט. ער האָט צוריק איינגעפּאַקט זיין נייע פּרנסה, זיך אויפֿגעשטעלט, אויסגעגלייכט דאָס בערדל, אַ קוק געטון אין שפּיגל, אויסגעשנייצט די נאָז, אָנגעטון די ברילן, זיך מיט מיר פֿריינטלעך געזעגנט און אוועק זוכן אַ נייעם קרבן . . .

אָבער מיין ערציילונג האָב איך שוין יענע נאַכט נישט אָנגעשריבן. איך האָב בשום אופֿן זיך נישט געקענט דערמאָנען אין דער טעמאַ, אַלץ צוליב דעם יידן מיט זיין פּיעסע פֿון וויטשעפּל.

#ביים ווייב אויף קבר אבות

מיט אַ שווער הערץ און אַ ביטערן כעס איז דער אַלטער ר׳ משה אַוועק צו זיין ווייב, חנה גיטעל, אויף קבר אבות.

זינט זי איז געשטאָרבן האָט ער נאָך קיינמאָל אַזוי אומגעדולדיג נישט געוואַרט אויף דעם חודש אלול, ווי היי־יאָר. היי־יאָר האָט ער געהאַט אַזויפיל צרות, אַז עס איז אים ניט געווען מעגלעך זיי אַליין צו דערשלעפּן, און דערפאַר האָט ער אויסגעקוקט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט קענען כאָטש אַ העלפט פון זיי איבערגעבן זיין געטרייער ווייב חנה גיטעל . . .

ר׳ משה איז אַ ייד אַ פּראָסטער, ניט קיין געלערנטער, אָבער ער גלויבט אַז עס איז פאַראַן לעבן נאָכן טויט.

ער איז אַמאָל געווען ביי אַ ספּיריטואַליסטישן מיטינג, וואו עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ צערעמאָניע פון טויטע גייסטער, וועלכע האָבן גערעדט דורך לעבעדיקע מידיומס, און פון דאַן אָן איז ער פעסט איבערצייגט, אַז טויטע קענען הערן, זען און רעדן . . .

זיין פרנסה באַשטייט אין דעם, וואָס זיין פערדל שלעפּט אַרום אַ וועגעלע מיט גרינצייג איבער די איסט־ענדער גאַסן. פאַר דער מלחמה האָט ער גע־מאַכט גאַנץ פיינע געשעפטן, מפרנס געווען זיין ווייב און זיינע צוויי קינדער. שפּעטער אָבער האָט ער ניט געקענט קאָנקורירן מיט די גרויסע סוחרים, און איז געבליבן כמעט אָן סחורה און אָן זיינע שטענדיקע קאָסטימערס. איז ער פון גרויס עגמת נפש געוואָרן שוואַכער אין געזונט, און עס האָט אים אָנגע־הויבן גיין מיט דער פוטער אַראָפּ. . .

ווען די קינדער זענען עלטער געוואָרן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן שעמען מיט דעם טאַטענ׳ס פרנסה, און זענען זיך אַוועק זייער אייגענעם וועג, פון וועלכן טאַטע מאַמע האָבן קיין נחת נישט געהאַט . . .

האָט ר׳ משה אָנגעהויבן האָבן טענות צו זיין ווייב, הלמאי, זי איז שולדיק אין דעם, זי האָט זיי נאָכגעגעבן די שמד, קיינמאָל אויף זיי קיין האַנט נישט געלייגט. נו, זענען זיי אויפגעוואַקסן ווילד און צולאָזן, און דערפאַר זענען זיי אַראָב פון דרך הישר, און ער האָט איר אַזוי לאַנג געגעסן דאָס האַרץ, ביז זי האָט זיך אַמאָל געלייגט שלאָפן און איז ניט מער אויפ־געשטאַנען, ניט פאַר קיין שום יידענע געדאַכט. . .

אָבער ר׳ משה, וועלכער איז בטבע געווען אַ גרויסער כעסן, האָט נאָך איר אפילו קיין איין טרער ניט פאַרגאָסן, און אַלץ גע׳טענה׳ט אַז ער האָט רעכט.

מוטשעט ער זיך אַזוי אַלע יאָרן, זינט זי איז געשטאָרבן. גייט יעדעס

יאָר אויף קבר אבות, דערציילט איר אַלץ וואָס עס קומט פֿאַר אויף דער וועלט, אַלע לעצטע נייעסן, און גייט צוריק אַהיים אַ באַרואיקטער, אַ צופֿרידענער, געזעגנט זיך מיט זיין ווייב און פֿאַרזכערט איר אַז, איבער אַ יאָר, אם ירצה השם, וועט ער ווידער קומען.

דאָס יאָר איז אים אָבער געווען זייער שלעכט. טראָץ דעם וואָס די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט, און די גאַנצע וועלט יובעלט, טאַנצט און פֿרייט זיך, איז ר׳ משה׳ם האַרץ פֿול מיט ווייטאָק. און ווי נאָר עס איז געקומען דער ערשטער זונטיק אין אלול, האָט ער זיך פֿיין אויסגעפּוצט . . . און איז אַוועק אויפֿן הייליקן אָרט . . .

ער האָט אפילו געקענט גיין אַהין אין מיטען וואָך, ווייל צייט האָט ער גענוג, גאָט צו דאַנקען . . . אָבער זונטיק, זאָגט ער, איז דאָרט פֿריילעך, לעבעדיק. מען טרעפֿט זיך מיט אַלטע באַקאַנטע, מען כאַפּט אַ שמועס, וועגן פּאָליטיק, וועגן מסחר, מען הערט דאָרט אַלע נייעסן, און וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, איז נאָך געווען גאָר פֿרי, קיין סך מענטשן האָבן זיך נאָך דאָרט ניט געפֿונען. איז ער גלייך אַוועק צו זיין ווייב׳ם קבר, זיך אָנגעשפּאַרט אין דער מצבה, און אָנגעהויבן בזה הלשון:

אוי, חנה גיטעל, חנה גיטעל! האָסט זיך אַוועקגעלייגט אין קבר, שאַ, שטיל, ליגסט זיך רואיק, און ווילסט פֿון קיין זאַך ניט וויסן. האָסט מיר איבערגעלאָזט דעם גאַנצן „קלאַפּאַט" און טראַכסט ביי זיך אודאי: משה, מיין מאַן, שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט . . .

זעסטו, און איך וואָלט עס אויף דיר נישט געגלויבט, ביזט דאָך געווען אַזאַ געטרייע ווייב, אַזאַ גוטע מאַמע, און צום סוף — גאָרניט . . .

און איך האָב געמיינט, אַז ווען דו וועסט קומען אויף יענער וועלט, וועט אונז דאָ זיין גוט, וועסט זיך מיען און אויסבעטן אַ גוטן מזל פֿאַר מיר, אַז איך זאָל זיך ניט דאַרפֿן אַזוי פּלאָגן, וועסט אויסזוכן אַ לייטישן שידוך פֿאַר דיין טאָכטער, וועסט זען אַז דיין זון זאָל זיין אַ מענטש, און ניט דאָס וואָס ער איז . . .

אָבער אַ נעכטיקן טאָג. דו האָסט אונז אפילו ניט אין זינען, פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען פֿרעמדע. דיך אַרט ניט וואָס איך בין קראַנק, האָב ניט קיין פּרנסה, און אַז דאָס פּערדל מיינס שלעפּט קוים דאָס וועגעלע, און איך שלעפּ זיך נאָך זיי ביידע . . . די דירה מיינע איז נאָך אַלץ די זעלבע קעלער־קיטשן, און דערפֿאַר ווייל מיט מיר קיינער נישט חתונה האָבן. וועלכע ווייבל עס קומט אַריין און דערזעט מיין בעל־הבתישקייט, אַנטלויפֿט וואו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט . . .

היינט, כאַפּ איך עס אַביסל צרות פֿון די קינדער דיינע. גלויב מיר, איך בין דיך מקנא, דיר איז בעסער פֿון מיר. דו דאַרפֿסט ניט שטיין אין שידוכים אַזוי ווי איך, און זיך דרייען דעם קאָפּ, מיט וועמען יאָ חתונה האָבן און מיט וועמען ניט . . . בעסער אַז דו האָסט דאָס נישט דערלעבט. . . .

און איצט קומט דיר אַ מזל־טוב, מאַמע, דיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, אַוועק אין קאָורט און גענומען ספּעשל לייסענס, איז אַלץ צוגעגאַנגען ספּעשל . . . ווייל מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט דער סאָלדאַט חרטה געקריגן אויפֿן שידוך, און אויסגעווען די צייט, ער האָט זיך אויך ספּעשל ערגעץ אָבגעטראָגן, קיינער ווייסט ניט וואו ער איז אַהינגעקומען, און זי, דיין טאָכטער, איז נעכטן ביינאַכט אויך ספּעשל אַהיים געקומען צום טאַטען אין קעלער־קיטשען. אַרבעטן קען זי ניט, זי איז קראַנק און צובראָכן, און איצט וועלן מיר זיין זאַלבעדריט צום עסן — איך, זי און דאָס פּערדל . . .

און דיין תכשיט, דער קדיש דיינער, האָט זיך באַקענט מיט אַ ניט ייִדישער, און שלעפּט זיך מיט איר אַרום גאַנצע טעג און נעכט. אָט דאָס איז דער נחת מיינער, און דו שווייגסט, האַ? איך פֿרעג נאָר, ווי קענסטו דערלאָזן אַזאַ בושה, ווי קענסטו איינליגן אין קבר?

הער זיך גוט איין וואָס איך רייד צו דיר, טו עפּעס כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט. דו ביזט דאָך אַזוי נאָענט צום רבונו של עולם, און אַ מויל צום דברון האָסטו דאָך תמיד געהאַט, זאָלסטו דאָרטן מאַכן אַזאַ געוואַלד, אַז אַלע מלאכים אין הימעל זאָלן זיך צוזאַמענלויפֿן, און פֿאַר מורא דערפֿילן דיין בקשה . . .

עס גייט איצט אַ נו יאָר, זע זאָלסט פֿאַר מיר אויסבעטן אַ גוט קוויטל און אַז דו וועסט דאָס באַווייזן, נשמה מיינע, זאָג איך דיר צו, אַז ווען איך זאָל אפילו נאָך חתונה האָבן מיט צען ווייבער, וועסטו אַלץ ביי מיר בלייבן די ערשטע, און אַמאָל, אַמאָל, איבער הונדערט יאָר וועל איך אַלץ קומען צו דיר, ניט צו זיי . . . כ'האָב דיר תמיד צוגעווינשן דעם ליכטיקן גן־עדן, און אויב דו ביזט טאַקע דאָרט, האָסטו עס נאָר מיר צו פֿאַרדאַנקען . . .

און אַז דייטשלאַנד און יאַפּאַן האָבן שוין איינגענומען . . . אָבער ניט דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט, נאָר דאָס וואָס עס איז זיי געקומען — דאָס ווייסטו אודאי בעסער פֿון מיר, און איך דאַרף עס דיר ניט זאָגן, ווייל דאָס אַלץ קומט דאָך פֿון „אויבן" און דו ביזט זיכער געווען ביי דעם מיטינג, ווען דאָס איז באַשטימט געוואָרן . . .

אַלע פֿריינט דיינע לאָזן דיך גריסן און ווינשן דיר, זאָלסט דערלעבן אויפֿצושטיין תחית־המתים, ווען משיח וועט קומען . . .

און איצט, מיין ליבע טרייע חנה גיטעל, וויל איך נאָר איין קלייניקייט פֿון דיר. איך וויל דו זאָלסט צו מיר ריידן עטלעכע ווערטער, זאָג מיר צו אַז דו וועסט פֿאַר מיר אַלץ טון, וואָס איך בעט ביי דיר, דו ווייסט דאָך אַז איך גלויב, אַז טויטע קענען ריידן, איך האָב עס אַליין געזען און געהערט, דערפֿאַר בעט איך דיך, נשמה מיינע, לאָז מיך ווידער הערן דיין זיס קול, כאָטש אויף אַ ווייל, און שפּעטער קענסטו ווידער שווייגן ביז איבער אַ יאָר.

ביי די ווערטער האָט דער אַלטער ר׳ משה מיט אַן אָנגעשטרענגטער

מינע צוגעלייגט זיין אויער צום קבר און געוואַרט . . . נאָר אַזוי ווי עס זענען אַוועק עטלעכע מינוט, און גאָרניט, קיין שאָרך, קיין ריר, האָט זיך אין אים ווידער דערוועקט דער אַלטער כעס, און ער האָט אויסגערופן:

אַהאַ, איך פאַרשטיי! דו ווילסט צו מיר ניט ריידן, האָסט זיך שוין אויף מיר ווידער אָנגע׳ברוגז׳ט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, אָבער איך וועל זיך מיט דיר גראָדע דערפאַר ניט קריגן, איך וועל דיר נאָך בלויז זאָגן עטלעכע לעצטע ווערטער און ניט מער:

אַזוי ווי דו זעסט ניט דיין לינקן אויער, אַזוי וועסטו מיך דאָ מער ניט זען. האָב מיר אַ גוטן טאָג, זיי מיר געזונט און שטאַרק, און ליג מיר צען איילן טיף אין דער אדמה . . .

איך האַלט אַ פֿאָרטראַג

אַ נאַר וואָס געגרינדעטע פֿרויען־אָרגאַניזאַציע אין די איסט ענד, וועלכע האָט אויף זיך גענומען די אחריות צו פֿאַרטיידיקן דעם „האָנאָר" פֿון דער פֿרוי און זי ריינוואַשן פֿון אַלע בלבולים וועלכע מען האָט אויף איר אויסגעטראַכט, האָט מיך איינגעלאַדן צו האַלטן אַ פֿאָרטראַג פֿאַר זייערע צאַלרייכע מיטגלידער און פֿריינט, אויף דער טעמע: „צי האָט אַ פֿרוי ניין מאָס רייד?"

טראָץ דעם וואָס די פֿראַגע איז אַ זער וויכטיקע צו גונסטן דעם פֿרויען געשלעכט, איז זי אָבער אַ שווערע אויפֿגאַבע פֿאַר אַ רעפֿערענט, ווייל דאָ האַנדלט זיך וועגן אַבלייקענען אַ פֿאַקט, וואָס שטאַמט נאָך פֿון חוה'ס צייטן. דאָך האָב איך די איינלאַדונג אָנגענומען צוליב צוויי טעמים:

ערשטנס האָב איך שוין פֿון לאַנג אַ באַגער צו רעדן וועגן פֿרויען, און באַווייזן אַלע זייערע מעלות. צווייטנס, ווילט זיך אַביסל „פּובליסיטי", אָנאָנסן אין די „צייט", און טאַקע אַ באַריכט נאָך דעם פֿאָרטראַג/ דאָס פֿאַרשאַפֿט אַ גוטן נאָמען, אַ פּרעסטיזש, אַמאָל אויך אַ הויכע מדרגה, און טאַקע מיט דעם אַרויסטריט האָב איך דערזען פֿאַר זיך אַ מעגלעכקייט צו ווערן באַרימט און אָנערקענט. צום ערשטן מאָל, כמעט, וועל איך האָבן די מעגלעכקייט צו ערשיינען פֿאַר אַ גרויסן עולם, אַדרעסירן זיי אַלס חברים און חבר'טעס, אַזוי ווי פֿילע האָבן עס געטון פֿאַר מיר, און טאַקע באַווייזן ווער איך בין, און וואָס איך קען . . .

צוויי גאַנצע נעכט בין איך נישט געשלאָפֿן, און אַלץ געטראַכט וועגן דער טעמע, צוברעקלט זי ממש אויף פּיצלעך, און אַזוי אַרום דערגאַנגען, אַז עס איז אין איר אין פֿאַראַן זייער פֿיל מאַטעריאַל פֿאַר אַ לעקציע. מען קען פֿאַקטיש באַווייזן, אַז די פֿרוי איז אומשולדיק, און עס איז ניט אמת, וואָס מען שרייבט איר צו ניין מאָס רייד . . .

אָבער מען דאַרף די טעמע פֿאַרזיכטיק און אַלזייטיק באַהאַנדלען, און דער עיקר, דאַרף איך אַליין וואָס ווייניקער ריידן, כדי צו ווייזן דעם ערשטן ביישפּיל . . .

מען מוז אַרונטעררייסן די זשוליקעס, וועלכע האָבן אויסגעטראַכט אויף דעם פֿרויען־געשלעכט דעם שקר בלבול . . .

איי, עס מאַכט זיך אַמאָל אַז יאָ . . . מוז איך אין מיין רעדע קלאָר באַווייזן, אַז עס איז ניט איר שולד, דהיינו, שולדיק איז דער בוטשער, וואָס גיט אַזוי ווינציק פֿלייש און, ווען דאָס בני־בית קומט אַהיים צו מיטאָג, איז ניטאָ וואָס זיי צו געבן עסן. שולדיק איז אויך דער גראָסער, וואָס גיט איינעם

מער און דעם צווייטן ווענקער . . . דערפאר ווייל ער האט קיין געלט און קיין מזל ניט . . . דאס שטיין אין די „קיוס”, וואו מען ווערט פארשווארצט ביז מען באקומט ניט מער ווי איין פאר „פולי פעשאן סטאקינגס” . . . מען כאפט אן עוולה ביים לענדלארד, ווייל ער וויל ניט פארריכטן די דירה, און עס האלט אין איין קאפן פון דאך . . . און דער עיקר, די שכנה פון נעקסט־דאר, וואס שטעקט אריין די נאז אין אייערע ביזנעס און מאכט אן רכילות און צאנקעריייען . . . און דאס אלץ צו פארשווייגן, דארף מען זיין א מלאך און ניט קיין יידענע, און מען דארף האבן א פאדעשווע, און ניט קיין מענטשלעכע גאל, וואס קען חלילה פלאצן . . .

אבער טראץ די אלע אנגעגעבענע פאקטן, מוז עס דאך זיין מיין אויפגאבע צו אפעלירן צו דער פרוי, אז אזוי ווי כמעט אלץ איז איצט גערעשענט, זאל זי אויך רעשאנען איר דיבור . . . און וואס ווייניקער זי וועט רעדן, וואס מער מעגלעכקייט עס וועט זיין צו באווייזן דער וועלט, אז דאס פרויען־פאלק איז א פאלק מיט אלע פעלקער גלייך, און דאן וועט די וועלט איר מער ניט קענען באשולדיקן אין די אלע נארישקייטן ווי ביז איצט . . .

קנאפע צוויי וואכן האט מיר גענומען צו זאמלען פאקטן פאר דעם שטאנדפונקט. אבער ווען איך בין מיט מזל פארטיק געווארן, און פאלשטענדיק גרייט צום ארויסטריט, האב איך זיך אליין גראטולירט פאר פארטיידיקן אזא שווערע פראבלעם, וואס איז ענטשטאנען צום ערשטן מאל אין דער וועלט־געשיכטע . . .

אבער איין זאך האט מיר געשטערט די באגייסטערונג, און דאס איז, אז וואס מער דער אוונט האט זיך דערנענטערט, אלץ נערוועזער בין איך געווארן . . . און עס איז ניט קיין וואונדער, ווייל איך האב פארשטאנען אז איך מוז זער באשיידן און פארזיכטיק האנדלען, כדי נישט צו פארלעצן די צארטע געפילן פון דעם שוואכן מין . . . איבערהויפט איז עס שווער דאן, ווען מען פארלאנגט פון זיי די עמאנציפאציע פון רעדן ביז שווייגן . . . אבער אז עס וועט מיר געלונגען דאס צו באווייזן, וועל איך זיכער באקומען די אנערקענונג פון דער גארער וועלט, און א מעדאל פון א הויכער אויטאריטעט.

אט דער לעצטער געדאנק האט מיך בארואיקט, און מיר געגעבן נייעם מוט צו דער פארבארייטונג.

ענדלעך איז געקומען דער אוונט פון מיין ערשטן אפיציעלן ארויס־טריט. איך האב זיך דערפילט מוטיקער ווי פריער, און מיט אמאל באקומען א שטארקן גלויבן אין זיך.

איך האב זיך פיין אויסגעפוצט ווי עס פאסט פאר אזא פערזענלעכקייט און כ׳בין אוועק צום באשטימטען פלאץ.

ביים אריינגאנג האט מיך די פארזיצערין אבגעווארט, מיך העפלעך באגריסט, און אריינגעפירט אין א באזונדערן צימער, ביז דער עולם וועט זיך צוזאמענקומען.

באַלד האָט מען מיר אַריינגעטראָגן אַ פֿיינעם טיי מיט צובייסעכץ. איך האָב געטרונקען, און צו דער זעלבער צייט איבערגעקוקט מיין אָנגעשריבענעם פֿאָרטראָג, און נאָך צוגעגעבן אייניקע פונקטן, וועלכע זענען מיר נאָר וואָס געקומען אויפֿן גדאַנק.

איך האָב פּרובירט זיך איינצו׳חזר׳ן פֿון אויסווייניק; עס מאַכט אַ בעסערן איינדרוק פֿאַרן צוהערער, האָב איך געטראַכט . . . און זיך דערמאָנט ווי איך אַליין האָב אַמאָל באַמערקט, אַז עס איז בעסער אַ קליינע רעדע פֿון אויסווייניק, ווי אַ גרויסע פֿון אַ פּאַפּיר . . . און איך האָב גאָט געבעטן, אַז דער צו וועמען איך האָב עס געזאָגט, זאָל זיך ניט געפֿינען אין פּלאַץ . . . ווייל עס איז מיר פּשוט ניט מעגלעך געווען זיך צו קאָנצענטרירן. שפּעטער אָבער איז דער חסרון דווקא געוואָרן ביי מיר אַ מעלה (ווי איר וועט זיך איבערציייגן).

באַלד איז אַריין די פּאָרזיצערין, זיך ענטשולדיקט וואָס זי האָט מיך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן, און געבעטן, איך זאָל ניט נעמען אין אַכט דעם קליינעם עולם, וועלכער געפֿינט זיך איצט אין זאַל, טראָץ דער שפּעטער שעה, מיך געראַטן אָנפֿאַנגען דעם פֿאָרטראָג. און מיר פֿאַרזיכערט, אַז די גרויסע מיטגלידערשאַפֿט וועט זיך באַלד צוזאַמענקומען.

נאָר ווען איך בין אַריין אין זאַל און דערזען, אַז מיין הויכגעשעצטעס פּובליקום, פֿאַר מיין וויכטיקער טעמע, וועלכע האָט מיך געקאָסט אַזוי פֿיל געדולד און צייט ביז איך האָב זי צוזאַמענגעשטעלט, באַשטייט פֿון זעקס אַלטע ווייבער, דריי ענגלישע מיידלעך, וועלכע האָבן אודאי פֿאַרטראַכטן זייערע מוטערס, צוויי זקנים און פֿיר קינדער, איז מיר געוואָרן ביטער אויפֿן האַרצן און פֿינסטער פֿאַר די אויגן . . . דאָך האָב איך זיך צוזאַמענגענומען, פֿאַרריסן דעם קאָפּ הויך, כדי נישט אַרויסצוווייזן מיין פֿאַרדוס, און צוזאַמען מיט דער פֿאָרזיצערין באַטרעטן די פּלאַטפֿאָרמע.

זי האָט גלייך געטון דאָס איריקע; אָן שום הקדמה פֿאָרגעשטעלט דעם רעפֿערענט, אָנאָנסירט די טעמע, און מיר געגעבן דאָס וואָרט.

איך האָב אַדרעסירט די פֿאַרזאַמלונג . . . און באַשלאָסן טראָץ מיין שאַנדע און האַרצווייטאָק, דאָך צו דערלאַנגען דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון מיין פֿאָרטראָג, מיט דער האָפֿנונג, אַז עס וועלן זיך דאָך נאָך צוזאַמענקומען אַביסל מיטגלידער און פֿריינט פֿון דער ווייבערשער סאָסייטי . . .

איך בין געווען זייער צופֿרידן דערמיט וואָס איך וועל קענען לעזן מיין גאַנצן אויסגעשריבענעם ספּיטש און אַזוי אַרום ניט דאַרפֿן קוקן די צוהערער גלייך אין פּנים . . . ווייל אויב יאָ, וואָלט איך זיך פֿאַרשעמט, דער ליידיקער זאַל וואָלט ביי מיר אָבגעשוואַכט דאָס קליינע שטיקעלע באַגייסטערונג, וואָס איך האָב רעזערווירט מיט געוואַלד, און איך וואָלט זיכער געהאַט אַ דורכפֿאַל.

איך האָב אַבזיכטלעך איינגעגרזבן די אויגן אין מאַנוסקריפּט און געלעזן, וואָרט נאָך וואָרט, פֿראַזע נאָך פֿראַזע, כסדר געלעזן אָן אָן אָבשטעל, ביז איך האָב דערשפּירט אַ טרוקעניש אין האַלז, און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו

נעמען אַ גלאָז וואַסער. דאָ האָב איך שוין ניט געקענט אויסמיידן אַ קוק צו טון אין זאַל, און דאַן ערשט האָב איך דערזען מיין אומגליק, און בין שיער געפאַלן אין חלשות . . . אַזאַ אומגליק וועלכער זאָל ביי קיין יידישן שרייבער און רעפערענט נישט טרעפן, און איך זאָל שוין האָבן אַבגעקומען פאַר אַלע מיינע קאַלעגן . . .

איך האָב דערזען, אַז אַחוץ מיר, און די ליידיקע בענקלעך, האָט מער קיינער מיין פאָרטראַג נישט געהערט.

אפילו די פאָרזיצערין, וועלכע האָט אויס העפלעכקייט נישט געקענט פאַרלאָזן די פלאַטפאָרמע, האָט פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ, און געשמאַק געשלאָפן . . .

איך האָב זיך דערפילט פאַרשעמט, באַליידיקט, און אין גרויס פאַרלעגנהייט, ניט ווויסנדיק וואָס צו טון.

קוים, קוים, בין איך געקומען צום שכל. מיט נערוועזע הענט האָב איך דעם מאַנוסקריפּט אריינגעלייגט אין קעשענע, און שטילערהייט, אויף די שפּיץ פינגער, כדי נישט אויפצוּוועקן די פאָרזיצערין, פאַרלאָזט דעם זאַל.

און אַזוי אַרום האָט זיך געענדיקט מיין ערשטער ארויסטריט, און עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם פון אַלע מיינע שיינע פאַנטאַזיעס פאַר אַ ליטעראַרישער טעטיקייט . . .

און איך האָב באַשלאָסן ניט מער צו האַלטן קיין רעפעראַטן, און ניט פאַרלאָזן זיך אויף ווייבער . . . מיט ניין מאָס רייד . . .

דער בר־מצוה בחור...

מען זאָגט ביי אונז יידן, אַ ווערטל, דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. עס איז אָבער ניט נאָר אַ ווערטל, נאָר טאַקע אַן אמת'ע זאַך... איך זאָג עס אַנטקעגן מיין יינגסטן זינדל דייוועלע, ער זאָל מיר לעבן און געזונט זיין.

ווער האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן, אַז פון דעם קינד וועל איך נאָך האָבן אַזוי פיל נחת און אַזוי פיל כבוד...

געוועזן איז דאָס ניט קיין קינד, נאָר אַ מזיק, און ער האָט מיר אויסגעטיילט צרות און עגמת נפש אָן אַ שיעור און אָן ערך... וואו נאָר אַ צרה, איז ער גלייך געווען אין מיטען. האָבן זיך צוויי באַיעס געפּייט, איז ער אַהיימגעקומען מיט אַן אונטערגעהאַקטן אויג... האָב איך אַריינגענומען אַ קעצל אין שטוב, האָט ער עס אַזוי לאַנג געמוטשעט ביז עס האָט אים צודראַפּעט דאָס נעזל. פאַלט אין גאַס אַ שווערע יידענע, גיין דאָך דאַכט זיך פאַרביי אַזוי פיל מענטשן, דאָך איז ניט קיינעמס ביזנעס, גייט זיך יעדער זיין וועג און גאָרניט... פאַרגליסט זיך אָבער פונקט מיין דייוועלע'ן זי אויפצוהויבן. וואָס זשע מיינט איר איז געווען? האָט ער זי אַזוי לאַנג געשלעפּט פאַר די הענט, ביז ער האָט זיין פיסל אויסגעדרייט, און איך האָב אים געמוזט אַהיים טראָגן... האָט מען אים געקויפט אַ שפּילצייג, האָט ער דאָס באַלד צונומען אויף פיצלאַך און דווקא געוואָלט דערגיין פון וואַנען די פיס וואַקסן... אין צייט פון די לופט אַנפאַלן האָט ער אויסגעפונען אַ מיטל ווי אַזוי נאָכצומאַכן די „סיירענס", און זיין גרעסטער פאַרגעניגען פלעגט זיין צו זען ווי מענטשן לויפן אין די שעלטערס... און נאָך, און נאָך, אַזעלכע שטיק פלעגט ער אָנפירן, נאָר אַלץ פלעגט אויסגיין צו מיין קאָפּ... די שכנים פלעגן מיך באַפאַלן, גוט אויסזידלען, און אים האָט מען אַמאָל שיער דערהרג'עט. אַזאַ תכשיט איז דאָס געווען, לאַנגע יאָרן זאָל ער האָבן... פון גיין אין חדר האָט ער אפילו ניט געוואָלט הערן. אין סקול שלאָגט ער זיך מיט די קינדער און איז אַן עזות פנים צום טיטשער. אַנומלטן מאַכט זיך אַזאַ מעשה, איר מעגט דאָס הערן.

דער לערער האָט ביי די קינדער געפרעגט אַ פראַגע (פונקט ווי ער וואָלט דאָס ניט געוואוסט און דאַרף ערשט ביי זיי פרעגן...): זאָגט מיר, קינדער, ווער האָט אָנגעשריבן „האַמלעט"?

שווייגן נעבעך די קינדער ווי געוועגלעך... נאָר מיין דייוועלע טוט זיך אַ שטעל אויף און רופט זיך אָן: „נאָט מי, סיר!"

איז דער טיטשער געוואָרן שטאַרק אין כעס און אים אָנגעבראָכן גוט די ביינער.

קומט ער אַהיים צולויפֿן מיט אַ געוויין און דערציילט מיר וואָס עס האָט געטראָפֿן. כאַפּ איך אויף גיך, לויף אַוועק אין סקול, און רוף זיך אָב צום טיטשער:

„איי סעי, מיסטער, פֿאַרוואָס האָסטו דאָס קינד געשלאָגן? אַז ער זאָגט אַז ער האָט ניט געשריבן 'האַמלעט' מעגסטו אים גלויבן. מיין דייוועלע וועט קיין ליגן ניט זאָגן”.

איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער צווישן די קינדער, און איך בין אַרויס אַ פֿאַרשעמטע . . . אַט אַזעלכע צרות פּלעג איך זיך פֿון אים אויס־שטיין, לאַנגע יאָרן זאָל ער האָבן . . .

אין זיין דרייצענטן יאָר האָב איך זיך געכאַפּט, אַז עס איז נאָך אַ קורצע צייט צו זיין בר־מצוה און ער קען ניט קיין צלם פֿאַר אַן אלף. אַט באַלד וועט ער דאַרפֿן ווערן אַ מענטש, און אַ ייד דערצו: מען וועט אים דאַרפֿן פֿירן אין שול, אויפֿרופֿן צום ספר, ווי עס פֿירט זיך ביי אונז יידן. מילא, אַזוי וואָס ער איז, איז ער, אָבער בר מצוה דאַרף ער דאָך ווערן. שוין ניט אַזוי פֿאַר זיך, ווי פֿאַר מענטשן. ווייל וואָס וועט מען זאָגן די מאַמע איז שולדיק . . . האָב איך באַשלאָסן, אַז מען מוז עפּעס זען צו טון דערצו....

איך האָב זיך גענומען צו אים מיט גוטן, און אים צוגעזאָגט אַז אויב ער וועט זיין אַ גוד באָי און אויסלערנען די פּרשה מיט דעם ספּיטש פֿאַר דער בר מצוה, וועל איך אים מאַכן אַ נייעם סוט און אַ גרויסע „פּאַרטי”. מען וועט איינלאַדן אַ סך געסט און ער וועט באַקומען שיינע און רייכע פּרעזענטן.

ער האָט זיך אויף עטלעכע מינוט פֿאַרטראַכט, מעשה דיפּלאָמאַט, אויס־גערעכענט צי דאָס געשעפֿט וועט זיך אים לוינען, און געענטפֿערט גאַנץ ענטשלאָסן: „אָל רייט, מאָם” . . .

מיר איז געוואָרן ליכטיק אין די אויגן פֿון זיין ענטפֿער, ווייל טאָמער חלילה זאָגט ער ניין, קען איך אים אויך דערפֿאַר גאָרניט טון, און מיר וואָלט אויסגעקומען צו ליידן חרפּות און בושות פֿון די שכנים און די גאַנצע משפּחה.

מורא האָבנדיק ער זאָל ניט חרטה קריגן, האָב איך גלייך אויף צו־מאָרגנס אויסגעזוכט אַ רבי'ן און אים צוגעזאָגט אַ היבשע מטבע, אויב ער וועט מיר אין זעקס חדשים אַרום צושטעלן אַ פֿאַרטיקן בר מצוה בחור, איינ־געשלאָסן אַ ספּיטש . . .

דער ייד האָט זיך פֿון אָנהויב אפילו געקווינקעלט, געזאָגט אַז די צייט איז צו קורץ. אָבער וואָס טוט ניט אַ ייד אַ מלמד צוליב פּרנסה? האָט ער אָנגענומען דעם דזשאָב, און זיך גלייך פֿאַרנומען צו דער עבודה.

דאָס געשעפֿט האָט זיך, גאָט צו דאַנקען, איינגעגעבן, און ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק האָבן מיר מיט מזל געפּראַוועט זיין בר מצוה.

אונזערע געשעפֿטן האָבן זיך די לעצטע יאָרן אַביסל פֿאַרבעסערט, מיר

האבן אנגעזאמעלט א היבש ביסל געלט, האט מען געדונגען א פיינעם האל, מיט דריי ווייטערס, און געמאכט א פארטי, ווער צו גאט האפט.

עס זענען געקומען זייער פיל בכבוד'ע געסט, די גאנצע משפחה און אלע אונזערע פריינט, פונקט ווי אויף א רייכער חתונה.

נאר די פרעזענטן זענען אפילו ניט געווען ווי מיר האבן ערווארטעט. די מומע, וועלכע האט צוגעזאגט צו קויפן א גאלדן זייגערל, האט זיך אפנים איבערגעלייגט דאס געשעפט, און אנשטאט דעם געקויפט א האלבן דאזן נאזטיכלאך . . . א צווייטע האט געשיקט א טשעק, נאר מיט פיסלאך . . . א דריטע האט געשענקט א פאר ווארימע הענטשקעס פארן ווינטער . . . איין קרוב האט געשענקט א קראוואט; אן אנדערער ווידער צוויי האר בערשטלאך, און פילע האבן צוגעזאגט אויף שפעטער . . .

מילא, איך האב איינגעזען, אז עס איז ניט כדאי זיך צו עסן דאס הארץ, ווייל עס איז דאך שוין פארפאלן . . . אבער מיין דייוועלע'ן האט שטארק פארדראסן פארוואס ער האט ניט באקומען דעם צוגעזאגטן זייגער. האט ער אלץ פראטעסט ערקלערט מיר א סטרייק און די קאנדישענס זענען געווען, אז אויב ער באקומט ניט דעם גאלדענעם זייגער, גייט ער ניט אין שול.

דערהערט דעם אולטימאטום, איז מיר שלעכט געווארן, ווייל איך קען גוט מיין דייוועלע'ן, א געזונט אויף זיינע ביינער . . . און אז ער זאגט עפעס, מיינט ער עס. בין איך גלייך אוועק אין בלעק לייאן יארד און אים געקויפט די מתנה.

אבער צוליב דעם פארגעניגען וואס ער האט אונז שפעטער פארשאפט האט זיך אלעם געלוינט . . .

ווען מיין דייוועלע האט יענעם שבת אין דער פרי באטרעטן דעם באלעמער, אויסגעפוצט אין א נייעם סוט מיט לאקירטע שיך און דעם ווייסן זיידענעם טלית אויף די אקסלען, איז ליכטיק געווארן אין יעדן ווינקל פון דער שול, און ווען ער האט געזאגט די פרשה (מיט דעם רבינ'ס הילף...) איז מיר ווארים געווארן אין יעדן אבר . . . מיר איז באלד געקומען אויפן געדאנק, אז אט לאז איך א טייערן קדיש נאך זיך . . . און פון גרויס פרייד האב איך זיך צעוויינט ווי א קליין קינד . . .

אלע מאמעס אין שול האבן מיך מקנא געווען מיט אזא נחת'דיק קינד, און מיר געוואונשן א פיינעם מזל טוב, און איך האב געענטפערט, פליז גאד ביי יו . . .

הייגט ערשט אין אוונט, ווען מען איז זיך צוזאמענגעקומען אין האל, און די טישן זענען געווען געדעקט מיט אלדאס גוטס. עס האבן אויך ניט געפעלט קיין פאפירענע שקארמיצען פון אלערליי קאלירן, ווייל עס איז פונקט געווען קריסטמאס צייט . . . אויף די טישן האבן געברענט ליכט, דער עולם, א פריילעכער, ארום די טישן, און ווען איך און מיין מאן, האבן אריינגעפירט דעם בר מצוה בחור, האבן זיך אלע געסט אויפגעשטעלט, געקלאפט מיט די מעסער און גאפל און געזונגען „פאר הי'ז א דזשולי גוד

פּעלאָו״, בין איך געווען אַזוי שטאָלץ. עס איז מיר ווארים געוואָרן אויף דער נשמה, און איך האָב פאַרגעסן אין אַלע צרות) וואָס ער האָט מיר אויסגעטיילט און די קללות וואָס איך האָב אים געגעבן, אויף ברכות פאַרביטן.

שפּעטער, נאָך דעם עסן, האָט מיין דייוועלע דערלאַנגט דעם אמת׳ן פיינעם „ספיטש״. און ווי ער האָט דאָס געלויבט מיך און זיין טאַטען! איך האָב בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין פון וואַנען דאָס האָט זיך גע־נומען צו אים. ער האָט דאָך דאַכט זיך געהאַט תמיד אַזאַ שוואַך קעפּל צום לערנען, און דאָ מיט איינמאָל, קיין עין הרע, קיין בייז אויג . . . דער רבי האָט פון אים אויף איין מינוט ניט אָבגעטרעטן . . . ער האָט צוגעזאָגט (מיין דייוועלע, הייסט עס, און נישט דער רבי . . .) אַז ער וועט זיין אַ גוטער און פיינער ייד, אַזוי אַז זיין פאָלק וועט זיך מיט אים ניט האָבן וואָס צו שעמען . . . דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ, און אַלע זענען געוואָרן שטאַרק באַגייסטערט פון זיין ספּיטש.

די פּאַרטי האָט נאָך אָנגעהאַלטן ביז אין דער שפּעטער נאַכט. מען האָט נאָך געגעסן, ווידער געטרונקען לחיים, און געשפּילט אין קאָרטן . . . .

נאָר מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך געהאַט ערשט דעם אמת׳ן פאַרגעניגען. איך האָב געלייענט אין פּייפּער וועגן אונזער בר מצוה, וואו עס איז געווען באַשריבן מיט אַלע פּיפּטשיקלאַך. מען האָט אונז געלויבט ביז אין הימל פאַר מאַכן אַזאַ שיינע בר מצוה. איך האָב זיך אויך דער־וואוסט, אַז דאָס האָט אַריינגעשטעלט דער שמש פון אונזער שול. אַ וואוילער ייד, דער שמש, איך וועל אים שוין באַפרידיקן דערפאַר . . .

נאָר פון דעסטוועגן האָב איך באַלד אויף צו מאָרגנס אין דער פרי שוין געהאַט אַביסל פאַרדרוס פון מיין זינדל. איך זע ווי ער וואַשט זיך אָרום, פאַרקעמט זיך פיין די האָר, מעשה מאַנספאַרשוין . . . און זעצט זיך צום טיש עסן ברעקפעסט.

רוף איך זיך אָב צו אים:

„דייוועלע, מיין קינד, פאַרוואָס דאַוונסטו ניט? עס האָט מיך אָבגע־קאָסט אַזוי פיל געלט דיין בר מצוה, און דו האָסט דאָך ערשט נעכטן צו־געזאָגט, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער ייד?!״

ענטפערט ער מיר בזה הלשון:

„דאָונט בי סילי, מאַם. דער דערי דאַוועגט אויך ניט, פונדעסטוועגן איז ער אַ גאַנץ גוטער ייד״ . . .

נו, האָב איך איינגעזען, אַז דאָס קינד האָט רעכט, און איך האָב אים ניט וואָס צו ענטפערן.

נאָר מילא, דאָס איז ניט וויכטיק. דער עיקר איז, אַז איך האָב, גאָט זיי דאַנק, דערלעבט און געפּראַוועט זיין בר מצוה אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן . . .

פּרנסה געבערס...

— מאַם! — שרייט צו מיר אויס מיין רייטשל היינט אינדערפרי פון בעדרום.

— יעס מיין קינד, וואָס ווילסטו?

— גרייט מיר צו עטלעכע סענדוויטשעס, ווייל איך גיי היינט אויס...

— וואָס פאַר אַן אויסגיין אין מיטען דערינען?

— פרעג ניט קיין קוועסטשאַנס, מאַם, נאָר טו ווי מען הייסט דיר, עס איז אַ שיינער טאָג, און איך גיי אויס.

— מיט וועמען?

— מיט טשאַרלי.

— שוין מיט טשאַרלי גאָר? נעכטן איז געווען בעני, אייערנעכטן דייווי, היינט טשאַרלי, און ווער וועט זיין מאָרגן?

— אָ, מאַם, דאָנט בי סאַרקאַסטיק, טשאַרלי איז אַ לאַוולי באָי, און ער האָט מיך ליב... זאָגט ער.

— ניט קיין נייעס... נו און וואו אַהין גייט מען דאָס אויס, מעג איך וויסן?

— הייקין...

— וואו ליגט דאָס, אין וועלכן געגנט?

— דאָס ליגט אין ערגעץ ניט, מאַם, דאָס גייט מען אַזוי איבער וועלדער, פעלדער, גלייכע און קרומע וועגן, אַזוי לאַנג ביז מען ווערט מיד, רוט מען זיך אָב, און מען גייט ווייטער.

— אַ מעשה אַן אַ עק, הייסט עס, האַ? איך זע ניט דעם פאַרגעניגען וואָס מען קען האָבן פון אַרומשלעפן זיך גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר מילא קום נאָר אַריין אַהער איך וויל דיך עפעס פרעגן.

רייטשעל איז אַריינגעלאָפן מיט אַ הילכיקן געלעכטער, און אַז איך האָב איר דערזען בין איך שיעור געפאַלן אין חלשות... אָנגעטון איז זי געווען אין אַ פאָר הויזן, מיט אַן אָפענע מענערשע העמד, אַ פאָר גרויסע שווערע שיך, אַ זאַק אויף די פּלייצעס, און אַ סיגאַרעט אין מויל...

— מויד — האָב איך אויסגעשריען מיט האַרצווייטאָק — מויד, ביזט אַראָב פון זינען? וואָס טוט זיך מיט דיר, האָסט ניט קיין דרך ארץ פאַר

טאטע־מאמע, פאר גאט און פאר לייטן . . . ווײ איז מיר, ווען דער טאטע דײנער זאל דיך איצט אנקוקן, שטארבט ער א טויטער . . .

— שאט־אפ, מאם, דאנט טאלק נאנסעם — האט זיך מײן טאכטער צע־בייזערט אויף מיר — דו ביזט אלד פעשאנד, אבער איך בין מאדערן. מיר איז א סך באקוועמער אין די הויזן ווי דיר אין קלייד.

— רייטשעל! — האב איך אויסגערופן מיט ביטערקייט — מויד, זאלסט שוין אויסטון די הויזן, זאג איך דיר, איך וויל עס ניט ליידן, דאס פאסט ניט פאר קיין יידישע טאכטער, און פאה דיר ווען מענס זיידע עס איז געווען א רב אוודאי ניט, דו הערסט צי ניין?

— וויפיל מאל האב איך דיר שוין געזאגט, און דיך געלערנט זאלסט מיך ניט רופן רייטשעל, נאר רעי, דו הערסט מאמע, רעי, און ניט רייטשעל . . . אזוי פיל יארן ביזטו שוין אין לאנדאן, און דו קענסט נאך אלץ ניט ריידן ווי א מענטש . . . דיסגרייספול . . . איך שעם זיך פאר מיינע פריינט וואס קומען אריין אהער.

מען האט אנגעקלאפט אין טיר.

— דאס איז טשארלי, מאם, זאלסט זיין פריינטלעך צו אים, דו הערסט? רייד צו אים ענגליש, ווייל ער פארשטייט ניט קיין יידיש . . . און רוף מיר ניט רייטשעל — האט זי באפוילן.

עס איז אריין א בחור אנגעטון פונקט ווי זי.

— דאס איז מיין מאמע, טשארלי, — האט רייטשעל פארגעשטעלט.

איך האב זיך געוואלט אין איר נוקם זיין, און זיך געמאכט ניט הערנדיק.

— מאם, דאס איז מיין טשארלי, — האט רייטשעל געזאגט מיט כעס, און מיר צוגעווארפן א בייזן בליק. איך האב זיך פאר איר דערשראקן, און א געצוואונגענעם שמייכל געטון.

— איר האט דאך ביידע איין פנים, — האב איך כלומר'שט געלאכט מיט יאשטשערקעס, — ס'איז שוין באלד ניט צו דערקענען ווער פון אייך עס איז דער מאנסביל, און ווער די נקבה. אז אך און ווײ צו דער היינטיקער מאדע.

— דהעטס אלראיט מאם, מיר ווען ניט מאכן קיין מיסטייק, — האט טשארלי געזאגט מיט זיכערקייט.

— וואס פאר א מאם בין איך דיר? הער א חוצפה, דעם ערשטן מאל זע איך אים און שוין . . .

— יו סי, מאם — האט טשארלי געגעבן צו פארשטיין, — איך גיי דאך אוים מיט דיין טאכטער, ענד איי עם שור איט וויל בי אקיי . . .

— אזוי, דו גייסט אוים מיט מיין טאכטער, א גדולה אויף מיין באבען, און עס וועט זיין אקיי זאגסטו מיר צו, און אויף דעם חשבון רופסטו מיך

שוין מאַם, האַ? אַזוי פּשוט אַן חופּה וקדושין, אַן אַן אונטערפירער, אַן אַ חתונה־רינג, אַזוי גלאַט הפקר פּעטרישקע . . . מען לאַכט פון דער וועלט, הייסט עס . . . מען טוט וואָס מען וויל, און דאָס הייסט ביי אייך מאָדערנע, און איר ווילט אפשר איך זאָל זיך אוועקשטעלן טאַנצן פאַר גדולה, האַ? רייטשעל איך וויל עס ניט ליידן, ביי מיר גייט נישט אַזעלכע טשיק, דו הערסט צי ניין? איך זאָג אַז דו וועסט היינט בלייבן אין דער היים, און ער וועט ביי מיר היינט אַליין אויסגיין, איך האָב ניט אויסגעהאָדעוועט אַ מויד וואָס זאָל זיך אַנטון מענערשע הויזן, און אַרומשלעפּן זיך איבער פעלדער און וועלדער מיט אַ פרעמדן בחור, איך האָב עס אויך ניט געטון — פע . . .

— מאַם, — האָט מיך רייטשעל געוואָרענט — געדענק, אַז איך וועל ווידער אַנטלויפן פון שטוב ווי אַמאָל, אויב דו וועסט זיך מישן אין מיינע ביזנעס, און דו וועסט ווידער מוזן אַליין צאָלן דעם ראַדיאָ, די ניי־מאַשין, די פערניטשור, און דעם אינשורענס איידזשענט, געדענק דו וועסט זיין סאָררי, און מיך ווידער קומען אויפזוכן און בעטן און וויינען, איך זאָל גיין צוריק אַהיים, בי קערפול מאַם, איידער עס איז צו־שפּעט, ווייל דאָס מאָל וועל איך אויף דיר קיין רחמנות ניט האָבן.

דאָס האַרץ איז מיר שיעור אַרויסגעפאַלן פון שרעק ווען איך האָב דאָס דערהערט, ווייל איך קען רייטשעל׳ן און ווייס אַז וואָס זי זאָגט מיינט זי, און אַז איך וועל דאַרפן אויסקוקן אויף איר טאַטענ׳ס פּאַרדינסטן, וועלן מיר דריי מאָל אין טאָג שטאַרבן פון הונגער.

האָב איך מיט גרויס חרטה, זיך אָנגערופן:

— אָלרייט, טאָכטער, איך וועל שוין מער גאָרניט זאָגן. נו, זיי מיר מוחל, איך בין געווען אויפגערעגט, האָב איך גערעדט נאַרישקייטן. אָבער איך זאָג דיר צו אַז מער וועל איך עס ניט טון. נו, וואָס שטייסטו, האָסט דאָך געוואָלט גיין. נאַ, אָט האָסטו סענדוויטשעס, אַ פּאָר אָרענדזשעס, אַ באָטל מילך, נאַ, נעם אַלעס מיט . . . גיי, גיי געזונטערהייט, איך וועל שוין צו־קלייבן דיין בעדרום, אויספּוצן דיינע שיך, אויסוואַשן די וועש, און אַז דו וועסט קומען צוריק געזונטערהייט, וועסטו אַלץ געפינען אין בעסטן אָרדנונג — האָב איך פאַרענדיקט מיט ווייטאַק און פאַרביסענע ליפּן — און ווי לאַנג וועסטו זיך זוימען, קינד מיינס?

— עטלעכע טעג — האָט רייטשעל געזאָגט אַ ברוגז׳ע.

— אַזוי, עטלעכע טעג און נעכט? — האָב איך איבערגע׳חזר׳ט און זיך געהיטן ניט צו מאַכן קיין בייזע מינע — וועסט האָבן גענוג סענדוויטשעס פאַר ביידע, אָדער זאָל איך מאַכן נאָך עטלעכע?

— גענוג, גענוג, דאַנק באָדהער, מאַם, עס ווערט שפּעט, מיר מוזן שוין גיין.

— נו, גיי און גיב אַכטונג אויף זיך, זע עס זאָל דיר חלילה קיין בייז ניט געשיין. נעם מיט אַ מאַנטל, אַן אַמברעלאַ, טאָמער ברעכט אויס אַ שטורם

אין מיטען נאכט, און דו וועסט ליגן אונטערן פרייען הימל, קענסטו זיך נאך חלילה פארקילען, די שעה זאל ניט זיין, און זע זאלסט ניט קריכן אויף קיין הויכע בערג.

— דהעט'ס אלרייט, מאם . . .

— און איך וועל בעטן גאט, איך זאל נאך דערלעבן דיך חתונה צו מאכן אויף אן אמת'ן אופן, און איך זאל האבן נחת פון דיר, מיין קינד.

— דאנט ווארי, מאם.

— נו, גוד־ביי, קינדערלעך, גייט און קומט געזונטערהייט . . .

יא, רייטשעלע, נאך איין מינוטקעלע, איך וויל דיך עפעס פרעגן.

איך האב זי אבגעפירט אין א זייט און שטיל געפרעגט:

— זאג מיר, קינד מיינס, איז ער באטש א ייד?

נאר אנשטאט אן ענטפער, האט זי זיך שטארק צולאכט, און צוזאמען מיט טשארלי'ן ארויס פון שטוב. . .

סערקע די סאָציאַליסטקע

אַמאָל איז זי געווען אַ וואוילע מיידעל, אָט די סערקע, אַ שטילע, אַ פֿיינע בעל־הבתישע טאָכטער, ניט געטשעפּעט אַ פֿליג אויפֿן וואַנט. אין דער מלחמה האָט זי זיך באַטייליקט אין פֿאַרשידענע נאַציאָנאַלע אַרבעטן; צו־ערשט איז זי געווען אין רעד קראָס, שפּעטער אַ פֿייער־וואָטשער, און אויך אַ וואָרדען. מיט איין וואָרט, נוצלעך אויף אַלע געביטן.

נאָר זינט די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז איר אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ, כמעט אַן איבערקערעניש איז געקומען אויף איר, און לויט ווי איר מאַמע דערציילט, אין אַ געוויסן אָונט איז זי אַוועק פֿון דער היים, געזונט און פֿריש, און אַהיים געקומען אַ סאָציאַליסטקע..

צוליב וואָס, און ווי אַזוי זי איז עס געוואָרן, ווייסט קיינער ניט, אפילו אירע בעסטע גוטע פֿריינט אויך ניט, אָבער דער פֿאַקט איז, אַז זי איז אַ פֿאַלקאָמענע, רויטע, פֿאַרברענטע סאָציאַליסטקע, אַזוי ווי קאַרל מאַרקס האָט געבאָטן . . .

און פֿון דאַן אָן לעבט זי זיך פֿריי ווי אַ פֿויגל אין וואַלד . . . היט אָב אַלע דינים און מנהגים פֿון דער אידעע, האָט זיך אָבגעשוירן די האָר, פּונקט ווי אַ מאַנספּאַרשוין, און טראָגט אויך מענערשע שיך מיט ברייטע קלעצער, אַ בלוזע מיט אַ הויכן קאָלנער און אַן אויסגעבונדענעם רויטן קראַוואַט, רויכערט כסדר סיגאַרעטן, און איז שטענדיק אָנגעלאָדן מיט ביכער און צייטונגען. זי באַזוכט אַלע פּאַרטייאישע מיטינגס און לעקציעס, און טראָגט אויך דעם רויטן פֿאָן, דעם ערשטן מאַי, מיט דער דעמאָנסטראַציע אין הייד פּאַרק . . . און ווען ניט איר שיינער פֿרויען־פּנים וואָלט מען געקענט מאַכן אַ טעות . . .

מאַכט זיך אַמאָל אַ ספּעשל מיטינג אין דער אָרגאַניזאַציע, וואו מען דאַרף פֿאַרוואַרפֿן אַ פּונקט אָדער אַ רעזאָלוציע באַשטימט אין פּאַרלאַמענט, געגן זייער פּרינציפּ, דאַמאָלט גיט זי אויף די אַרבעט, און באַטייליקט זיך אין יענער זיצונג כדי צו העלפֿן לייזן דעם פּראָבלעם. איר אַרט ניט וואָס די מאַמע וועט זאָגן, און וואָס דער טאַטע וועט טראַכטן, דאַמאָלט רעכנט זי זיך מיט קיינעם ניט, ווייל איר אידעע שטייט ביי איר העכער ווי אַלץ אין דער וועלט . . .

פֿון גיין אויף חתונות האַלט זי ניט. מאַכט זיך אַמאָל אַ חתונה אין דער משפּחה, גייען אַלע אַוועק, נאָר זי איינע אַליין בלייבט אין דער היים. ביי אַזאַ גינסטיקער געלעגנהייט לאַדעט זי איין אַלע אירע פּאַרטיי חברים צו אַ גלעזל רוסישן טיי, און מען פֿאַרברענגט אויפֿן בעסטן אופֿן.

אַן אמת'ע סאָציאַליסטקע, זאָגט סערקע, האַלט נישט פֿון די נאַרישע צערעמאָניעס, ס'איז געגן פּרינציפּ. מען דאַרף איבערהויפּט נישט חתונה האָבן, פּרעדיקט זי, ווייל מענטשן וועלכע פֿאַרבינדן זיך זענען שקלאַפֿן פֿון געזעץ . . .

וויינט די אַלטע מאַמע און בעט זיך ביי איר טאָכטער, מיט האַרצוויי־טאָק און נשמה פּיין:

„סערקע, מיין קינד, זאָג, וואָס איז פֿון דיר געוואָרן? ווען וועסטו שוין קומען צום שכל, און וואָס וועט זיין דיין שוואַרצער סוף? טוסט אַזעלכע זאַכן וואָס פּאַסן ניט פֿאַר קיין שום יידישע טאָכטער, דו פֿאַרשוואַרצט מיר מיין פּנים, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן. און דעם טאַטן דיינעם, דעם שמש, וועט מען פֿון שול אַרויסוואַרפֿן ווען די בעלי הבתים וועלן זיך דער־וויסן ווער זיין טאָכטער איז, און מיר וועלן חלילה בלייבן אָן פּרנסה. אַז אָך און וויי צו די היינטיקע קינדער. אַ מויד זאָל ניט אַ טראַכט טון וועגן אַ תכלית . . . די יאָרן רוקן זיך, דו ווערסט עלטער, און לויט דיינע יאָרן האָסטו שוין באַדאַרפֿט זיין אַ מאַמע און ניט קיין סאָציאַליסטקע . . . פֿון וועמען האָסטו עס געזען טרייבן אַזעלכע שטיק, פֿון מיר, צי פֿון דיין טאַטן? סערקע, איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף דיינע אַלטע טאַטע מאַמע, פֿאַרשאַף אונז נישט קיין בושה, וואַרף אַוועק די נאַרישקייטן וועלכע פֿאַרדרייען דיר דעם קאָפּ, געדענק, איך וואָרן דיך, ווי לאַנג עס איז נאָך ניט צו שפּעט, ווייל שפּעטער וועסטו חרטה האָבן", בעט זיך ביי איר די מאַמע.

אָבער סערקע שרעקט זיך ניט אָב פֿאַר דער מאַמע'ס רייד, זי פּייפֿט אויף דער וועלט, און זינגט זיך אונטער דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל . . .

„דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט, מאַמע", גיט סערקע דער מוטער אַן אַרגומענט. „דו פֿאַרשטייסט נישט די וויכטיקייט פֿון סאָציאַליזם . . . אָבער ווען דו וואָלסט מיט מיר אַמאָל געגאַנגען צו אַ מיטינג, אָדער אַ לעקטשור, בין איך זיכער אַז דו אַליין וואָלסט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג". צולאַכט זיך סערקע אויפֿן קול, און אַנטלויפֿט פֿון שטוב, ווייל זי ווייסט שוין וואָס די מאַמע וועט ענטפֿערן אויף איר פֿאַרשלאַג . . .

בלייבט די אַלטע מאַמע אַליין זיצן, טרויעריק און פֿאַרצווייפֿלט, טראַכטנדיק וועגן דער טאָכטער.

און ווען דער טאַטע קומט אַהיים, דערציילט זי אים מיט טרערן אין די אויגן וועגן דער טענה וועלכע זי האָט נאָר וואָס געהאַט מיט דער מויד, און ביידע הויבן אָן צו זוכן פּלענער וואָס צו טון מיט דער טאָכטער, כדי זי אָוועקצורייסן פֿון אירע חברים, וועלכע האָבן זי אַראָבגעפֿירט פֿון גלייכן וועג. און נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת זענען ביידע געפֿאַלן אויף איין און דעם זעלבן פּלאַן:

ניט אַנדערש, מ'מוז איר חתונה מאַכן, דאָס איז די איינציקע רפואה צו דער מכה. פֿעלט אָבער דערצו בלויז איין קלייניקייט, און דאָס איז אַ חתן וועלכער זאָל זאָגן יאָ . . .

דערמאָנט זיך סערקע׳ס טאַטע דער שמש, אַז ביי דעם גבאי פון שול איז פאַראַן אַ זון, אַ וואוילער בחור, קען גוט לערנען, און איז אַ זיידענער יונגערמאַן. עס וואָלט געווען כדאי זיך מיט אים משדך צו זיין. קודם כל דאַרף מען אים צוזאָגן אַ פיינע חתונה, מיט אַ רעספּעפּשאַן, אַזוי ווי עס מאַכן היינט אַלע רייכע לייט, מען וועט סערווירן גוטע געשמאַקע סענדוויטשעס, מיט טיי און פּייסטרים. מען וועט פאַרבעטן אַ גרויסן עולם, און די אַלע טשעקס וואָס וועלן אַריינקומען זאָלן באַלאַנגען נישט צו די מחותנים נאָר טאַקע צום יונגען פּאָר־פאָלק....

געפעלט דער פּלאַן זייער גוט סערקעס מאַמע, און זי זאָגט, אַז איר מאַן האָט ניט קיין קאָפּ פון אַ שמש, נאָר פון אַ מיניסטער . . .

מאַכט מען אָב אויף קומענדן שבת דעם בחור צו פאַרבעטן אַזוי אַביסל..., און סערקע׳ן וועט מען זאָגן, אַז עס קומען געסט, און זי בעטן צו פאַרבלייבן אין דער היים . . . און אפשר וועט גאָט רחמנות האָבן דער שידוך זאָל זיך איינגעבן, און אַלע וועלן געהאָלפן ווערן.

און אַזוי איז געווען. דער יונגערמאַן האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, און סערקע האָט אויך איינגעוויליקט צו בלייבן אין שטוב צוליב די געסט.

האָט מען יענעם שבת אויף גיך אָבגעגעסן דעם מיטאָג, די אַלטע האָט צוגערוימט די שטוב, נאָר סערקע איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, מיט די פיס אין דער הויך, אויפן אַמעריקאַנער ציוויליזירטן שטייגער, און געלעזן אַ בוך... עס האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעט, און די מאַמע האָט ביי איר קוים גע׳פּועל׳ט, זי זאָל זיך אַרומוואַשן און איבערטון, ווייל די געסט וועלן באַלד קומען.

אינסטינקטיוו האָט אפנים סערקע דערשמעקט, וואָס דאָ קומט פאָר, און ענדלעך האָט זי באַשלאָסן צו פאָלגן דער מאַמען . . . עס האָט ניט לאַנג גע־נומען און סערקע איז שוין געשטאַנען פאַר דעם שפּיגל, אָנגעטון אין אַ שיין מאָדערנע קליידל, פיין פאַרקעמט די קורצע האָר, און זיך אַביסל צוגעפּוצט איר פּנים, אָנגעשמירט די ליפּן אויף רויט, ווי דער שטייגער איז. און ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט, האָט זי אויסגעזען אַזוי חנ׳עוודיק, אַזוי שיין, אַז טאַטע מאַמע האָבן געשעפּט נחת. דעם גבאי׳ס זון איז געקומען צו דער באַ־שטימטער צייט: אַ שיינער שלאַנקער בחור, מיט אַ פיינעם אויסזען. ביידע הערצער האָבן אַ צאַפּל געטון, און עס האָט זיי באַהערשט דער גאָט פון ליבע...

סערקע האָט גענומען אויסגיין מיט דעם יונגענמאַן, און האָט אָנגעהויבן אויסצופעלן אין די סאָציאַליסטישע קרייזן. די חברים זענען גע־קומען איר רופן צו פאַרשידענע אונטערנעמונגען, אָבער מען האָט זי קיינמאָל ניט געפונען אין דער היים, און דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דערלעבט די גרעסטע נקמה.

סערקע האָט גלייך אויסגעטון דעם רויטן קראַוואַט, זיך געלאָזט וואַקסן אירע שיינע שוואַרצע האָר, האָט זיך גענומען קליידן נאָך דער לעצטער מאָדע, אַראָבגעוואָרפן די מענערשע שיך און אָנגעטון אַנדערע מיט הויכע

קלעצלעך, און אַ קליין מאָדערנע היטעלע, וועלכעס איז ביי איר געשטאַנען אויפֿן שפּיץ קאָפּ, און געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אָט־אָט פֿאַלט עס אַראָפּ . . .

דער חתן האָט איר געשענקט אַ טייערן דיימאָנד רינג, מיט וועלכן זי האָט שטאָלצירט געגן אירע אַמאָליקע חבר׳טעס פֿון דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן זי שטאַרק מקנא געווען מיט דעם גליק....

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען ביי זיי געפּראַוועט אַן אמת׳ע יידישע חתונה, וואו עס זענען געווען אַנוועזענד חזנים, שמשים, גבאים, פּרעזידענטן פֿון שולן, אפילו קאָלעקטאָרס אויך . . . עס זענען געפֿאַלן אַ גרויסע צאָל רייכע פּרעזענטן, פֿיינע טשעקס, אַלס חתונה מתנות. און אַזוי האָט מען מיט מזל חתונה געמאַכט סערקע די סאָציאַליסטקע מיט דעם גבאי׳ס זון . . .

פאָרנדיק נאָך בריטאַן

ווען מר. און מרס. כהן זענען אריין אין טריין צו פאָרן נאָך בריטאַן פאַר זייערע האָלידעיס, האָט זי אים באַוואָרפן מיט פראַגן:

— ביזט זיכער אז דו האָסט גוט פאַרשלאָסן די טירן?

— גאַנץ זיכער, דאַרלינג...

— האָסט באַהאַלטן די זילבערנע לייכטער?

— באַהאַלטן, מיין נשמה...

— האָסט געזאָגט דעם לענדלאָרד ער זאָל צוויי וואָכן ניט קומען נאָך רענט?

— אָנגעזאָגט, מיין לעבן.

— האָסט געבעטן די שכנה, זי זאָל יעדן טאָג געבן עסן אונזער קעצל?

— געבעטן — האָט ער שוין אביסל אונגעדולדיק געענטפערט, און זיך גענומען לעזן אַ ציַיטונג, מיט דער האָפנונג אפשר וועט זי אים אויפהערן נודיען...

—יאָ, האָסט מיטגענומען מיינע דימאַנטענע אויעררינגלעך, אַז מען קומט צווישן מענטשן ווילט זיך דאָך אויך ווייזן אַז מען פאַרמאָגט עפּעס. פאַרשטייסט?

— יאָ, די אויעררינגלעך מילא, דאָס פאַרשטיי איך. אָבער צו וואָס שלעפסטו מיט זיך דעם שווערן פער קאָוט? ס'איז דאָך זומער, און מיר פאָרן אין סי־סייד אויף האָלידעיס...

— ביזט אַן אידיאָט, האָסט ניט קיין שכל און קיין פאַרשטאַנד!

— ווי אַזוי קען מען אויף זיך טראָגן אַזאַ שווערן מלבוש היינטיקע ציַיטן? די ציַיטונג שרייבט, אַז עס קומט באַלד אַ היץ־כוואַליע.

— איך וועל זאָגן אַז איך האָב אַ קאַלד, און דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט איך זאָל זיך וואַרים אָנטון. דערוויַיל וועל איך האָבן אַ טשאַנס צו ווייזן אַז איך האָב אַ טייערן פער קאָוט. אויב איך וועל עס ניט טון, וועט דאָך קיינער ניט וויסן וואָס איך פאַרמאָג; און איצט פאַרשטייסטו שוין, בהמה וואָס דו ביזט?

— איצט פאַרשטיי איך שוין — האָט ער געשמייכעלט צו זיך אַליין פון זיין וויַיב'ס פראַקטישקייט... און וויַיטער זיך געמאַכט לעזן.

— זאָג נאָר, וואו האָסטו אַהין געטון די טיקעטס?

— איך האָב זיי ביי מיר אין קעשענע — האָט ער געענטפערט מיט איינגעהאַלטענעם כעס.

— גיב זיי אַהער, ביי מיר זענען זיי זיכערער. איר מענער האָט דאָך פֿאַרשטאָפּטע קעפּ . . . דו קענסט נאָך פֿאַרגעסן וואו דו האָסט זיי אַהין געטון.

ער האָט אַרויסגענומען די טיקעטס פֿון זיין בוזים קעשענע און איר דערלאַנגט.

זי האָט זיי צוגענומען און פֿעסט געהאַלטן אין האַנט.

נאָך עטלעכע מינוטן שווייגן האָט זי פּלוצלינג אויסגעשריגן מיט אַ ווילדן קול, פּונקט ווי עס וואָלט אַן אומגליק געשען:

— אַ בראָך איז מיר, מעקסי! . . .

ער איז אויפֿגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער צום טויט.

— איך האָב דאָך פֿאַרגעסן צו זאָגן דעם מילך־מאַן, ער זאָל צוויי וואָכן ניט ברענגען קיין מילך . . .

— דעט׳ס אָלרייט, דיער, איך האָב ניט פֿאַרגעסן, און האָב אים געזאָגט — האָט ער גלייך געענטפֿערט, זי צו בארואיקן. אין דער זעלבער צייט האָט ער איר געשטופּט די צייטונג אין האַנט, און איר געבעטן לעזן די לעצטע אינטערעסאַנטע נייעס.

— אַ דאַנק דיר — האָט זי געענטפֿערט, צוריקשטופּנדיק די צייטונג — איך האָב ניט קיין צייט צו אַזעלכע נאַרישקייטן. מיינסט אז איך האָב אַזאַ גרינגען קאָפּ ווי דו? אַז מען פֿאָרט אויף האָלידעים האָט מען וויכטיקע זאַכן צו באַזאָרגן, און מען דאַרף האַלטן אין איין טראַכטן, צי האָט מען ניט עפּעס פֿאַרגעסן — האָט זי געזאָגט, און גלייכצייטיק זיך צוגעפּודערט דאָס נעזל.

— ווען עסט אַ סענדוויטש? — האָט זי געפֿרעגט, אויפֿמאַכנדיק אַ פּעקל מיט עסנוואַרג.

— ניין, איך האָב ניט קיין אַפּעטיט.

— הויבסט שוין אָן מיט דיינע שטיק? ווען עסט אין האָטעל, וואו עס קאָסט מיך אַזוי פֿיל געלט, אויך זאָגן אז דו האָסט ניט קיין אַפּעטיט? מילא, אין׳ דער היים אַרט מיך ניט, אָבער דאָרט וועסטו ביי מיר מוזן עסן, דו הערסט? קרענקן און עסן . . . איך וועל ניט צאָלן קיין געלט פֿאַר בחינם.

זי האָט מיט פֿאַרדרוס איינגעפּאַקט די סענדוויטשעס. די טריין האָט זיך אויף אַ ווילע אָבגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, און עס זענען אַריין עטלעכע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אין זייער דעפּאַרטמענט.

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, גלייך געמאַכט אירע האָר און טואַלעט, באַטראַכט די שיינע געזונטע יונגע לייט, און צוגעוואָרפֿן אַ פֿאַראַכטעטן בליק איר מאַן. אַ ווילע שפּעטער האָט זי אויסגעפֿונען אַז איינער פֿון זיי איז אַ ייד. זי האָט זיך צוגערוקט צו אים נענטער, און אָנגעפֿאַנגען אַ שמועס.

— אַ שיינער טאָג היינט, אַ־יאָ?

— יעס, זייער שיין — האָט ער געענטפֿערט העפֿליך.

— דאַכט׳ זיך איר זענט אַ ייד?

— יעס — האָט ער געשמייכלט, און געקייט זיין טשוּאינג־גאַם . . .

— פֿאַרהייראַט?

— ניין, נאָך ניט.

— איך ווייס פֿאַר וואָס . . . איר זענט אַ פּראָסטער סאָלדאַט, די היגע מיידלעך האָבן נאָר ליב אָפֿיצירן — האָט זי געשמייכלט . . .

עס קען זיין . . . אָבער מיך אַרט ניט, איך האָב אַ כלה אין דער היים.

— פֿון וואַנען קומט איר?

— פֿון אַמעריקאַ.

— מען זאָגט, אַז אַמעריקאַ איז אַ גרויסע שטאָט, איז דאָס אמת?

— אַמעריקע איז אַ לאַנד, ניט קיין שטאָט.

— אזוי גאָר? דאָס האָב איך ניט געוואוסט. טאָ פֿון וועלכער שטאָט קומט איר?

— פֿון טשיקאַגאָ.

— אוי, פֿון טשיקאַגאָ! זייער גוט! — האָט זי אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין פּלייצע ווי אַן אַלטן חבר — אויב אזוי וויל איך אייך עפּעס פֿרעגן. אפשר האָט איר דאָרט באַגעגנט מיין ברודער?

— אפשר, ווי זעט ער אויס?

— מען זאָגט, אַז ער זעט אויס פּונקט ווי איך . . .

— ניין, אַזאַ פּאַרשוין האָב איך ניט באַגעגנט. זאָגט מיר, וואָס איז זיין פּראָפֿעסיע?

— אין לאָנדאָן איז ער געווען אַ מאַשינער, און דאָרט איז ער אַ „דזשוּלערי טרעוולער פֿון בוטס" . . .

— פֿון אַזאַ מלאכה האָב איך קיינמאָל ניט געהערט.

— אַ שאָד, און איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל פֿון אים אָבנעמען אַ גרוס. איך האָב שוין זייער לאַנג פֿון אים ניט געהערט, און ווייס ניט וואָס איבערצוטראַכטן.

— ווי רופֿט מען אים?

— זיין יידישער נאָמען איז חיים, און אויף ענגליש רופֿט מען אים פּיטער, נאָך מיין זיידען . . .

— ניין, איך ווייס ניט — האָט דער סאָלדאַט געהויבן מיט די פּלייצעס.

די טריין האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דער סטאַנציע ברייטאָן, און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער פּלאַטפֿאָרמע. דאָ ערשט האָט זי באַמערקט ווי איר מאַן האָט זיך אַריינגערוקט אין אַ ווינקל און געשמאַק איינגעשלאָפֿן. עס איז איר אָנגעקומען שווער ביז זי האָט אים אויפֿגעוועקט.

ער האָט גענומען עטלעכע פּעקלעך און אַרוים. זי האָט זיך דערוייל אָנגעטון דעם העט, און ווידער כאַפּנדיק אַ שנעלן קוק אין שפּיגעלע, גענומען איר האַנטבייטל און נאָכגעפֿאָלגט איר מאַן.

ביים אַרויסגאַנג האָט דער פּאָרטער אויסגעשריגן: טיקעטס פּליז! . . .

זי האָט שנעל געעפֿנט דעם בייטל, אַרויסגעכאַפּט צוויי טיקעטס, זיי דערלאַנגט דעם פּאָרטער און גענומען גיין ווייטער.

— איי סעי, מעדעם — האָט זי דער טיקעט־קאָלעקטאָר צוריקגערופן — איך וויל ניט קיין טרעם נאָר טריין־טיקעטס — האָט ער געזאָגט, געבנדיק זיי איר צוריק . . .

ס'איז איר שלעכט געוואָרן. א פארשעמטע האָט זי גענומען זוכן אין אַלע פּאַקעטס, און זיי ניט געקענט געפינען. דאָס פּנים האָט איר געברענט פון שאַנדע און ווייטאָק, און זי האָט זיך צושריגן אויף איר מאַן, וועלכער איז געשטאַנען ווי א לָמך:

— דו ביזט שולדיק אין דעם, שלים־מזל מיינער, אַלץ דורך דיר. ווען דו וואָלסט מיך ניט געווען געבאַדערט מיט דיינע נאַרישקייטן, און מיר ניט פאַרדרייט דעם קאָפּ, וואָלט איך די טיקעטס זיכער ניט פאַרלוירן. נאָר וואַרט — האָט זי אים געסטראַשעט — איך וועל זיך שוין מיט דיר אָברעכענען. דערפאַר וועסטו שוין ביי מיר האָבן א האָלידעי, אַז דו וועסט עס דיין גאַנצן לעבן געדענקען . . .

די מאַסע איז געוואָרן גרעסער, און מען האָט גענומען שרייען פון הינטן:

— פּאַס אַלאָנג פּליז, פּאַס אַלאָנג — און מען האָט זיי געשטופּט און גע־שטויסן פון אַלע זייטן . . .

מר. כהן האָט מיט האַרצווייטאָק אַרויסגענומען די באַטרעפנדע סומע פון פּאַקעט און באַצאָלט.

דער קאָלעקטאָר האָט דאָס געלט צוגענומען, און א סאַרקאַסטיש, אָדער רחמנות'דיקן שמייכל געטון.

מר. כהן האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז דער קאָלעקטאָר איז נעבעך אויך א פאַרהייראַטער מאַן . . .

דערפֿאַר איז מען ביזי!...

איך קען אַ פּאָר־פֿאָלק . . .

און אפשר קענט איר זיי אויך.

אַלע יאָרן, פֿון נאָך זייער חתונה, האָבן זיי געלעבט גליקלעך, רואיק און צופֿרידן, ווי צוויי שטילע טייבעלעך. קיינמאָל ניט אויסגערעדט אַ הויך וואָרט איינער צום אַנדערן. שכנים האָבן זיי מקנא געווען, פּשוט זיך געבענשט מיט זיי. נאָר פּלוצלינג איז דאָרט געקומען אַן איבערקערעניש, ניט פֿאַר קיין שום יידיש הויז געדאַכט . . . פֿון דעם שטילן גוטן ווייבל איז געוואָרן אַ טייוול, רחמנא ליצלן . . . פּלוצלינג זענען ביי איר שוואַך געוואָרן די נערוון . . . און שולדיק אין דעם איז די וויסטע מלחמה מיט היטלער׳ן בראש . . .

מיינט איר, חלילה, אַז דאָס איז איר געקומען פֿון דערשרעקן זיך פֿאַר באָמבעס, ראָקעטס? ווייס איך וואָס! אַ נעכטיקער טאָג. פֿאַר די אָנשיקע־נישן האָט זי גראָדע קיין מורא ניט, און זי פֿייפֿט אויף זיי. אדרבא, אַזוי ווי זי דערהערט איינעם פֿון די באַוואוסטע ראָקעטס, שעלט זי היטלער׳ן און בענשט סטאַלינ׳ען . . .

אָבער איר נערוועזיטעט נעמט זיך גראָדע פֿון אַ קלייניקייט . . . פֿון שטיין אין די קיו נאָך פֿיש, נאָך פֿלייש, נאָך ציבעלעס, און נאָך אַזעלכע נויטיקע זאַכן; און דאָס שטיין וואָלט שוין אויך ניט אויסגעמאַכט; איז זי אָבער ניט פֿון די מזל׳דיקע, און ווען עס קומט צו איר טערן, איז שוין אַלעס אויס־פֿאַרקויפֿט און זי גייט אַהיים מיט גאָרנישט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס רייצט אירע נערוועז, און ווען זי קומט אַהיים לאָזט זי אויס איר ביטער האַרץ צום מאַן.

דאָס זענען מלחמה נערוון, פֿון וועלכע אַלע מענטשן ליידן היינטיקע צייטן, און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, ווייל אַ גרויסער דאָקטאָר האָט נאָר וואָס ערקלערט, אַז די מענטשן וועלכע האָבן היינט געזונטע נערוון זענען ניט נאָרמאַל . . .

אָבער ביי איר דריקט עס זיך אויס אויף פֿאָלגענדן אופן:

זיין פֿאַרגעניגן פֿלעגט זיין יעדן אָוונט, ווען ער איז געקומען פֿון דער אַרבעט, אָנצושטעלן דעם ראַדיאָ. האָט זי עס ניט געוואָלט ליידן. הלמאי, איר טוט וויי דער קאָפּ, און זי קען עס ניט פֿאַרטראָגן. האָט ער איר צוליב געטון און אים אָבגעשטעלט. פֿון לאַנגווייליקייט האָט ער גענומען לעזן אַ בוך. האָט זי ווידער פּראָטעסטירט. זי האָט ניט מיט וועמען אַ וואָרט אויס־צורעדן, אין שטוב איז טויט ווי אויף אַ בית הקברות . . .

האָט ער געטראַכט, מילא, אפשר האָט זי טאַקע רעכט, זי איז דאָך אַ קראַנקער מענטש, און מען דאַרף זיך מיט איר רעכענען.

איז ער געפּאַלן אויף אַ פּלאַן, און איר געגומען דערציילן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט: ווי האַלט עס מיט דער מלחמה; ווי ווייט זענען נאָך די רוסן פון בערלין; וואָס איז געוואָרן באַשלאָסן אויף דער קאָנפערענץ ביים שווארצן ים; און נאָך אַזעלכע אינטערעסאַנטע זאַכן וואָס קומען פאָר . . .

האָט זי אים געבעטן ער זאָל איר ניט האַקן קיין טשייניק, ווייל ניט זי ווייסט און פאַרשטייט וואָס ער פּלוידערט, און ניט עס אינטערעסירט איר זיינע באָבע מעשות . . .

זייענדיק פון דער נאַטור אַ גוטער, האָט ער רחמנות באַקומען אויף זיין אָרימע נערוועזע ווייב, און אויפגעהערט שפּילן דעם ראַדיאָ, לעזן ביכער און רעדן פון פּאָליטיק.

אָבער אַ לעבעדיקער מענטש מוז דאָך עפּעס טון. האָט ער גענומען קוקן אויף דער סטעליע, אויף די ווענט, באַוואונדערט זיין פאָטאָגראַף וועלכעס ער האָט נאָר וואָס דערזען, כאָטש עס הענגט שוין דאָרט אַ יאָר צוואַנציק, און געבענקט נאָך יענע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען יונג, שיין, און ניט געהאַט זיין ווייב . . . דערנאָך איז געפאַלן זיין בליק אויפן זייגער, וועלכער איז געווען איינער פון זיינע חתונה־מתנות, אים גענומען באַוואונדערן, און טאַקע געקומען צום באַשלוס, אַז דער ערפינדער פון דער כלי איז געווען אַן אמת׳ער זשעני...

און זי האָט זיך ווידער צושריען אויף אים: סטייטש, אין שטוב איז אַזוי ענג, ניטאָ וואו זיך אַ ריר צו טון, זי דאַרף צורוימען, און ער איז איר אין וועג, זיצט ווי אַ פּלאָקן און רירט זיך ניט פון אָרט. .

נו, האָט ער איר שוין דאָס אויך צוליב געטון, און אָנגעהויבן יעדן אָוונט אַרויסגיין אין גאַס. אָבער אַזוי גלאַט אַרומדרייען זיך האָט דאָך קיין זין ניט, האָט ער פון צייט צו צייט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ סינעמאַ, וואו ער האָט געקענט כאַפּן אַ דרימל אומגעשטערט . . .

האָט דאָס אָבער אויך ניט געטויגט, ווייל אַזוי ווי ער פלעגט אַהיים קומען, איז זי אים באַפאַלן מיט אַ טענה, הלמאי אַנדערע מענער ליבן זייערע היימען און שלעפּן זיך ניט אַרום ביז אין דער שפּעטער נאַכט ווי ער. און אַז זיי גייען צו די פּיקטשעס נעמען זיי מיט די ווייבער, נאָר זי אַליין איז נעבעך אומגליקלעך, דערפאַר ווייל זי האָט אַ מאַן אַ שלים־מזל, ביי וועלכן זי האָט אַ פינסטערע דאָליע . . .

ביז ער האָט ענדלעך פאַרלוירן זיין מאַנסבילשן געדולד, און זיך אויף איר אָנגעבייזערט, פאַרוואָס זי לאָזט אים ניט לעבן, און דערגייט אים די יאָרן.

האָט זי אים געענטפערט מיט כעס, אַז ער איז אַ נערוועזער, אַ משוגענער און ווייסט אַליין ניט וואָס ער וויל . .

ביז עס איז אים געוואָרן ביטער אויפֿן הארצן, אומעטיק און לאַנגווייליק, און ער האָט גענומען אויף אַן אמתן ווייכן די שטוב.

אַ פֿריינט האָט אים פֿאַרבעטן אהיים צו זיך. דאָרט האָבן זיך געפֿונען נאָך עטלעכע און האָבן געשפּילט אין קאָרטן. מען האָט אים איינגעלאַדן צו נעמען אַ האַנט. ער האָט ערקלערט, אַז ער קען ניט שפּילן. ביסלעכווייז אָבער האָט ער זיך אויסגעלערנט, און גענומען אַ גרויסן אינטערעס אין דעם.

היינט שפּילט ער שוין מיט מזל סאָלאָ, פּאָוקער, ברידזש, און וואָס נאָר איר ווילט. ער גייט אַהין יעדע נאַכט, און זיין ווייב דאַרף אים שוין מער פֿון שטוב ניט טרייבן.

אַחוץ דעם האָט ער אויך דערזען, אַז זיין פֿריינט האָט אַ שיין חנ'עוודיק ווייבל, מיט צוויי שוואַרצע אויגן, אַ פֿריינטלעכן שמייכל, און ביים ערשטן אויגנבליק האָט ער באַשלאָסן, אַז זי איז שענער, בעסער, אינטערעסאַנטער פֿון זיינער, און דער עיקר זי נעגעט ניט . . .

נאָך אַ זאַך: דער פֿריינט זיינער איז אַזוי פֿאַרנומען מיט דער גיים, אַז ער באַמערקט אפילו ניט, ווי זיין ווייבל קאָקעטירט און זוכט צו געפֿינען חן אין זיינע אויגן . . .

ער פֿאַרברענגט דאָרט ביז שפּעט אין אָוונט, און ווען ער קומט אַהיים איז שטיל שאַ, אַ פֿאַרגעניגען, זיין ווייב שלאָפֿט געשמאַק (אַזוי מיינט ער) און עס איז אים וואויל ווי די וועלט.

אָבער צו דעם האָט שוין אויך גענומען אַ סוף.

אין אַ געווויסן אָוונט האָט אים זיין פּלונית'טע נאָכגעשפּיאָנירט, און געמאַכט אַ שטיקל סקאַנדאַל.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך זייער פֿאַרשעמט פֿאַר זיין פֿריינט, און איבערהויפּט פֿאַר זיין פֿריינט'ס ווייבל, און אויפֿגעהערט צו גיין אַהין. דאָן איז ענטשטאַנען פֿאַר אים אַ נייער פּראָבלעם: וואו טוט מען זיך אַהין?

און אַז מען זוכט געפֿינט מען.

ער האָט אָנגעהויבן גיין אויף מיטינגען, פֿאַרזאַמלונגען, קאָנפֿערענצן, און וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט, אַבי ניט גיין אַהיים. איצט האָט ער זיך אַריינגעוואָרפֿן מיט לייב און לעבן אין קהל'שער אַרבעט, גייט אין דעלעגאַציעס, מאַכט הויז צו הויז קאָלעקציעס פֿאַר אַלטע קליידער צו שיקן אַהיים, מאַכט פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר דעם קאַמפּיין צווישן זיינע פֿריינט און טוט נוצלעכע אַרבעט. באַזוכט קאָנצערטן, די פֿאָלקס טריבונע, דעם ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג, הערט זיך איין צו די רעדעס און פֿאַרלעזונגען און פֿאַרברענגט שפּעטער צוזאַמען מיט אַלע ליטעראַטן ביי אַ פֿיינעם מאָלצייט. געוואָרן אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג, אין קולטור קלוב, ביי די קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן, בונדיסטן, ציוניסטן, און ביי נאָך און נאָך פֿאַרשידענע איסטן . . . מיט איין

וואָרט, וואו עס איז נאָר פֿאַראַן אַן אָפֿענע טיר, דאָרט געפֿינט איר אים. און אויב עס טרעפֿט זיך אים פֿיר מיטינגען אין איין טאָג, דאַן גייט ער אויף אַלע פֿיר...

הכּלל, ער איז ביזי, לויפֿט פֿון איין אָרט צום צווייטן, פֿירט אוים שליחותן, טראָגט אַרום ביכער צו פֿאַרקויפֿן, אַרבעט שווער, אָבער ער טוט דאָס מיט גרויס צופֿרידנהייט, ווייל עס איז אים, זאָגט ער, פֿיל וויכטיקער און ליבער צו זיין אַ קולטור־טרעגער און ברענגען נוצן דער געזעלשאַפֿט, איידער צו זיין אין דער היים און זיך קריגן מיט דער ווייב...

ביי אונז אין ווי... טשעפּלטאָן

מען זאָגט ביי אונז יידן אַ גלייכווערטל: „וואַרף מיך וואו דו ווילסט, נאָר וואַרף מיך צווישן אייגענע", און אויב די לאָנדאָנער יידן, וועלכע עס איז באַשערט צו זיין פאַרוואָרפן פון דער היים, ווערן פאַרוואָרפן נאָך לידז, איז אַ סימן, אַז זייער געבעט איז דערהערט געוואָרן, ווייל דאָ איז מען צווישן איי־גענע, און מען פילט זיך טאַקע פּונקט ווי אין דער היים...

וואו איר טוט זיך נאָר אַ קער, טרעפט מען זיך מיט באַקאַנטע, מיט משפּחה, מיט פריינט, און מיט שונאים... מיט בעלי חובות וועלכע האָבן זיך פון אייך אויסבאַהאַלטן יאָרן לאַנג... און טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען האָט איר זיי ביי קיין אופן נישט געקענט געפינען... און אַפילו מיט אַן אייגענעם אָדער אייגענער וועלכע איר האָט שוין לאַנג פאַרגעסן...

פאַראַן אין לידז אַ גאַס, וואָס טראָגט כמעט דעם זעלבן נאָמען וואָס אונזער ווייטשעפּל. די גאַס רופט זיך טשעפּלטאַון רויד. דאַרף מען הייסט עס בלויז צושטעלן פון פאַרענט דעם ווי... און צום סוף אָוועקנעמען דעם טאַון, מאַכט עס ווייטשעפּל מיט אַלע פּיפּטשיקעס...

און אַז איר נעמט אַ שפּאַציר דורך דער דאָזיקער גאַס, זענט איר גאַנץ זיכער, אַז איר געפינט זיך צווישן אייגענע. איר טרעפט זיך דאָ מיט פילע לאָנדאָנער, שרייבער, זשורנאַליסטן, כלל טוער, חזנים, רבנים, אַרטיסטן און נאָך און נאָך, פון די זעלבע מין פּראָפעסיעס. און אייך דאַכט זיך, אַז אין לאָנדאָן איז שוין קיינער נישט פאַרבליבן.

היינט ערשט די גרויסע געביידעס, וועלכע געפינען זיך דאָ אויף דער גאַס: די שולן, בתי מדרשים, חסידים שטיבלעך, זיי שמעקן אויך מיט דער לאָנדאָנער אַטמאָספערע. זיי רופן און בעטן אייך אריין צום דאַוונען, צום מנין. אַרום דער זעלבער געגענט זענען פאַראַן עטלעכע פּאַרקס און פּאַרקלעך, און אַז דאָס וועטער איז שיין, קלויבן זיך אין זיי צוזאַמען עטלעכע צענדליק לאָנדאָנער „פילאָזאָפן" אָדער פּאָליטיקער... דאָרט איז אַ מין יידישער פּאַר־לאַמענט, ווי זיי רופן עס... מען באַטראַכט די לעצטע מלחמה געשעענישן, מען רעדט אַרום די פּאָליטישע לאַגע, און מען טראָגט אַרויס קאָנקרעטע באַ־שליסע, ווי אַזוי צו מאַכן אַ סוף צו דער וויסטער מלחמה... עס אַנטשטייען אַפילו מיינונגס פאַרשידנהייטן צוליב געוויסע פּאַרטייען און דאָס שאַפט אַן אומאַנגענעמע לאַגע. דאָס האַלט אָן אַזוי לאַנג, ביז איינער פון זיי נעמט אַרויס זיין טאַבאַק־פּושקעלע, איז מכבד יעדן מיט אַביסעלע, און עס טרעט אַריין אַ שטילשטאַנד... דאַן טרעטן די פּאַרלאַמענטאַריער אַריין אין דער גרויסער שול איבערן וועג כאַפּן אַ מנחה ומעריב.

נאָך איז פֿאַראַן אַ פּראַקטישע זאַך דאָ אין לידז. דאָ ווייסט מען ניט פֿון קיין „גאָלדערס גרין״, „עדזשוער״, אָדער „העמפּסטעד״. דאָ וואוינען אַלע יידן אין און אַרום ווײַ־טשעפּלטאָון, און אַלע אָטעמען די זעלבע לופֿט. און אַפילו אין די הייזער גופא געפֿינט איר זיך אויך צווישן אייגענע. מען טיילט זיך מיט אייך מיטן ביסן פֿון מויל . . . און ברענגט ווער אַריין „די צייט״ אין שטוב, טיילט מען זיך אויך. ס'הייסט, מען כאַפּט אַ קוק נאָר, מען לעזט איבער די אַרטיקלען, די וויכטיקסטע יידישע נייעס און מען זאָגט אַ שיינעם דאַנק דערפֿאַר. ניט חס ושלום דעם רעדאַקטאָר אָדער די אַרויסגעבער, נאָר די בעלי צדקה אויף אַ צווייטנס חשבון, ביי וועלכע אַ צווייטנס אַרבעט און מי איז הפקר. עס זענען אָבער אויך דאָ אינטערעסאַנטע טיפּן:

אָט למשל קען איך אַ הויז מיט אַ סך גרויסע צימערן, און די בעלי הבתים, וואָס זיינען מענטשן מיט ווייכע יידישע הערצער, נעמען אַריין יעדן וואָס קלאַפּט אָן אין טיר . . . איך האָב דאָרט באַגעגנט אַ פּאָר פֿאָלק: ער אָן אַלטער, זי נאָך גאָר אַ יונגע. זיי זענען ניט לאַנג נאָך דער חתונה. כאָטש דער שידוך איז ניט קיין גלייכער, וואָלטן זיי דאָך געלעבט גאַנץ בשלום, ווען נישט איין קלייניקייט: ער רעדט אַ שלעכטן ענגליש, און זי — ניט קיין גוטן יידיש. אַזוי אַרום איז זיי ביידע ניט מעגלעך צו פֿאַרשטיין, וואָס איינער ווינשט דעם צווייטן . . .

ווידער איז דאָרט פֿאַראַן אַ פֿיינער אויסגערוטער יונגערמאַן, וועלכער פֿאַרזיכערט אייך, אַז ער איז ניט אַנטלאָפֿן פֿון די באָמבעס, נאָר ער איז פּשוט געקומען פֿאַר אַ „האָלידעי״, אַ סימן, אַז ער האָט געלאָזט זיין ווייב אין דער היים . . .

אויך וואוינט דאָרט אַ „רעפֿיוזשי״. זאָגן זאָגט ער, אַז ער שטאַמט פֿון דייטשלאַנד, נאָר ער איז געבוירן אין גאַליציען, האָט געלעבט אַלע יאָרן אין פּאַריז, און פֿון דאָרט איז ער געקומען נאָך לאָנדאָן. און אַז איר לאָזט זיך אַריין מיט אים אין אַ שמועס, רעדט ער האַלב דייטש, אַביסל פֿראַנצויזיש, אַ שלעכטן ענגליש, עס איז אייך נישט מעגלעך צו דערגיין ביי אים אַ טאָלק . . . נאָר טאָמער פֿאַרגעסט ער זיך אויף אַ ווײַלע, רעדט ער גראָדע אַ פֿיינעם געזונטן יידיש . . .

ווידער איז פֿאַראַן אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער, צוויי באַזונדערע טיפּן, וועלכע מען טרעפֿט זעלטן אין איין משפּחה. דהיינו, די מאַמע רעדט, און די טאָכטער שווייגט . . . נישט חלילה דערפֿאַר וויל זי פֿאַרשטייט אַז שווייגן איז גאָלד, נאָר פּשוט ווייל עס קומט איר אָן שווער אַריינצוזאָגן אַ וואָרט. איידער די טאָכטער באַווייזט אַרויסזאָגן צוויי ווערטער האָט שוין די מאַמע אַרויסגעזאָגט צוויי הונדערט . . . און אַז די מאַמע רעדט, וויל זי טאַקע, און זעט שוין דערצו, אַז איר זאָלט זי אויסהערן . . . איר קענט זיך פֿון איר ניט באַפֿרייען אַפילו אויף איין מינוט, רחמנא ליצלן. טאָמער הויבט אייך אָן צו נודיען ביים האַרצן, שווינדלען פֿאַר די אויגן, און איר לאָזט זיך גיין אין צווייטן צימער, גייט זי אייך נאָך . . . גייט איר אין קיך, איז זי דאָרט

פֿריער פֿון אייך . . . און קען זי ניט זיין דירעקט נעבן אייך, שטייט זי פֿון יענער זייט טיר און רעדט און רעדט. אַז אייך ווערט שוין גאָר שלעכט און איר כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ, דערלאַנגט זי אייך עטלעכע „אַספּראָס" מיט אַביסל קאַלטע וואַסער. איר נעמט איין, און זי רעדט ווייטער. דאָס האַלט אָן אַזוי לאַנג, ביז איר גנב'עט זיך אַרויס דורך אַ הינטער טיר און ווערט פֿאַרשוואונדן . . . אַט אַזוי פֿאַרגייט דער טאָג.

אָבער דער אָוונט, זעט איר, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, פּשוט אַ מחיה. באַלד נאָך סאַפּער זעצט זיך דאָס גאַנצע בני בית אַרום דעם גרויסן טיש, מען נעמט אַרויס ם פּעשעל קאָרטן, און אַלע פּנים'ער לייכטן אויף. אַלע מאַכן זיך באַקוועם, מען טוט אויס די מאַנטלען, די שיך, יעדער זעצט זיך אויף זיין פּלאַץ, און מען נעמט זיך צו דער „גיים" . . . דער אינטערעס ווערט אַלץ גרעסער מיט יעדער מינוט, די באַגייסטערונג גאָר גרויס, און אַז גאָט העלפֿט עס גייט ביים גלייכן, איז פּשוט אַ מחיה צו זיין אין שטוב. אפילו די יידענע וואָס רעדט אַ סך האָט מורא צו עפֿענען דאָס מויל, קוקט זי אין די קאָרטן און שווייגט. ממש צו ווינשן דאָס אייביקע לעבן דעם וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם קאָרטן שפּיל . . .

איך באַטראַכט זיי אַלעמען באַזונדער, און מיר געפֿעלט דאָס וואָס איך געפֿין זיך צווישן אייגענע . . .

און ביים שרייבן די צייל֫ן גיט אונז די ראַדיאָ איבער פֿריילעכע נייעס פֿון אַלע פֿראָנטן, און עס איז גרויס די האָפֿנונג, אַז באַלד וועלן אַלע אָקופּירטע לענדער ווערן פֿריי, און עס וועט ווערן שלום אויף דער וועלט, און עס וועלן מער נישט זיין קיין פֿליענדע באָמבעס און מיר אַלע וועלן זיך אומקערן אַהיים. אוי היים! ווי גוט דאָס וועט זיין צו זיין צווישן אייגענע, טאַקע אמת'ע אייגענע . . . אין ווייטשעפּל, ניט אין טשעפּלטאַון.

די נקמה פֿון אַ קינד

(אַ קינדער־דערציילונג)

פֿייגעלע איז אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר צען, מיט צוויי שוואַרצע אייגעלעך און אַ בלאַס, קרענקלעך פּנימל.

זי איז נישט גענוג גרויס און נישט גענוג אַנטוויקלט פֿאַר אירע יאָרן. ווען איר באַטראַכט זי, מאַכט זי אויף אייך דעם איינדרוק פֿון נאָך גאָר אַ יונג קינד. דאָס איז דערפֿאַר, ווייל זי איז נאָך פֿון געבוירן אָן אַ שוואַכע. זי האָט נאָך שוועסטער און ברודער, יונגערע און עלטערע פֿון איר, פֿון איין טאַטע־מאַמע, און דאָך איז זי אַנדערש פֿון זיי. זי האָט אַמאָל געהערט ווי איר מאַמע האָט געזאָגט צו אַ שכנה, אַז ווען זי איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן מיט איר, מיט פֿייגלען, הייסט עס, איז געווען זער אַ ביטערע צייט. וואָס די מאַמע האָט געמיינט מיט דעם, האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען. אָבער זי ווייסט, אַז עס איז נישט גוט ווען עס איז ביטער. אַ סימן האָט זי, אַז זי איז טאַקע פֿאַרבליבן אַ שוואַכע, אַ קראַנקע, ביז דעם היינטיקן טאָג.

ווען אַלע קינדער שפּילן זיך און טאַנצן אין גאַס, דעמאָלט ליגט זי קראַנק אין בעט, דאָ מיטן קאָפּ, מיט אַ האַנט, אַ פֿוס, אָדער גאָר עפּעס אַנדערש, און די מאַמע שטייט זיך אויס פֿון איר גרויסע צרות.

וואו עפּעס אָן איבערגאַנג, אַ קינדערשע חולאת איז זי די ערשטע . . .

שוין צוויי מאָל געמאָזלט, דריי מאָל געפּאָקט. אין שטוב רופֿט מען זי ניט אַנדערש ווי שלימזל, שטיק צרה, פּאָקראַקע, און זי איז שוין נעבעך אַזוי צוגעוואוינט צו אָט די אַלע נעמען, אַז זי פֿאַרגעסט פֿיל מאָל, אַז איר אמת׳ער נאָמען איז פֿייגעלע.

די קינדער ווילן זיך מיט איר נישט שפּילן, ווייל זי קען נישט לויפֿן און שפּרינגען אַזוי ווי זיי. אין פּאַרק לאָזט מען זי נישט גיין, מען זאָל זי נישט איבערפֿאָרן; גיין אין שולע איז זי צו שוואַך, האָט זי נעבעך זיך נישט וואוהין צו טון.

זיצט זי אין שטוב און בלעטערט אָן אַלטן בילדער־זשורנאַל, וועלכן די קינדער האָבן שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפֿן.

אַזוי האָט פֿייגעלע געלעבט אין אַ וועלטל פֿאַר זיך ביז עס איז פֿאָרגעקומען אַן אינצידענט, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו איר טרויעריקער עקזיסטענץ.

זי איז געזעסן ביים פֿענצטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס. אין הויז איז דעמאָלט קיינער נישט געווען אַחוץ איר און דער מאַמען. אַנטקעגן

דעם פֿענצטער איז געשטאַנען אַ קינד אין אירע יאָרן און זיך געשפּילט מיט אַ באַלעם. עס איז איר באַפֿאַלן אַ שטאַרקער חשק צו טון דאָס זעלבע . . . אָבער ווי אַזוי ?

האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אין צווייטן צימער, אויף דער קאָמאָדע, וואו עס שטייען די נייע בלומענטעפּ, ליגט איר שוועסטער׳ס באַלעם. זי וועט אים נעמען, אפשר וועט איר געלונגען זיך שטילערהייט אַרויסצוגנב׳ענען אויף דער גאַס, וועט זי אויך קענען זיך שפּילן אַזוי, ווי דאָס אַנדערע מיידעלע. איר הערצעלע האָט אַ ציטער געטון פֿאַר פֿרייד . . .

זי איז אַראָפּ פֿון בענקל, אַריין אין פֿאָדער־צימער, שנעל צו צו דער קאָמאָדע און אויסגעשטרעקט אַ ציטערדיק הענטל צו נעמען דעם באַלעם. נאָר פּלוצלונג האָט זיך איר פֿאַרדרייט דער קאָפּ עס האָט איר גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגן, און זי האָט דערפֿילט, אַז אָט אָט פֿאַלט זי אום׳ נישט וויסנדיק וואָס זי טוט, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אין עק פֿון דער צודעק, וואָס איז דאָרט געלעגן און טראַך . . . זי האָט אַראָפּגעשלעפּט די בלומענטעפּ, וועלכע האָבן זיך צעבראָכן אויף פּיצלעך . . .

דער קלאַפּ האָט זי צוריקגעבראַכט צום באַוואוסטזיין, און ווען די מאַמע איז אַריינגעלאָפֿן אַ דערשראָקענע, אַ נערוועזע, איז פֿייגעלע געשטאַנען ווי אַ פֿאַרברעכערין, וועלכע וואַרט אויף איר שטראָף, מיט דעם קאָפּ אַראָפּ, מיט פֿאַרבראָכענע הענט און געציטערט פֿון שרעק.

דערזעענדיק וואָס עס איז געשען, האָט די אויפֿגערעגטע, נערוועזע מוטער אינגאַנצן פֿאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך, איז צוגעפֿאַלן צו דעם אָרימען קינד און עס אומרחמנות׳דיק געשלאָגן, שרייענדיק דערביי, „שלימזל, צו וואָס לעבסטו אויף דער וועלט ? ! דו פֿאַרוויסט מיר מיין לעבן. צוליב דיר וועל איך יונגערהייט גיין פֿון דער וועלט ! זאָג מיר, אומגליק מיינער, וואָס האָסטו דאָרט געזוכט, וויסטע קאַליקע וואָס דו ביסט ? . . . אַזעלכע טייערע בלומענטעפּ, ווי איז מיינע יאָרן״, האָט זי געבראָכן מיט די הענט. „וואָס האָסטו געזוכט ?״

— איך . . . איך . . . האָב געוואָלט נעמען דעם באַלעם, — האָט פֿייגעלע קוים אַרויסגעשטאַמלט, שטיקנדיק זיך מיט די טרערן.

— דעם באַלעם ? דו קענסט זיך דען שפּילן מיט אַ באַלעם, צרה מיינע ?

— האָט די מאַמע געשריגן מיט ווייטיק און דערוויל צוזאַמענגעקליבן די שאַרבנס, זיי באַוויינט ווי אַ בר־מינן און אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן מיסט . . .

אָבער מיט דעם האָבן זיך נאָך אַלע פֿייגעלעס צרות נישט געענדיקט. זי האָט זיך נאָך געהאַט גענוג אויסצושטיין פֿון טאַטן און פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע פֿאַרן צעברעכן די נייע בלומענטעפּ.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אַלע דעם אינצידענט פֿאַרגעסן ; אַפֿילו די מאַמע, וועלכע איז געווען אַזוי שטאַרק געקרענקט, האָט אויך פֿאַרגעסן, און ווידער אָנגעהויבן צו שמייכלען צו פֿייגעלען.

נאָר זי איינע, זי, פֿייגעלע, האָט דאָס נישט פֿאַרגעסן. אָ, ניין, נישט זי.

צופיל געזונט האט עס איר געקאסט, צופיל האט מען זי געזידלט, געשאָלטן און איר ווי געטון, אז זי זאל אזוי גיך פארגעסן און מוחל זיין. איר שוואך, יונג הערצל האט געגומען פראטעסטירן קעגן אזא האנדלונג. ביי איר אין דעם קראנקן, אנגעווייטיקטן נשמה'לע האט זיך אנגעצונדן א פייערל פון נקמה פאר איר באליידיקונג, און זי האט אנגעהויבן צו מאכן פלענער ווי אזוי דער מאמען און דעם טאטן ווי צו טון. און אזוי טראכטנדיק האט זי זיך דערמאנט אין א געשעעניש, וואס האט פאסירט מיט צוויי יאר צוריק. זי האט א צופרי־דענעם שמייכל געטון.

דעמאלט, מיט צוויי יאר צוריק, איז זי געווארן אזוי קראנק, אז מען האט געמוזט ברענגען צוויי דאקטוירים צו איר. וואס די דאקטוירים האבן געזאגט וועגן איר צושטאנד האט זי נישט פארשטאנען. אבער זי האט געזען ווי די מאמע און דער טאטע זענען אר.ומגעגאנגען שטארק צעטראגן. זי האט אפילו געזען ווי די מאמע האט אמאל געוויינט. די שוועסטער און ברידער זענען ארומגעגאנגען טרויעריק און אלע האבן גאט געבעטן פאר איר געזונט. אט דאס וויל זי אויך איצט. זי וויל זען דעם טאטן און די מאמען וויינען, וויינען מיט ביטערע טרערן, און דאס וועט זיין איר גרעסטע פרייד און נקמה... דאס וועט איר פארשאפן א סך פארגעניגען . . . אבער ווי אזוי ווערט מען ערנסט קראנק?

זי האט זיך דערמאנט, אז די מאמע פלעגט איר ווארענען און זאגן, אז מען עסט נישט, ווערט מען קראנק . . . יא, דאס וועט זי איצט טון. זי ווייסט, אז זי וועט דארפן ליידן דערביי, אבער איר ארט עס נישט. זי מוז אויספירן דאס איריקע . . . זי מוז זיי פארשאפן ווייטיק און צרות, ווי זיי האבן איר ווי געטון.

און פייגעלע האט אויפגעהערט צו עסן.

ווי נאר די מאמע האט דערלאנגט דאס עסן, האט זי פארלאזט די שטוב, אדער געזאגט, אז דער קאפ טוט איר ווי . . .

אזוי זענען אוועק טעג און פייגעלע האט זיך אלץ געהאלטן ביים איריקן... מער ווי אביסל וואסער אדער מילך האט זי נישט פארזוכט, ביז די מאמע האט זיך אמאל ערנסט איינגעקוקט אין איר פנים און דערזען שפורן פון אן ערנסטער קראנקהייט.

זי איז מיט איר גלייך אוועק צום דאקטאר, וועלכער האט באלד אויסגע־פונען, אז דאס הארץ איז ביי פייגעלען זייער שוואך, און אנגעזאגט דער מאמען, אז זי זאל אויף איר גוט אכטונג געבן, ווייל עס איז נישט קיין קלייניקייט.

די מאמע האט זי גלייך אריינגעלייגט אין בעט און פייגעלע איז אויף אן אמת שטארק קראנק געווארן.

זי האט שוין אפילו יא געוואלט עסן, אבער זי האט שוין נישט געקענט. עס איז געוועזן צו שפעט. זי איז געווארן שוואכער און שוואכער יעדן טאג און דער דאקטאר האט אויפגעגעבן יעדע האפנונג.

זי האָט געאָטעמט מיט אירע לעצטע כחות. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען פֿון איר בעט נישט אָפּגעטרעטן, בייטאָג און ביינאַכט האָבן זיי איבער איר געוואַכט.

דער דאָקטאָר האָט זיי פֿאַרבאָטן צו וויינען אין איר קעגנוואַרט, ווייל עס איז פֿאַר איר זער שעדלעך.

דער טאַטע האָט זיך באַמיט און געשטאַרקט, צוזאַמענגענומען זיך, כדי אָפּצוהיטן דעם דאָקטאָר'ס באַפֿעל. אָבער די מאַמע האָט זיך נישט געקענט באַהערשן, און ווען פֿייגעלע איז געשלאָפֿן, פֿלעגט זי וויינען שטילערהייט, באַגיסן דאָס קישן מיט הייסע טרערן.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט און פֿייגעלע איז נאָך אַלץ געלעגן צווישן לעבן און טויט.

ווי אַ קליין, אומשולדיק שעפֿעלע איז זי געלעגן אויפֿן ווייסן קישן, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און שוואַך געאָטעמט, פּונקט ווי זי וואָלט שוין אין זיך קיין פֿונק לעבן נישט געהאַט.

נאָר פּלוצלונג האָט זי געעפֿנט צוויי קאַלטע, גלעזערנע אויגעלעך און גע־קוקט אויפֿן טאַטען און באַלד אויף דער מאַמען, וועלכע זענען כמעט געלעגן אויף איר האַלב־טויטן קערפּערל . . . זי האָט געקוקט, פּונקט ווי זי וואָלט עפּעס געטראַכט ביי זיך, עפּעס געפֿאָדערט . . . אָבער נישט געפֿינענדיק דאָס וואָס זי האָט געזוכט, האָט זי זיך פּלוצלונג מיט אירע לעצטע אָנגעשטרענגטע קרעפֿטן אַ האַסטיקן וואָרף געטון. דער פֿאָטער און די מוטער האָבן זי אַרומ־גענומען און געקושט. זי האָט זיי ווידער צוגעוואָרפֿן עטלעכע שטומע, קאַלטע בליקן . . .

זיי האָבן אין דעם מאָמענט דערפֿילט, אַז זי איז אַ פֿאַרלוירענע, אַז באַלד, באַלד, וועט זי פֿון זיי אַוועק אויף אייביק.

זיי האָבן זיך מער נישט געקענט באַהערשן און זיך שרעקלעך צעוויינט אויפֿן קול —

נאָר פֿייגעלע האָט שוין זייערע טרערן נישט געזעען. זי האָט בלויז גע־הערט, געהערט דעם טאַטען מיט דער מאַמען וויינען . . .

מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל אויף די שוין האַלב אויסגעקרומטע ליפּעלעך און מיט אַ שוואַכן ציטער האָט זי איר יונג, געמאַטערט לעבן אויסגעלאָשן.

חתונה געמאַכט אַ טאָכטער...

אונזערע נייע שכנים, וועלכע האָבן זיך נישט לאַנג צוריק אַריינגעצויגן אין אויבערשטן פלעט, זענען זייער שטילע, פיינע און בכבוד'יקע מענטשן כל זמן זיי שווייגן . . . נאָר ווען זיי הויבן אָן זיך צו קריגן, מאַכן געוואַלדן און אַרויסגיין פון די כלים, ווי מען זאָגט ביי אונז יידן, זענען זיי שוין גאָר קיין שטילע נישט . .

אַ יונג פּאָר־פאָלק זענען זיי, נישט לאַנג נאָך דער חתונה און טראָץ דעם מאַנגל אין דירות איז דאָס שוין זייער זעקסטע וואוינונג.

בעסים מאַמע (דאָס יונגע ווייבל הייסט בעסי), האָט מורא באַקומען, אַז איר טאָכטער זאָל חלילה נישט פאַרזיצן ביז אין גרויען עלטער, האָט זי גענומען דעם ערשטן בעסטן בחור, וואָס האָט געזאָגט „יאָ" און אויף גיך, מען זאָל איר דעם אוצר נישט אויסכאַפּן און נישט אַכטנדיק דערויף וואָס ער איז נישט קיין פאַרדינער, געשטעלט אַ חופה . . .

מילא, אַ חתונה האָט מען געפּראַוועט, ווער צו גאָט האָפט, אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט דעם חתנ'ס מאַמע. אויב נישט, איז זי גרייט אָפּצולאָזן דעם שידוך . . . און היינטיקע צייטן, אַז אַ חתן'ס מאַמע זאָגט, איז טאַקע געזאָגט און נישט געפאָנפעט ! . . .

פאַרשטייט זיך, אַז קיין געלט אויף אַזעלכע חתונה־הוצאות איז נישט געווען, ווייל בעסים טאַטע, דער בייגל־בעקער, זיצט מער אין דער יוניע ווי אין דער בעקעריי און מאַכט מער דאָמינאָס ווי בייגל . . . אָבער וואָס טוט נישט אַ יידישע מאַמע, כדי חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער און האָבן אַביסל נחת ? . . . האָט זי אויפגעזוכט עטלעכע רייכע לאַנדסלייט, פאַר זיי געעפנט איר שווער מוטער־האַרץ און געבעטן אויסבאָרגן אַביסל געלט ביז נאָך דער חתונה, אין זינען האָבנדיק די צאָלרייכע געלט־פּרעזענטער, וואָס וועלן זיכער אַריינקומען אַלס חתונה מתנות . . .

די רייכע לאַנדסלייט האָבן איינגעזען, אַז דער פּלאַן איז אַ גאַנץ פּראַקטישער, זיי וועלן דערביי גאָרנישט פאַרלירן, העלפנדיק אַן אָרימער לאַנדספרוי חתונה־צו־מאַכן אַ טאָכטער און, בינו לבינו, אויך פאַרדינען אַ גרויסע מצוה, האָבן זיי לאַנג נישט געטראַכט און איר אויסגעבאָרגט דאָס געלט אפילו אָן פּראָצענט . . .

די געבעטענע געסט אָבער האָבן אַנדערש געטראַכט· זיי האָבן איינגעזען, אַז היינטיקע צייטן, ווען די פּראָפיטן זענען נישט אַזוי גרויס ווי בשעת דער מלחמה — פון יעדע הונדערט פונט איז געוואָרן נישט מער ווי בידנע ניינציק וועט עס קאָסטן פיל ביליקער צו שיקן אַרטיקלען אָנשטאָט טשעקס ; און נאָך

אַ זאַך, דער טשעק זאָגט גלייך אויס וויפיל ער האָט די ווערט, דער אַרטיקל אָבער נישט . . . און אָט אַזוי האָבן זיי טאַקע געטון . . .

די לעצטע עטלעכע טעג פאַר דער חתונה האָט זיך די טיר ביי דער כלה'ס עלטערן ממש נישט פאַרמאַכט ; מען האָט געהאַלטן אין איין טראָגן פעקלעך . . .

אַ טיי־סערוויז, אַ דינער־סערוויז, מעסער־גאָפל, גלעזערנע וואַזעס, שפיגלען, עלעקטרישע לאָמפן, מעשענע לייכטער, אַ ראַדיאָ און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן זיך געקויפט אָן קופאָנען. צום לעצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה זייגערס : גרויסע, קליינע, מיטלע ; וועק־זייגערס און סתם זייגערס פון אַלערליי סאָרטן און קאָלירן . . .

דער כלה'ס מאַמע איז עס פשוט געגאַנגען אין לעבן. טיף אין האַרצן האָט זי די געסט קיין גוטס נישט געוואונשן, מחמת זיי קומען איר אָפעסן די ביינער כמעט פאַר אומזיסט . . . אָבער פאַרפאַלן, זי האָט נעבעך איינגע־זען, אַז פון איר מאַנ'ס קליינע פאַרדינסטן וועט זי מוזן אָפצאָלן די גרויסע חובות.

די חתונה איז צוגעגאַנגען אויפן שענסטן אופן און דעם חתנ'ס טאַטע־מאַמע האָבן מקבל נחת געווען.

אויף צומאָרגנס, ווען דאָס יונגע בעל־הבית'ל איז אויפגעשטאַנען, איז ער גלייך אַוועק אויף זיין „רעגלאַר דזשאָב". ער האָט אויפגעזוכט זיינע חברים, די ספאָרטסלייט, און געבעטן, אפשר האָט ווער פון זיי אַ „טיפ" פאַר אַ זיכערן „ווינער" . . . ווייל ער האָט אַ ווייב און מוז איר געבן פרנסה . . .

מיט עטלעכע וואָכן שפעטער האָט בעסיס מאַמע חרטה באַקומען אויפן שידוך . . . זי האָט געהאַט איין טענה, אַז דער איידעם געפעלט איר נישט ; אַז ער וויל נישט אַרבעטן, שלאָפט האַלבע טעג און קען דעריבער קיין לעבן נישט מאַכן. זי האָט זיך גענומען בעטן ביי דער טאָכטער :

— בעסעלע, מיין קינד, פאָלג מיך און לאָז איבער דעם תכשיט דיינעם, דעם פוילענצער. קום אַהיים, וועסט גיין אַרבעטן און מיר העלפן אָפצאָלן די חובות וואָס דיין חתונה האָט מיר אָנגעמאַכט.

אָבער די טאָכטער האָט דערפון אַפילו נישט געוואָלט הערן. זי האָט געבעטן אַז די מאַמע זאָל זי לאָזן צורו, נישט מישן זיך אין אירע ביזנעס און מיט איר מאַן ווייסט זי שוין אַליין וואָס זי האָט צו טון.

נאָר אַזוי ווי עס זענען אַוועק נאָך עטלעכע חדשים, און ער האָט נאָך אַלץ קיין אַרבעט נישט באַקומען, אַפילו זיינע בעסטע פריינד, די פערדלעך, האָבן אים אויך אָנגעהויבן צו איגנאָרירן, האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע צאַנקערייען צווישן יונגען פאָר־פאָלק . . .

זי האָט אָנגעהויבן שרייען אויף אים און האָבן פרעטענזיעס ; געסטראַ־שעט אַז זי וועט אים פאַרלאָזן. זי וועט גיין צוריק צו איר מאַמען, אים אָנ־קלאָגן פאַר אַ גט און ער וועט זי מוזן אי באַפרייען, אי „סופאָרטן" . . . ווייל ער האָט מיט איר חתונה געהאַט כדת משה וישראל — אַ פאַקט, וואָס ער

קען נישט לייקענען, ווייל איר מאמע קען דאס באווייזן מיט דער כתובה, וועלכע זי טראָגט אַרום אין בוזעם. . .

האָט ער געשריגן נאָך העכער און באוויזן, אַז ער האָט קיין מורא נישט פאַר איר, נישט פאַר איר מאַמען און אַ גט וועט ער איר געבן מיטן שענסטן פאַרגעניגען, ווייל ער ווייסט, אַז אויב זי וועט אים באַפרייען, וועט ער אַ בעסערן שידוך טון, אפשר מיט אַ גרויסן נדן. אַזוי אַרום וועט ער קענען ווערן אַ „בוקי״ פאַר זיך און דאַן וועט ער זיכער האָבן פרנסה בכבוד גדול....

דאָס האָט זי נאָך מער אויפגעבראַכט. האָט זי אים גענומען זידלען. זיך אַלץ געשאַרט נענטער צו אים און אים גענומען וואָרגען, אַז אויב ער וועט אויפהויבן אַ האַנט, וועט זי רופן אַ פּאָליסמאַן און אים לאָזן איינזעצן פאַר שלאָגן אַ פרוי. . .

האָט ער געענטפערט, אַז ער פייפט אויף איר מיטן פּאָליסמאַן. מען קען אים נישט איינזעצן אין תפיסה, ווייל ער איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט און האָט געקעמפט פאַר פרייהייט . . .

ווען זי האָט איינגעזעען, אַז אַלע סטראַשונקעס און פּראָטעסט וועלן נישט העלפן, האָט זי זיך גענומען באַנוצן מיט שאַרפערע מיטלען ; מיט וואַרפן אים טעלער, שיסלען, וואַזעס, און אַנדערע כלים, וואָס האָבן נישט אויסגעפעלט אין שטוב, אַדאַנק די חתונה־פּרעזענטער.

נאָר צום מיינסטן האָט מען זיך אין אַזאַ פאַל באַנוצט מיט די זייגערס, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַלע ווינקלען ווי ספּעציעל פאַר דעם צוועק ; מחמת זיי, די זייגערס, נעמען זיך אַן גאַנץ לייכט און וואַרפן זיך געשיקט. כאַפּט זי איינעם פון „מאַנטל־פּיעס״, וואַרפט ער איר דעם וועק־זייגער. זי — אַ דריטן פון טיש, ער אַ פערטן פון דער קאָמאָדע. די מלחמה האַלט אַן אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז זי קריגט אַן אונטערגעהאַקט אויג און ער — אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ . . .

שכנים ווילן דאָס נישט ליידן. קלאָגט מען זיי אַן צום לענדלאָרד, וואַרפט ער זיי אַרויס. זענען זיי אָבער אַזוי מזל׳דיק אין דעם פּרט, אַז באַלד באַקומען זיי אַ נייע דירה און עס הויבן זיך ווידער אָן די אַלטע צרות . . .

איינמאָל האָט זיך מיר פאַרגלוסט מאַכן שלום צווישן זיי, בין איך אַרויף מיט אַ גוטער כוונה, נאָר אַזוי ווי איך האָב געעפנט די טיר האָב איך גלייך געכאַפּט דעם בעסטן זייגער אין פנים אַריין . . .

די שטוב האָט אויסגעזעען פּונקט ווי נאָך אַ פּאָגראָם, און זיי ביידע — ווי צוויי פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן אויפן שלאַכטפעלד. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן און בין קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

נאָר זינט די לעצטע עטלעכע וואָכן איז, אַ דאַנק גאָט, געוואָרן שטיל אין הויז. דאָס לעבן האָט ביי זיי אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג און זיי לעבן זיך ווי שטילע צוויי טויבן, קיין עין־הרע !

דער שטילשטאַנד נעמט זיך דערפֿון וואָס זיי זענען ביידע ברוגז .... דעם גאַנצן טאָג זענען זיי צעשיידט. ער — ביי זיין מאַמען און זי — ביי איר ער... אָבער צוועלף ביינאַכט קומען זיי דאָך אַהיים און דאָס באַווייזט, אַז טראָץ אַלע צאַנקערייען זענען זיי דאָך מאַן און ווייב, ווי גאָט האָט געבאָטן...

און לויט ווי איר מאַמע האָט מיר לעצטנס פֿאַרטרויט אַ סוד, וועט זי באַלד האָבן נחת פֿון איר טאָכטער און זי בעט ביי גאָט, עס זאָל זיין אַ מיידעל, — אַ נאָמען נאָך איר מאַמען...

אונזער נייער פּראָבלעם

(אַ לאָנדאָנער פעליעטאָן)

צו די אַלע שווערע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס בעשעפטיקן זיך איצט די פירער פון דער וועלט, זענען, ווי צו עקאָנאָמיזירן, פאַרלייכטערן דעם צושטאַנד פון דער מענטשהייט, ווי צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות, וועלכע ווישן כמעט אָפּ גאַנצע לענדער און פעלקער, ווי פּטור צו ווערן פון אונזערע שונאים די פאַשיסטן . . . ווי צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג, טראַץ די קליינע צאָל געבורטן, און נאָך און נאָך פּראָבלעמען אַזעלכע, פון וועלכע איך וואָלט געקענט אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל ; צו אַט די אַלע פּראָבלעמען איז לעצטנס צוגעקומען נאָך זייער אַ וויכטיקער פּראָבלעם, פון וועלכע מיר ליידן שטאַרק אין די לעצטע יאָרן, זינט די וועלט האָט גענומען „פּראָגרעסירן" מיט איר ציוויליזאַציע . . . אין אַט דעם וויכטיקן פּראָבלעם האָבן אונזערע וועלט־פאַרזאָרגער אין גאַנצן פאַרגעסן און אים איבערגעלאָזט אויף די הענט פון יחידים, זיך מיט אים צו באַשעפטיקן. . .

און דער פּראָבלעם איז : — וואָס טוט מען מיט אַ מאַמען ווען זי ווערט אַלט ? . . .

פון וואַנען זשע מיינט איר נעמט זיך צו מיר אַט דער פּראָבלעם ? נישט חלילה פון שטודירן די פראַגע, אויך נישט פון עוסק זיין מיט איר בפועל ממש, אפילו נישט מיט דער כוונה צו שרייבן אַ פעליעטאָן אויף דער טעמא . . .

זי איז אָבער אויך נישט אַנטשטאַנען פון זיך אַליין, „אָה, נאָו !" אַזעלכע געניאַלע איינפאַלן קומען נישט צו מיר גלאַט אין דער וועלט אַריין. דאָס גיב איך אייך איבער אַ טענה, וועלכע מיינס אַ באַקאַנטער האָט פאַר מיר אוועק־געלייגט אין אַ רעסטאָראַן אינמיטן ווייטשעפּל . . .

צו יענער צייט בין איך מיר געזעסן רואיק, איינע אַליין ביי אַ טישל, און געלייענט אַ צייטונג, ווען פּלוצלונג האָב איך דערפילט אויף זיך צוויי שווערע הענט מיט אַן אויסרוף פון אַ גראָבער, באַסאָווער שטימע :

— האַלאָ, אייך דאַרף איך האָבן . . .

איך האָב אויפגעהויבן מיין קאָפּ און דערזעען פאַר זיך אַ באַקאַנטן יידן, דעם ברייט־ביייניקן און פול־בייכיקן אַלריטניק, וועלכער האָט אַמאָל געהייסן משה גאָלדשטיין און רופט זיך היינט מאָרים גאָלד . . . אַ זאַט אָנגעפרעסענער, נאָך אַ פעטן מיטאָג, האָט ער זיך נעבן מיר אַוועקגעזעצט און דווקא געוואָלט, אַז איך זאָל אים אַן עצה געבן.

— איך וויל ביי אייך עפּעס פרעגן. איר זייט דאָך אַ שרייבער, און איך ווייס, אַז איר קומט זיך צונויף יעדן טאָג ביים טיש מיט אינטעליגענטע, קלוגע מענטשן: מיט רעדאַקטאָרן פון אַלערליי „פּייפּערס", מיט שרייבער, דיכטער און אַנדערע . . . פאַרשטייט איך, אַז איר האָט פון זיי געלערנט אַביסל חכמה . . . דערפאַר וועט איר מיר קענען ראַטן צום בעסטן און מיך קענען געבן אַ „פּראָפּער אַנסער צו מיין קוועשטשן" . . . קודם כל האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַ גוטן ציגאַרעט פון זיין גאָלדענער פּושקע, — מיר האָבן פאַררויכערט און ער האָט דערציילט:

— מיין מאַמע, — זאָגט ער, — וואוינט שוין ביי מיר סינס די לעצטע צוואַנציק יאָר, אונבאַשריען . . . און „מיינד יו" עס האָט איר ביי מיר קיין זאַך נישט געפעלט. ס'איז אמת, אַז זי האָט שווער געאַרבעט, געהאָלפן מיין ווייב אין הויז, געהאָלפן דערציען מיינע קינדער. זי האָט מיר אָוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס איז פאַרבליבן נאָך מיין טאַטענ'ס טויט, עליו־השלום, און מיר זענען אַלע געווען „סאַטיספייד" . . .

אָבער די לעצטע פּאָר יאָר איז זי מער נישט די זעלבע ווי געווען, און מיר האָבן גרויסע צרות פון איר. אירע אויגן זענען געוואָרן שוואַך. זי זעט נישט אַזוי גוט ווי פריער און דערפאַר קען זי מער גאָרנישט טון אין הויז, און מיין ווייב האָט געמוזט אַריינגעמען אַ דינסט. דאָס איז אַן אומזיסטע „עקספּענס" און זי גייט אַרום שטאַרק ברוגז אויף דער מאַמען . . .

די מאַמע קען עס נישט ליידן. נעמט זי עפּעס טון איז נאָך ערגער. עס פאַלט איר פון די הענט, צעברעכט דאָס געשיר, וואָס איז היינט שווער צו באַקומען; פאַרגיסט די מילך, לאָזט אַראָב די בייבי און פאַלט אַליין אַראָב פון די טרעפּ . . . עס ווערט אַ געוואַלד, אַ געפילדער, די קינדער דערשרעקן זיך, מיין ווייב צינדט זיך פון כעס. מען שיקט רופן אַ דאָקטאָר, הייסט ער דער מאַמען ליגן אין בעט . . .

נו, דאָס וואָלט שוין געווען אַלרייט; זאָל זי ליגן געזונטערהייט . . . איז אָבער פאַראַן אַן אַנדער „סטאָרי": מיין פרוי דאַרף זי באַדינען. און אַז אַ שנור באַדינט אַ קראַנקע שוויגער, ווייסט איר דאָך שוין וואָס עס טוט זיך... נאָר איך מיש זיך נישט, נישט מיינע ביזנעס . . .

די וועלט זאָגט אַ ווערטל, אַז וואָס עס ווערט אַלט, דאָס טויג נישט מער. און דאָס איז „קווייט רייט". אָבער צו אַלע אַלטוואַרג איז דאָ אַ מיטל . . . נעמט „סופּאָזינג" אַ פּאָר אַלטע שיך, לאָזט מען זיי פאַרריכטן; אַן אַלטן „סוט" פאַרקויפט מען; אַלטע ברויט שענקט מען אַוועק אַן אָרימאַן; אַן אַלטע מויד מאַכט מען חתונה (אויב מען קען...), אַן אַלטן חוב פאַרלייקענט מען; אַן אַלטע שוויגער וואַרפט מען אַרויס; אָבער מיט אַן אַלטער מאַמען איז מען אומגליקלעך! עס איז פּשוט נישטאָ וואָס צו טון מיט איר. . . .

נישט מען קען זי פאַרריכטן, נישט פאַרקויפן, נישט אַוועקשענקען, נישט חתונה מאַכן, נישט פאַרלייקענען און נישט אַרויסוואַרפן! מיט איין וואָרט, מע מוז זיך האַלטן מיט איר אַזוי לאַנג ווי גאָט וויל, און נישט ווי מיר ווילן!

און ווי איז נאָך די „קעים", אַז איך האָב זי „אינשורט" אויך? איך צאָל און צאָל אָן אַ סוף און אָן אַן עק . . . ווי לאַנג איז דער שיעור צו צאָלן, איך בעט אייך? . . . דער „עקספּענץ" היינטיקע צייטן איז זייער גרויס. איך מיין, אַז איך דאַרף אייך נישט אויסרעכענען, מן הסתם ווייסט איר וואָס עס קאָסטן היינט פּעטע „טשיקנס", אַביסעלע גוטע ברענדי זיך דאָס האַרץ צו דערכאַפּן... עטלעכע דאַזן אייער און נאָך אַזעלכע זאַכן, וועלכע מען מוז האָבן. אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף דאָך עסן! . . .

מיין ווייב אַ טייערן פּער־קאָוט האָב איך געמוזט קויפּן, די שכנים אויף להכעיס. אַרויספּאָרן אויף אַ האָלידעי מוז מען אויך . . . ווייל וועלכער אַנשטענדיקער מענטש פּאָרט עס נישט היינטיקע צייטן? טאָ ווי קען איך זיך נאָך דערלויבן צו צאָלן אינשורענס אויך פּאַר אַן אַלטער מאַמען? אָבער איך צאָל כסדר שוין יאָרן לאַנג. מילא, טראַכט איך, אַמאָל וועל איך דאָך אויפהערן צו צאָלן . . . איך האָב זי פאַרזאָרגט מיט אַ פיינעם סיט אין שול, און געקויפּט אַ שטיקל ערד אויף „עדמאָנטאָן", אָבער ביי איר איז קיין זאַך נישט אָנגעלייגט און זי האַלט אין איין „גראַמבלען" . . .

איי, איר וועט מיר זאָגן, אַז זי האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט, געליטן פון מיר און זיך געמוטשעט ביז זי האָט מיך דערצויגן, זעט איר דאָס זענען פוסטע נאַרישקייטן; „דעטס נאַטינג"! איבערהויפּט איז עס דאָך שוין אַן אַלטע מעשה מיט אַ לאַנג טיים צוריק. איך האָב עס שוין לאַנג פאַרגעסן... און די מאַמעס דאַרפן אויך זיין מענטשן מיט „סענץ" און נישט פאַרלאַנגען, אַז די קינדער זאָלן זיי אָבצאָלן פּאַר יעדער קליינינקייט . . .

און נאָך אַ זאַך. הערט אַ חוצפה פון אַן אַלטער מאַמען. קריסמעס האָב איך געמאַכט אַ פּאַרטיע פּאַר מיינע פרענדס. צוגעגרייט פון אַלעם גוטן: אַ קריסמעס בוים פאַר די קינדער, אַ געבראָטענעם אינדיק פאַר די געסט, און אַזוי ווי מיר זיצן אַלע אַרום טיש און פאַרברענגען פיין, די קינדער טאַנצן, דער גראַמאָפאָן שפּילט אַ רעקאָרד פון חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט, וועלכן איך האָב ליב צו הערן, מאַכט זיך פלוצלונג אויף די טיר און זי איז אויך דאָ . . . וויל אויך זיין צווישן מענטשן, זאָגט זי! און מיט אירע „אָלד פעשען מענערס", און מיטן שייטל אויפן קאָפּ, הויבט זי אָן רעדן אַ צובראָכענעם ענגליש מיט מיינע פריינט . . .

אין מיר קאָכט דאָס בלוט פון שאַנדע, און מיין ווייב גייט עס פּשוט אין לעבן. גיי איך צו און בעט זיך ביי איר אין דער שטיל, „מאַמע" פאַר „גאָדס סעיק", גיי אַרויס פון דאַנען, איך שעם זיך . . . אָבער זי וויל דערפון נישט הערן. נעמט און זעצט זיך אַוועק צווישן די געסט און טו איר עפּעס....

ווערט מיין ווייבל שטאַרק אויפגעבראַכט און הויבט זיך אָן קריגן מיט איר. דאָס האַלט אָן אַזוי לאַנג ביז מיינע פריינט גייען זיך פאַנאַנדער, אָן אַ זיי געזונט, און מיין קריסמעס פּאַרטיע, וועלכע האָט מיך געקאָסט אַזוי פיל געלט ווערט צעשטערט, און אַלץ צוליב מיין אַלטער מאַמען . . .

איצט, אַז איר האָט שוין געהערט אַלע צרות, וועלכע איך שטיי אויס פֿון איר, זייט זשע אַזוי גוט און גיט מיר אַן עצה . . .

איך האָב אים אָנגעקוקט און געשוויגן אַ ווײַלע.

— וואָס זשע, איר האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן? — האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט פֿאַרדרוס. — צו וואָס זשע האָב איך אײַך באַדאַרפֿט דאָס אַלץ דערציילן?

— צו זאָגן, האָב איך שוין גראַדע יאָ, און אַ סך צו זאָגן, אָבער איך וועל עס מאַכן פּראַקטישער און אײַך שרײַבן אַ בריוו וואָס איך דענק וועגן אײַער פּראָבלעם...

שרײַבן, פֿאַרשטייט איר מיך, איז לײַכטער ווי זאָגן . . .

איך זי און ער !...

הגם איך וועל דערפון קיין גרויסן כבוד נישט האבן, האב איך דאך באשלאסן, איך צו דערציילן וועגן א פאל, וואס איז ביי מיר פארגעקומען. אבער איך בעט אייך, אזוי ווי דאס איז א פאמיליען סוד, זאל עס בלייבן צווישן אונז . . .

איך, זי און ער זענען מיר דריי. דאס הייסט צווי פרויען און איין מאן. און וואס פאר א רעזולטאטן מען קען דערווארטן היינטיקע צייטן דארט, וואו עס האנדלט זיך פון צווי קעגן איינעם, דארף איך אייך מן הסתם נישט זאגן, ווייל יעדער מענטש און בפרט יעדע פרוי, וועט עס פארשטיין . . .

אבער צווישן מיר און מיין קאנקורענטקע איז פאראן א גרויסער אונטערשייד, וועלכער איז דער הויפט־פאקטאר פון מיינע צרות.

זי, למשל, איז א הויכע, א בלאנדע; איך — א שווארצע, א דארע. זי — א פעטע, א געזונטע. איך — אן איידעלע, א שוואכע . . . זי עסט גערן שאקאלאדע; איך — הערינג מיט ברויט. זי איז נאך א מויד א פרייע; איך — שוין א מאמע פון קינדער. זי האב ליב צו שלאפן שפעט; דאס גראדע האב איך אויך ליב, אבער איך מוז אויפשטיין פרי.

אט דאס איז דער אונטערשייד צווישן אונז ביידע.

ער, מיין מאן, זעט דאס אפנים אויך און, ווי עס ווייזט זיך ארויס, געפעלן אים אירע מעלות בעסער ווי מיינע חסרונות. א סמן האב איך, אז ער איז מער ביי איר ווי ביי מיר. טראץ דעם וואס ער האט מיר געשוואוירן אונטער דער חופה.

ווי לאנג זי איז נישט אונטערגעקומען איז ער געווען גאנץ צופרידן מיט מיר און מיט זיין מזל. ער האט קיינמאל זיך נישט באקלאגט, נאר גלייך פון דער ערשטער מינוט זינט ער האט זיך מיט איר באקענט, האט אים אויפגעהערט צו געפעלן מיין בראדיווקע אויף דער לינקער באק, וועלכע ער האט אמאל געהאלטן פאר א חן פינטעלע . . . ער האט ערשט אויסגעפונען, אז איין האנט איז ביי מיר אביסל לענגער ווי די צווייטע . . . און אז איין אויג זעט ביי מיר בעסער ווי דאס אנדערע . . . עס האט אים אויפגעהערט צו געפעלן מיין געשמאק אין קליידן זיך. און אז איך טו זיך אן שבת מיינע שענסטע מלבושים, צו גיין מיט אים אביסל שפאצירן אין ווייטשעפל, און קויף זיך א ספעציעלן נייעם הוט, כדי אים צו געפעלן,

זאָגט ער, אַז איך זע אים ווי זיין עלטער באָבע און אַז מיין הוט זעט אויס ווי אַ גאָרטן, אויף וועלכן עס וואַקסן אַלערליי קרייטעכצער און גיט צו, אַז ער שעמט זיך מיט מיר צו גיין אין גאַס . . .

אויך דאָס עסן געפעלט אים נישט מער, אפילו די בעסטע מאכלים מיינע, פון וועלכע ער פלעגט ממש לעקן די פינגער, האָבן מער קיין טעם נישט.

די קינדער טרייבט ער פון זיך און מיט מיר האָט ער פשוט נישט וואָס צו רעדן. גאַנצע נעכט פעלט ער אין שטוב און אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער בלייבט שוין יאָ אין דער היים, בעט ער זיך אויס אין דער קיך, ווייל ער האָט אויסגעפונען, זאָגט ער, אַז דאָס שלאָף־צימער איז צו ענג און נישטו גענוג לופטיק פאַר צוויי מענטשן . . .

יעדע וואָך רייסט ער מיר אָב פונם געלט, וואָס ער גיט מיר און איך האָב נישט גענוג, געמוזט אַוועקשיקן די דינסט, וועלכע איז ביי מיר געווען לאַנגע יאָרן, און איך מוז אַליין טון די גאַנצע הויז־אַרבעט, כדי איינצושפּאָרן אַ שילינג.

עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס איז מיר פשוט שווער אַדורכצוקומען מיט דעם וואָס ער גיט מיר. און איך דערקלער אים די זאַך און בעט ביי אים ער זאָל מיר געבן מער, אָבער ער שווערט ביי זיין געזונט, אַז ער האָט נישט און וויל דורכאויס, אַז איך זאָל אים גלויבן . . .

נו, פרעג איך אייך, ווי גלויבט מען דאָס נישט אַן אייגענעם מאַן? נאָך דערצו ווען ער שווערט? . . . און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך טאַקע איבערצייגט, אַז ער האָט מיר קיין ליגן נישט געזאָגט . . .

אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז ער אַרומגעגאַנגען שטאַרק צוטראָגן, אַלעמען געטריבן פון זיך, אפילו דאָס אָרימע קעצל איז אים געווען אין וועג און ער האָט זיך אין דעם נוקם געווען . . .

אַ נערוועזער האָט ער שפּאַצירט אַרויף און אַראָפּ, נישט געוואָלט עסן. איך האָב מורא באַקומען פאַר אים. עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ געשראָקן. ווער ווייסט? אפשר איז ער, חלילה, קראַנק געוואָרן. איך האָב אויף אים געקוקט מיט רחמנות און שטאַרק באַדויערט, אָבער מורא געהאַט אים עפּעס צו פרעגן.

ענדלעך האָט ער געכאַפּט זיין ראָק אויף די פּלייצעס, אָן אַ וואָרט שנעל אַרויס פון שטוב און צוליב אומפאָרזיכטיקייט האָט ער פאַרלוירן אַ בריוו.

אינם בריוו איז געשטאַנען אַזוי:

מיין ליבער, מיין האַרציקער!

איך דאַנק דיר טויזנט מאָל פאַר דער שיינער מתנה, וואָס דו האָסט מיר געקויפט און פאַר דעם פאַרגעניגען, וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט יענעם אָוונט, ווען דו האָסט מיך גענומען אין טעאַטער אַריין און שפּעטער צו סאַפּער. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דיינע קאָמפּלימענטן, וועלכע

דו האָסט מיר געמאַכט. און איך האָף, אַז דו וועסט אייביק בלייבן מיינער.

קום היינט פֿרי, געליבטער, און ברענג מיט אַ ניי, פֿריש שאַכטל שאָקאָלאַדע, ווייל פֿון יענער איז שוין כמעט נישט געבליבן. ברענג אויך מיט אַ שאַכטל ציגאַרעטן; די, וואָס איך האָב ליב. דו ווייסט שוין וועלכע איך מיין.

קום איך וואַרט אויף דיר מיט אָפֿענע אָרעמס און פֿאַרגעס נישט, נשמה מיינע, צו ברענגען דעם טשעק פֿאַר פֿינף און צוואַנציק פֿונט, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט. איך דאַרף דאָס געלט זער נייטיק. איך מוז באַצאָלן אַ חוב פֿאַר זיידענע זאָקן, קאָסמעטיקע און פּערפֿיום, וועלכע דו האָסט אַזוי ליב . . .

איך פֿאַרשטיי, טייערער, אַז דיר איז היינט שווער מיר צו שענקן אַזאַ סומע. אָבער איך ווייס, אַז פֿאַר מיר איז דיר קיין זאַך נישט שווער, ווייל דו ווייסט און פֿאַרשטייסט מיין הייסע ליבע צו דיר.

איצט, מיין טייערער, וועל איך ענדיקן.

מיט דער האָפֿנונג דיך באַלד צו זען, פֿאַרבלייב איך,

דיין דיך אימער ליבענדע,

ב.

פּ.ס.—פֿאַרגעס נישט דעם טשעק!"

אָט דער בריוו האָט מיך באַוויזן, אַז ער האָט געזאָגט דעם אמת. ער האָט טאַקע נישט. ער האָט נישט און דאַרף איר געבן און דערפֿאַר גייט ער אַרום אַזוי צוטראָגן נעבעך, ער האָט מורא, ווייל טאָמער, חלילה, גיט ער איר נישט דעם טשעק, קען זי אים נאָך צוריק שיקן צו מיר און דאָס וואָלט געווען פֿאַר אים דאָס גרעסטע אומגליק . . .

איך האָב באַקומען גרויס רחמנות אויף מיין מאַן. עס האָט מיר פּשוט צעבראָכן דאָס האַרץ און איך האָב אָנגעהויבן זוכן פּלענער און מיטלען אים צו העלפֿן . . . איך בין אַוועק צו מיינע פֿריינט און קרובים, געבעטן לייען אַ נויטיקן גמילות חסד און צוגעזאָגט אָפּצוגעבן מיט פּראָצענט . . .

נאָר אַזוי ווי יעדער איינער האָט מיר אָפּגעזאָגט, ביך איך געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן. איך האָב גענומען מיין דיאַמאַנטענעם רינג, וועלכער איז געווען מיין גאַנץ פֿאַרמעגן וואָס איך האָב געהאַט נאָך פֿון מיין חתונה, בין אַוועק אין „פּאַון שאָפּ" און אים פֿאַרזעצט פֿאַר דער סומע וועלכע מיין מאַנ'ס געליבטע האָט פֿון אים געפֿאָדערט.

ווען ער איז יענעם אָוונט אהיימגעקומען און זיך גענומען וואַרפֿן אויף זיין שטייגער, בין איך צו צו אים, דערלאַנגט דאָס געלט און געזאָגט:

— נאַ, טראָג עס איר אַוועק . . .

ער האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן און אַ פֿרעג געטון,

— דו ווייסט ? . . .

— יאָ, — האָב איך געזאָגט און דערלאַנגט אים דעם בריוו . . .

ער האָט דאָס געלט נישט גענומען. נאָר אָנשטאָט דעם געפאַלן צו מיינע פיס, מיך איבערגעבעטן און מיר פאַרזיכערט, אז ער וועט שוין פון היינט אָן זיין גוט צו מיר, און אז ער זעט ערשט איין וואָס פאַר א געטרייע פרוי איך בין צו אים.

יענע נאכט איז אים געווען קאַלט צו שלאָפן אין קיטשען, און ער איז אַרויף אין בעדרום.

איך האָב דאָס געלט פאָרזיכטיק אָוועקגעלייגט אונטערן קישן, מיט דער האָפנונג מאָרגן דעם רינג אויסצולייזן.

אָבער ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי איז שוין מיין מאַן אין הויז ניט געווען, ער איז פאַרשוואונדן און צוזאַמען מיט אים די פינף און צוואַנציק פונט . . .

אין דער פרעמד

(דערציילונג)

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען דער שטראָם פֿון יונגוואַרג האָט זיך אַ לאָז געטון עמיגרירן פֿון די קליינע, אָרימע פּוילישע שטעטלעך אין דער גרויסער וועלט אַריין. די יונגע בחורים'לעך האָבן דאָס געטון מיט דער צו־שטימונג פֿון זייערע עלטערן, כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט, וואָס האָט צו יענער צייט פֿאַרשאַפֿט גרויסע צרות אין יידישע הייזער; און דער עיקר, צו זוכן אַ תכלית. מיט יענעם שטראָם איז אויך מיטגעריסן געוואָרן דער העלד פֿון אונזער דערציילונג.

ער איז נאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען קיין פֿולע אַכצן יאָר און שוין איז ער אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זיינע ליבסטע, פֿון טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, צו וועלכע ער איז געווען צוגעבונדן מיט לייב און לעבן.

דעם טאָג פֿון זיין אָפּפֿאָרן האָט די מאַמע געגאָסן מיט הייסע טרערן, געבעטן גאָט, אַז ער זאָל איר קינד אָפּהיטן פֿון אַלעם בייזן, ער זאָל חלילה נישט אַראָפּ פֿון דרך הישר. יענעם טאָג איז איר מוטער־ליבע איבערגעגאַנגען פֿון אַלע קינדער צו אים אַליין, ווייל זי האָט געפֿילט, אַז אָט אָט פֿאַרלאָזט ער זי און איין גאָט ווייסט, צי זי וועט אים נאָכאַמאָל זען. זי האָט געפֿילט, אַז ער וועט איר פֿעלן אין יעדן ווינקל טראָץ דעם, וואָס די אָרימקייט און דחקות איז אַזוי גרויס און די ענגשאַפֿט — נאָך גרעסער.

ווען ער האָט געגעסן זיין לעצטן מיטאָג, האָט זי אירע אויגן פֿון אים נישט אַראָפּגענומען, פּונקט ווי זי וואָלט געוואָלט אים איינקריצן אין איר האַרצן און זכרון אויף אייביק. עטלעכע מאָל איז זי אַריין אין דער צווייטער שטוב, זיך גוט אויסגעוויינט, אַז ער זאָל נישט זען, אָפּגעווישט די טרערן, אָפּגעזיפֿצט, דאַן צוזאַמענגענומען אירע לעצטע כחות און אָנגעהויבן איינ־פּאַקן די זאַכן זיינע.

און איינגעפּאַקט האָט זי אַ סך, אַ סך גוטע זאַכן, כדי עס זאָל אים חלילה נישט חלש'ן דאָס האַרץ אונטערוועגנס. זי האָט אויך איינגעפּאַקט זיינע תפילין, אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אָפּהיטן יידישקייט וואו ער וועט נאָר זיין, דערפֿאַר וועט אים גאָט נישט פֿאַרלאָזן.

ער האָט זיך געזעגנט מיט דער מאַמען. זי האָט אים געקושט און ווידער געוויינט. ער האָט זיך געזעגנט מיט די שוועסטער און ברידער, אַ קוש געטון דער מאַמען און אַרויס פֿון שטוב מיטן טאַטען, וועלכער האָט אים באַגלייט צו דער באַן.

דעם גאַנצן וועג איז ער געגאַנגען פֿאַרטיפֿט אין מחשבות. אים האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַרשידענע בילדער, גוטע און שלעכטע, פֿון וועלכע ער האָט זיך אויף איין מאָמענט נישט געקענט אָפּרייסן. וואָס מער ער האָט זיך דערוווייטערט פֿון זיין היים, אַלץ בולטער האָבן די בילדער זיך באַוויזן פֿאַר זיינע אויגן.

אָט זעט ער זיך אַלס קינד אין חדר. ער לערנט מיט חשק, ער האָט אַ גוט קעפּל, זאָגט דער רבי. פֿון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער בן־תורה, אַ למדן, אַ שטאָלצער זון פֿון פֿאָלק ישראל. טאַטע־מאַמע גרויסן זיך מיט אים, יידן אין שטעטל זענען זיי מקנא. אָבער אָנשטאָט צו פֿאַרטיפֿן זיך אין גמרא, תוספות און אַנדערע הייליקע ספרים, האָט ער בשתיקה אויפֿגעזוכט און געלעזן ביכער איבער וויסנשאַפֿט, קולטור און ליטעראַטור, וועלכע האָבן אים שטאַרק געלאָקט. ער האָט געדורשט נאָך וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. אָבער אין זיין סביבה איז ער געווען באַגרענעצט און נישט געהאַט די געהעריקע מעגלעכקייט צו שטילן זיין דורשט, און מיט דעם אַרויסרייסן זיך פֿון דעם אָרימען, נעבעכדיקן, קליינשטעטלדיקן לעבן האָט ער פֿאַר זיך דערזען די מעגלעכקייט צו באַפֿרידיקן זיין פֿאַרלאַנג.

דעם גאַנצן וועג איז ער געווען אַזוי פֿאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט אפֿילו נישט געהערט וואָס דער טאַטע רעדט צו אים. דאָס גערויש פֿון אָנקומענדיקן צוג האָט אים ערשט אויפֿגעוועקט פֿון זיינע פֿאַנטאַזיעס און אים צוריקגעבראַכט צו דערווירקלעכקייט. אין דעם מאָמענט האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש אויף אַלע געביטן. ער האָט אַ נעם געטון זיין באַגאַזש און געוואָלט דאָס אַריינטראָגן אין וואַגאָן, כדי אַזוי אַרום צו באַווייזן, אַז ער נויטיקט זיך נישט מער אין טאַטענ׳ס הילף. אָבער ער האָט נישט פֿאַרמאָגט די געהעריקע כחות און דער טאַטע האָט אים דאָך געמוזט בייהילפֿיק זיין.

ביים געזעגענען זיך מיטן טאַטן האָט ער זיך שיר נישט צעוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט אויף גיך דערשטיקט זיינע טרערן, אַריין אין וואַגאָן און גלייך פֿאַרנומען זיין אָרט. נאָר ווי דער צוג האָט זיך גענומען באַוועגן און פֿאַרלאָזן די פּלאַטפֿאָרם, וואו זיין טאַטע איז געשטאַנען, זענען שוין די טרערן פֿריי געפֿלאָסן פֿון זיינע אויגן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָר וואָס האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ מאַן, און פֿאַר אַ מאַן פּאַסט נישט צו וויינען, האָט ער אויף גיך אָפּגעווישט די נאַסע באַקן, זיך געמאַכט באַקוועם און דער גורל האָט אים פֿאַרשלעפּט אין דער וויטער, אומבאַקאַנטע וועלט אַריין. און פּונקט ווי אַנדערע אין זיין מצב איז אויך אים אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען נאָך דעם טעגלעכן שטיקל ברויט.

ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ פֿאַך. אָבער זייענדיק אַ שוואַכער, האָט ער גאַנץ ווייניק געאַרבעט און נאָך ווייניקער פֿאַרדינט. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין דער גרויסער שטאָט און זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צום נייעם אָרט לעבן. ער האָט זיך געשאַפֿן אַ גרופּע פֿריינט מיט וועלכע ער

פלעגט אפט פארברענגען. ער איז געגאנגען אויף לעקציעס, רעפעראטן, איבערהויפט פלעגט ער זיין פרייע צייט פארברענגען אין לייענען און שטו־דירן. אויף זיין גייסטיקן מצב האט ער זיך נישט געהאט וואס צו באקלאגן, נאר זיין מאטעריעלע לאגע איז געווען זער א שווערע.

פילמאל פלעגט אים אויספעלן צו באצאלן דירה־געלט פארן קליינעם צימערל, וואו ער האט געוואוינט, און די בעל־הביתטע פלעגט אים אנטון גרויסע צרות.

אהיים פלעגט ער שרייבן אפט און אויך באקומען בריוו פול מיט ליבע און בענקשאפט. ביי אזא געלעגנהייט האט ער אויך אפט אן ערנסטן טראכט געטון וועגן זיי דארט, וועגן דעם שטעטל, וואו ער איז געבוירן און דערצויגן געווארן. ער פלעגט פאר זיך דערזעען די שיינע לאנדשאפטן, וואו ער האט פארבראכט זיינע קינדער־יארן און זיך געשפילט מיט חברים. דארט איז אלץ אזוי נאטירלעך, אזוי אמת'דיק, נישט נאכגעמאכט און פארשטעלט, ווי דא. דארט ווארימט די זון אזוי פריי, גלעט און לאשטשעט דאס געמיט, צערטלט מיט אירע שטראלן און דערווארימט די נשמה, פונקט ווי א מאמע, זיין מאמע. און דער וואלד מיט זיינע הויכע, גרינע סאסנע בוימער, וואס געפינען זיך ארום זייער שטוב, פלעגט פארשכור'ן ביז צום איינשלאפן. און איצט דאס זילבערנע טייכל, וואס דערציילט סודות פון פארליבטע פארלעך און ליכטיקע לבנה נעכט?

זיין פאנטאזיע צעשפילט זיך אלץ שטארקער און שטארקער, ער פילט זיין מאמעס צארטע האנט איבער זיין קאפ און זעט אירע בלאסע ליפן שעפטשן א געבעט צום הימל, און אים ווילט זיך אינדערעמתן אנשפארן זיין קאפ אויף איר הארצן. עס באפאלט אים א שטארקע בענקשאפט נאך אן אינטימען פריינט, וואס זאל אים פארשטיין און פאר וועמען צו קענען איבערגעבן זיינע געפילן מיט דער גאנצער באגייסטערונג פון דער נשמה זיינער. עס וואלט אים פארשאפט אזויפיל צופרידנקייט, אבער צום באדויערן פארמאגט ער נישט אזא פריינט צווישן אלע זיינע באקאנטע. קיינער פון זיי האט נישט קיין צייט און קיין געדולד אים אויסצוהערן, יעדער איז פארנומען מיט זיך, און אויב עס מאכט זיך ביי זיי א שטיקל פרייע צייט, גייען זיי ערגעץ וואו פאר־ברענגען און אמוזירן. צו אים אפעלירן נישט די אלע ביליקע פארגעניגענס, אים ציט צו עפעס בעסערס, אינטערעסאנטערס, ווי דאס טאג־טעגלעכע לעבן.

פלוצלונג באפאלט אים א פארלאנג אנצושרייבן אייניקע קאפיטלעך פון זיין לעבנס־געשיכטע. ער באשטימט גלייך אז דאס איז דער איינציקער מיטל. ער פילט שוין ווי זיין געדאנקענגאנג דיקטירט אים ווארט נאך ווארט, פראזע נאך פראזע; פאפיר איז געדולדיק און טאלעראנט — יא, אזוי וועט עס בלייבן.

און ער האט אנגעהויבן שרייבן.

יעדן אוונט, ווען ער פלעגט אהיימקומען פון דער ארבעט, האט ער זיך איינגעשלאסן אין זיין קליין צימערל, אוועקגעזעצט זיך ביים טישל און גע־

שריבן ביז אין דער שפעטער נאַכט אַריין. זיין באַגייסטערונג פאַר דער זאַך איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג, יעדעס מאָל פלעגט ער איבערלייענען די שוין אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך און געוווען גליקלעך פון זיין איינפאַל.

אַז ער האָט די זאַך געענדיקט האָט ער שוין לענגער נישט געקענט באַ־האַלטן דעם סוד און האָט פאַרטרויט זיינעם אַ פריינט וועגן דער אַרבעט. דער פריינט האָט אים געבעטן פאַרלייענען דעם מאַנוסקריפּט און נאָך דעם ווי ער האָט מיט ערנסט אויסגעהערט די ספור־המעשה, האָט ער אים געזאָגט, אַז די זאַך איז זער אינטערעסאַנט און אים געראַטן זיך צו ווענדן צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל בנוגע פאַרעפנטלעכן.

אַ לאַנגע צייט האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אָבער נישט געהאַט דעם מוט.

ענדלעך האָט ער זיך באַשלאָסן און איז אַוועק אין אַ רעדאַקציע. נאָכן איבערלייענען דעם כתב־יד האָט אים דער רעדאַקטאָר געזאָגט, אַז די דערציילונג איז גוט, אינטערעסאַנט און מיט אַ קליינער ענדערונג וועט ער זי פאַרעפנטלעכן און אים באַצאָלן האָנאָראַר. אַ גליקלעכער און פול מיט האָפנונג האָט ער פאַרלאָזן די רעדאַקציע און באַשלאָסן נאָך דעם זעלביקן אָוונט צו מאַכן די ענדערונגען.

ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער אַוועקגעלייגט דעם מאַנוסקריפּט אויפן טישל און איז אַרויס אין גאַס, זיך דורכגיין אַ ווײַלע. אפשר וועט ער באַגעגענען עמיצן פון זיינע באַקאַנט און זיי דערציילן פון זיין גליק.

צו יענער צייט האָט ער שוין עטלעכע וואָכן נישט געהאַט געאַרבעט. עס איז געוווען סלעק אין זיין פאַך אין אָט דער צייט פון יאָר. ער איז אויך שוין שולדיק געבליבן פאַר עטלעכע וואָכן דירה־געלט. די בעל־הבי׳טע האָט אים איינציקע מאָל דערמאָנט און ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז באַלד וועט ער באַ־קומען געלט און וועט איר שוין באַצאָלן מיט פּראָצענט. ער האָט אויך צו־געזאָגט אַז אין דער צוקונפט וועט ער איר דערלייגן און איר נאָך קענען אויס־באָרגן אויב זי וועט ווען . . .

די בעל־הביתטע האָט אָבער נישט געוואָלט וויסן פון דער צוקונפט און אים געגעבן אָנצוזאָגן, אַז ער זאָל זיך אַרויסציען, ווייל מיט דער דירה האָט זי קיין דאגה נישט . . . אָבער ער האָט זיך געבעטן, אַז זי זאָל נאָך וואַרטן כאָטש איינציקע טעג. נאָר עס האָט נישט געהאָלפן.

ווען ער איז דעם זעלביקן אָוונט אַהיימגעקומען איז אים פינסטער גע־וואָרן אין די אויגן. זיינע פאַר זאַכן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, זענען געלעגן פון יענער זייט טיר און אין זיין בעט איז געלעגן אַ פרעמדער מאַן און גע־שמאַק געשלאָפן.

אין אויוון האָט זיך געברענט אַ קליין פייערל, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן זיין מאַנוסקריפּט שוין האַלב פאַרברענט — די אַרבעט, וואָס האָט ביי אים אָפּגענומען אַזויפיל האַרץ און נשמה.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דער ערד נעבן פֿייער, פֿאַרבראָכן מיט די הענט, פונקט ווי מען זיצט שבעה נאָך אַ טייערן, האַרציקן פֿריינט. מיט ווייטאָק האָט ער צוגעזעען ווי דאָס פֿייערל פֿאַרצערט די צווייטע העלפֿט פֿון זיין צוקונפֿט, פֿון זיין פֿרייד און האָפֿנונג, פֿון זיין אַלץ ! . . .

אויפֿן פנים האָט זיך אים געגומען זעצן אַ שמערצהאַפֿטער אויסדרוק און פֿון זיינע אויגן האָבן זיך אַרויסגעקייקלט צוויי גרויסע טרערן . . .

מײנע גליקן !...

— איך דאַנק דיר, גאָטעניו ! — האָב איך אויסגערופֿן מיט גרויס פֿרייד, אויפֿהויבנדיק די הענט צום הימל, נאָכדעם ווי מען האָט מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז איך האָב געוואונען אַ גרויסע סומע געלט אויפֿן „פֿוטבאָל־פּול". עס איז מיר זייער גוט געוואָרן אויפֿן האַרצן און איך בין געווען זיכער, אַז דער רבונו של עולם האָט מער ניט געקענט צוזען מײנע צרות, האָט ער מיך אַרויסגעשלעפּט פֿון דלות און אַרײנגעשטויסן צווישן די מזל'דיקע... און מײן דײוועלע איז געווען דער שליח. ער פֿלעגט מיר יעדע וואָך דערגײן די יאָרן, און איך האָב געמוזט אויספֿילן דעם פֿאָרם . . . טראָצדעם וואָס איך פֿלעג זיך בעטן בײ אים ער זאָל מיך צורו לאָזן, ווײל איך האָב קײן צײט ניט צו אַזעלכע נאַרישקײטן . . . און איך האַלט ניט פֿון שפּילן . . . אָבער איצט ווען איך האָב געוואונען אַזוי פֿיל געלט, זע איך טאַקע אײן אַז עס איז שוין גאָרניט קײן נאַרישקײט . . .

קודם כל האָב איך אָנגעזאָגט מײנע קינדער קײנעם ניט מודיע צו זײן וועגן אונזער גליק, ווײל ווען מען וועט זיך דערוויסן וועגן דעם, וועלן, ערשטנס, אונזערע קבצנ'ישע שכנים קומען לײען אַ גמילות חסד, און די חוצפּה'דיקע בעלי חובות וועלן קומען מאָנען זײער געלט . . . דערפֿאַר האָב איך באַשלאָסן עס זאָל זײן שאַ, שטיל, און דאָס גליק זאָל בלײבן צווישן אונז . . .

ווען מײן מענדעל איז אַהײם געקומען בין איך אויף אים ניט אָנגעפֿאַלן ווי געוועגלעך, נאָר אָנשטאָט דעם בין איך אים געפֿאַלן אויפֿן האַלז, און גענומען קושן . . . ער, ניט זײענדיק צוגעוואוינט צו אַזאַ ברוך הבא, האָט זיך פֿאַר מיר שטאַרק דערשראָקן, און געמײנט אַז ניט אַנדערש נאָר איך בין חלילה אַראָב פֿון זינען, ווײל מיט אַ קלאָרן פֿאַרשטאַנד וואָלט איך אַזאַ זאַך זיכער ניט געטון . . . ער האָט צוגעלײגט זײן האַנט צו מײן שטערן, און געוואָלט שיקן נאָך אַ דאָקטאָר . . . עס איז מיר קוים געלונגען אים צו באַרויִקן און איבערצײגן, אַז איך בין פֿאָלשטענדיק געזונט, און אַז מײן גוטע שטימונג און גרויסע ליבע צו אים נעמט זיך דערפֿון וואָס מיר זענען הײנט פּלוצלונג באַגליקט געוואָרן מיט אַ גרויסן געווינס. פֿון גרויס איבעראַשונג און צופֿרידנהײט האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט, מיר זענען בײדע אַוועק אַ פֿרײלעך טענצל, און מיר האָבן אַזוי לאַנג געטאַנצט, ביז מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. מיר האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן.

„ווער ווײסט צי איז עס ניט אַ גנב, ווער ווײסט צי איז עס ניט אַ שפּיאָן", האָב איך געטראַכט. „אַ קשיא אויף אַ מעשה. הײנטיקע צײטן קען אַלץ טרעפֿן. מען איז מיך מקנא מיט אַזוי פֿיל געלט".

איך האָב אַ וואונק געטון צו מיין הויזגעזונד צו זיין פּאַרזיכטיק, ניט ריידן צופיל, און מיטאַ נערוועזע שטימע אויסגערופן: „קאָם אין".

עס זענען אריין צוויי מענער, זיך פיין באַגריסט, אונז אַלעמען באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און געשמייכלט.

„מיר זענען געקומען אייך ווינשן גליק מיט אייער גרויסן געווינס", האָט געזאָגט איינער. „זאָגט מיר ווי אַזוי האָט איר אויפגענומען די גוטע בשורה, און וואָס דענקט איר צו טון מיט דעם געלט", האָט געפרעגט דער צווייטער.

„אַהאַ, דאָס טאַפּט ער שוין ביי מיר דעם דופק", טראַכט איך, און עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן אויף דעם חוצפה'ניק...

„איך בעט אייך, לאָזט אונז צורו, און גייט אייך פון דאַנען. ערשטנס האָבן מיר גאַרנישט געוואונען", האָב איך פּרובירט מיך אַרויסצודרייען, כדי פון זיי פּטור צו ווערן ... „צווייטנס, אויב יאָ, איז נישט אייער באָבע'ס עסק, וואָס מיר וועלן טון מיט דעם געלט. איך דאַרף אייך נישט אָבגעבן קיין חשבון, און איך דאַרף זיך ניט מישן אין מיינע געשעפטן, פונקט ווי איך מיש זיך ניט אין אייערע", האָב איך אים אויסגעזידלט.

געענטפערט האָבן זיי גאַרניט, נאָר איינער האָט אַרויסגענומען פון קעשע־נע אַ מאַשינקעלע, עס אַנגעשטעלט אויף מיר מיט מיין אַלטן, דערלאַנגט אַ קוועטש, און באַלד נאָכדעם זענען ביידע אַרויס פון שטוב.

מיר זענען ביידע געבליבן זיצן אָן לשון פון שרעק, און ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. פּלוצלונג האָט זיך מיין דיוועלע צולאַכט אויפן קול, זיך האַלטנדיק פאַר די זייטן, און געזאָגט, אַז דאָס האָט מען אונז פאָטאָגראַפירט, און אַז אונזערביידענס פּיקטשע וועט שטיין אין אַלע פּייפּערס, כדי מענטשן זאָלן זען, אַז מיר האָבן געוואונען דעם גרויסן „פוטבאָל־פּול" געווינס.

„ווי איז מיר! אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן!" האָב איך אויסגערופן מיט צאָרן, „מזיק איינער, פאַר וואָס האָסטו דאָס מיר פריער נישט געזאָגט, וואָלט איך דאָך געוועזן אָנגעטון דאָס שבת'דיקע קלייד, און דער טאַטע דעם צילינדער, כדי אויסצוזעען ווי לייטישע מענטשן ... אָבער אַזוי וועט מען דאָך חוזק מאַכן פון אונז. מזיק איינער, דאָס ביזטו שולדיק. וואָס האָסטו געוואָלט פון מיינע יאָרן!"

בין איך צו אים צוגעפאַלן מיט כעס און אים דערלאַנגט עטלעכע בוכטשעס אין פּלייצע, אַזוי אַז ער איז זיך שיעור פאַרגאַנגען אין צענטן פון ווייטאָק. ... איז מיין מענדעל אויף מיר אָנגעפאַלן, סטייטש פאַר וואָס האָב איך אים דערלאַנגט אין פּלייצע און ניט אויף יענעם אָרט וואו עס קען ניט שאַטן.... האָב איך אים געבעטן מיר ניט צו געבן קיין עצות, ווייל איך ווייס אַליין וואָס איך האָב צו טון...

מיין דיוועלע האָט זיך דערווייל אויסגעווישט די פאַרווינטע אויגן, אָבגעווישט דאָס נאַסע נעזל, און מיר געלאָזט וויסן, אַז דערפאַר ווייל איך האָב

אים געשלאָגן, גייט ער שוין אָנזאָגן אַלע שכנים און מיין גאַנצער משפחה וועגן אונזער גרויס פאַרמעגן, און איז טאַקע גלייך אַוועק.

„טו עס ניט, טאַטעלע", האָב איך זיך ביי אים געבעטן מיט גוטן, „דו מאַכסט דאָך מיך אומגליקלעך" . . .

אָבער ער איז שוין געווען פון יענער זייט טיר, מיר איז געוואָרן ביטער אויפן האַרצן, האָב איך אים צוגעוואָרפן עטלעכע קללות, וועלכע האָבן זיך ביי מיר ניט ווילנדיק אַרויסגעריסן, און באַלד אים נאָכגעשריבן, ער זאָל זיין פאָרזיכטיק, ווען ער גייט אַריבער דעם וועג אין ווייטשעפּל, מען זאָל חלילה אים נישט איבערפאָרן, זאָל גאָט היטן . . .

איך האָב דאַן אַ קוק געטון אין שפּיגל און באַטראַכט מיין אויסזען, דאָס פּנים בלאַס, דער קאָפּ ניט פאַרקעמט, דאָס קלייד פון פאַרענט פאַרשפּילעט מיט אַ „סייפטי־פּין". איך מוז זיך מודה זיין און זאָגן דעם אמת, אַז איך בין זיך אַליין נישט געפעלן . . . (אַ זעלטנהייט ביי פרויען) און גלייך באַשלאָסן אויף צו מאָרגנס גיין צום העירדרעסער מאַכן אַ „פּערם", זיך מאַניקירן די נעגל און קויפן עטלעכע טייערע קליידער, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרוי פון מיין שטאַנד . . .

איך האָב שוין ווייטער ניט געקענט טראַכטן, ווייל נאָך איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, איז מיין שטיבל געווען פול געפּאַקט מיט געסט, מיט שכנים און משפּחה, וועלכע זענען געקומען מיר ווינשן גליק. מען האָט מיך גענומען קושן פון אַלע זייטן . . . מען האָט מיר פאָרגעשלאָגן פאַרשידענע קאָסטבאַרע אַרטיקלען צו קויפן, מען האָט מיר געגעבן עצות וואָס צו פאָרן פאַר האָלידעיס, און ווי אַזוי איך קען מיטנעמען אַ שפּאָר ביסל געלט . . . און אפשר וויל איך אַ שידוך טון מיט מיין טאָכטער, וועט מען מיר ברענגען אַ פיינעם יונגענמאַן, און אפשר . . . און אפשר . . . און איך בין געוואָרן שטאָלץ און גרויס ביי זיך, ווען איך האָב געזען אַזוי פיל גוטע פריינט, וואָס טראַכטן פאַר מיר, און ווילן מיר העלפן . . . ענדלעך זענען זיי זיך צוגעגאַנגען, און צוגעזאָגט מאָרגן ווידער צו קומען מיך זען.

נאָכדעם ווי זיי זיינען אַלע אַוועק, האָב איך פאַרשלאָסן די טיר, גענומען אַ פען אין האַנט און צוזאַמען מיט מיין בני בית זיך אַוועקגעזעצט, מאַכן אַ חשבון, וואָס צו טון מיטן געלט, אויף וועלכן איך האָב געהאָפט אַלע מיינע יאָרן, און זיך קוים דערוואַרט . . .

דאָס ערשטע האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן נאָך אַמעריקע זיך זען מיט מיין ברודער, מיט וועלכן איך האָב זיך פונאַנדערגעשיידט נאָך אַלס קינד. איך האָב אַלע יאָרן געבעטן אויף דער געלעגנהייט, און זיך קוים דערבעטן. עס איז אויך היינטיקע צייטן גאַנץ לייכט צו מאַכן אַזאַ רייזע, מען קויפט אַ בילעט, מען זעצט זיך אַרויף אויף דער „קווין עליזאַבעטה" און אין משך פון פינף טעג איז מען דאָרט. מיין ברודער וועט זיין גליקלעך מיך צו זען, דאָס בין

איך זיכער, און דערצו וועל איך אים נאָך קענען איבערלאָזן עטלעכע הונדערטער אויך, ער נויטיקט זיך נעבעך אין דעם . . . און איך פֿיל ווי עס קייקלען זיך ביי מיר שוין פֿריידענס־טרערן פֿון די אויגן.

מיין אַלטן וועל איך גלייך אָרדערן עטלעכע נייע סוטס און זאָל ער אויך אויסזען ווי אַ מענטש . . . שוין צייט ער זאָל אָנטון אַ ניים מלבוש, נישט קיין איבערגענוצטן . . .

מיין טאָכטער וויל פֿאָרן נאָך דער שווייץ, זאָל זי פֿאָרן געזונטערהייט, איך פֿאַרגין עס איר, זי האָט דאָך נאָך ניט געהאַט קיין גליקלעכן טאָג אין איר לעבן . . .

מיין דייוועלעס אַמביציע איז צו זיין אַ פֿידל־שפּילער, ער האָט שוין אפילו אַמאָל געגומען עטלעכע לעקציעס, און ער קען שוין שפּילן „אַ בריוועלע דער מאַמען", „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" און „מיין יידישע מאַמע" פֿון אויסענוויייניק. „ביי מיר ביזטו שיין" שפּילט ער שוין גאָר גוט, און מבינים זאָגן אַז עס קען אַרויס אַ לייט פֿון אים. וועל איך אים לאָזן גיין אין קאָנסערוואַטאָריע, זאָל ער זיך „ענדזשאַיען", און ווערן אַ מוזיקאַנט. נישקשה, פֿאַראַן געגוג געלט, פֿאַרוואָס זאָל איך אים זשאַלעווען?

נאָכדעם ווי איך האָב שוין אַלעמען באַזאָרגט, איז מיר נאָך פֿאַרבליבן אַ גרויסע סומע, און איך האָב באַשלאָסן דאָס געלט ניט צו געבן אין באַנק, און אויך ניט אַרומצוטראָגן ביי זיך, טאַ וואָס זשע טוט מען דערמיט? בין איך אָבער באַלד געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן, דאָס אויסצוגעבן אויף צירונג, דאָס קען מען צו יעדער צייט פֿאַרקויפֿן, אָבנעמען דאָס געלט, און אפשר נאָך פֿאַרדינען אויך. הכלל, לאַנג ניט געטראַכט, האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אַ טעקסי און צו פֿאָרן מיט מיין אַלטן צום ערשטן בעסטן צירונג־געשעפֿט, און נאָך איידער איך באַקום דאָס געלט, דערוויייל אויסקלייבן וואָס איך וויל קויפֿן. און אַזוי האָב איך געטון. איך האָב אָנגעקלונגען און די טעקסי איז גלייך צוגעפֿאָרן צו מיין טיר. נאָר אַזוי ווי איך האָב אַרויפֿגעשטעלט אַ פֿוס און זיך געוואָלט אַריינזעצן, האָב איך פּלוצלונג דערפֿילט ווי מען רייסט מיך פֿאַר דער האַנט, און איך הער ווי מיין דייוועלע שרייט: „מאַם, מאַם, געט אַפּ, איך וויל עסן ברעקפֿעסט" . . .

איך האָב געעפֿנט מיינע האַלב־פֿאַרשלאָפֿענע אויגן און זיך אַרומגעקוקט.

„דייוועלע, וואו בין איך, וואו איז די טעקסי?" האָב איך געפֿרעגט ביי מיין זינדל.

„מאַם, וואָס רעדסטו, וואָס פֿאַר אַ טעקסי? געט־אַפּ, ס'איז שוין שפּעט, איך דאַרף גיין אין סקול" . . .

איך האָב זיך ווידער אַרומגעקוקט.

„דייוועלע, הייסט עס, אַז איך בין נישט געווען צווישן די מזל'דיקע, און

ניט געוואוינען דעם גרויסן געווינס אויפֿן 'פֿוטבאָל־פּול'. איז דאָס אַלץ געווען אַ חלום גאָר?" האָב איך אים געפֿרעגט מיט ווייטאָק.

„יעס, מאָם, אַ חלום, אַ דרים, קאָם־אָן, געט־אַפּ, דאָנ'ט בי לייזי, מאָם, איך בין הונגעריק", האָט זיך מיין דייוועלע געבייזערט.

איך האָב זיך קוים צוזאַמענגענומען, אַן אָבגענאַרטע, קוים אַרויס פֿון בעט, טראַכטנדיק:

„אוי, קבצן, דלות, וואָס דיר קען זיך אַלץ חלום'ען" . . .

יום־טובֿדיקס

אַ מזל'דיקער יום־טוב

(און ווי אַזוי ער ווערט געפּראַוועט ביי אונזערע ענגלישע יידן)

פּונקט ווי עס זענען פאַראַן מזל'דיקע מענטשן, אַזוי זענען אויך פאַראַן מזל'דיקע ימים טובים.

דער מענטש דאַרף ניט זיין שיין, ניט קלוג, ניט אינטעליגענט, ניט פעאיק, און אפילו גאָר קיין מענטש ניט . . . קוים האָט ער נאָר אַ שטיקל מזל, זענען די אַלע חסרונות גאָר מעלות ביי אים, און עס איז אים וואויל ווי די וועלט . . .

דאָס זעלבע איז אויך מיט ימים־טובים.

פאַראַן למשל ביי יידן אַזאַ שענער יום טוב ווי פּורים. טראָץ דעם וואָס מען זאָגט אַ ווערטל, אַז פּורים איז קיין יום־טוב און קדחת איז קיין קרענק . . . איז עס אָבער נאָר אַ ווערטל און ניט מער. ווייל פּורים איז גראָדע אַ פיינער יום־טוב מיט אַ גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג, ווייל דאַמאָלט פרייט מען זיך מיט המן'ס מפּלה', און דאָקטוירים זאָגן אַז קדחת איז אַ גאַנץ פיינע קרענק . . . און דאָך נעמען מיר פון אים גאָר קיין נאָטיס ניט, ער גייט זיך פאַרביי אונבאַמערקט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך מיט אונז גאָרניט אָנגעקערט...

נעמט, צום ביישפּיל, אַן ענגליש־יידיש קינד, און דערציילט אים, אַז עס איז פאַראַן אַזעלכעס ווי פּורים, וועט ער זיך מאַכן אַ צימעס פון אייך מיטן פּורים צוזאַמען . . .

און באַלד קומט ווידער דער שענער, ליבער פּסח, דער יום־טוב פון פרילינג און פרייהייט, מיט דעם פיינעם סדר, וואָס יידן דאַרפן פּראַווען, ווען יעדער אָרימער בעל מלאכה ווערט אַ קעניג, זיין ווייב אַ קעניגין, און דער זון אַ פּרינץ . . . ווען מען דערציילט פון יציאת מצרים, מען טרינקט ארבע כוסות און מען פאַרבייסט מיט פעטע קניידלעך (טעם גן־עדן) און די הגדה זאָגט: עס און טרינק און לאָז זיך וואוילגיין . . .

היינט פרעג איך אייך: וואָס נאָך פאַר אַ פאָלק פאַרמאָגט אַזעלכע שענע און גייסטרייכע ימים־טובים ווי דער ייד?

אָבער וואָס קומט אַרויס, נישטאָ קיין צייט און קיין געדולד צו זיי . . . מען דאַרף גיין צו דער אַרבעט, צו ביזנעס. ווער פון דעם היינטיקן דור קען זיך עס אָבגעבן מיט אַ יידישן יום־טוב?

בלויז איין מאָל אין יאָר, ראש השנה און יום כפּור, די טעג פון תשובה און תפילה, דערוועקט זיך ערגעץ וואו טיף אין האַרצן אַ פונק פון יידישקייט,

א געמישטער געפיל פון גלויבן און צווייפל, פון מורא און אונזיכערקייט, כאפט מען זיך אריין אין שוהל אויף עטלעכע שעה הערן א גוטן חזן, טרעפן זיך מיט עטלעכע באקאנטע, יוצא זיין פאר די שכנים, און דער עיקר צופרידנשטעלן דעם אייגענעם געוויסן, ווייל טאמער? . . . אפשר? . . . וועט ווייסט . . . מען מוז כאטש איינמאל אין יאר זיך דערמאנען אז מען איז א ייד.

פון דעם סוכות, וואס קומט נאך, מאכט מען שוין גאר קיין וועזן ניט, צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, איז ער ניט מער מיוחס פון אנדערע ימים־טובים. צווייטנס, איז מען דאך ערשט אבגעקומען פאר אלע זינד, מיטן פאסטן און קלאפן זיך אין הארצן, מען פילט זיך אביסל גרינגער, א פרישער מענטש, און מען קען זיך ערלויבן אביסל צו זינדיקן געגן א יידישן יום־טוב.

און ווען ניט א טייל פון פאלק, וועלכע די אויבנדערמאנטע רופן רעלי־גיעזע פאנאטיקער, וואלט שוין פון די אלע אויסגערעכנטע שענע יידישע ימים־טובים קיין שפור ניט פארבליבן . . .

גאנץ אנדערש איז אבער ווען עס קומט דער הייליקער קריסטמאס . . . אט דאס איז א מזל׳דיקער יום־טוב, און אים פראוועט מען טאקע ווי גאט האט געבאטן . . . וואכן פריער גרייט מען זיך אים אויפצונעמען ווי א גוטן און חשוב׳ן גאסט. און כאטש אין דער זעלבער צייט קומט אויך אויס אונזער שענער טראדיציאנעלער חנוכה, — פייערט מען דאך קריסטמאס, און ווי אויף צו להכעים, אנשטאט חנוכה־געלט, גיט מען קריסטמאס פרעזענטס, אנשטאט אנצוצינדן די שענע קאלירטע חנוכה ליכטלעך, אין דעם ספעציעלן חנוכה־לייכטער, צינדט מען זיי אן אויפן גרינעם קריסטמאס־בוים; און אנשטאט די טראדיציאנעלע חנוכה־לאטקעס עסט מען א געבראטענעם אינדיק און מען פארבייסט מיט א פיינעם קריסטמאס־פודינג . . ., מען מאכט גרויסע רייכע קריסטמאס־פארטיס, מען לאדעט איין געסט, עס איז ליכטיק און פריילעך, מען טוט זיך אן אין די שענסטע בגדים, און אז מען האט שוין אבגעגעסן, לאזט מען זיך אוועק א פריילעך טענצל און דער עולם פילט זיך אין א זער געהויבענער שטימונג. און שפעטער זעצט מען זיך ארום קליינע ספעציעל צוגעגרייטע טישלעך שפילן . . . ניט חלילה אין דריידעל ווי אמאל ביי יידן, נאר אין קארטן . . .

דער תירוץ איז, אז דאמאלט ארבעט קיינער ניט, קיינער איז ניט באשעפ־טיקט און דערפאר דארף מען זיך אמוזירן טאקע ווי אין קריסטמאס.

און נאך א יידישער בייטראג איז פאראן זינט די לעצטע עטלעכע יאר, א זער פאפולערער יידישער קאמפאזער, א זון פון א חזן, האט אנגעשריבן א זער געלונגען ליד, וואס רופט זיך „ווהייט קריסטמאס", וועלכעס ווערט געזונגען מיט גרוים ערפאלג, און באנייט יעדעס יאר, און פונקט ווי די קריסטן, אזוי האבן אויך די קריסטמאס־יידן א גרויסע הנאה דערפון.

און אזוי ארום, דירעקט צי אינדירעקט, פייערן די יידישע מאסן אין די לענדער דעם מזל׳דיקן יום־טוב קריסטמאס, און פארנאכלעסיקן די אייגענע יידישע ימים־טובים.

דער ווייטאָק איז נאָך גרעסער, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אויך אויפֿן זעלבן שטייגער ווערט ערצויגן אונזער יידישע יוגנט, די וואוילע יידישע קינ־דערלעך, וועלכע וואָלטן אפשר געווען אונזער שטאָלץ און כבוד אין דער צו־קונפֿט, ווען מען פֿירט זיי אויפֿן רעכטן וועג, און מען דערציילט זיי וועגן זייער אָבשטאַם, מיט וועלכן זיי האָבן זיך ניט צו שעמען.

מיר איז אויסגעקומען אַמאָל בייצוואוואוינען אַזאַ קריסטמאַס פּאַרטי אין איינעם פֿון די איסט־ענדער שעלטערס. עס זענען געווען פֿאַרזאַמעלט אַן ערך פֿון 50 קינדער, מיט זייערע מוטערס, דער גרעסטער טייל יידישע. זייערע יונגע פּנים'לעך האָבן געשטראַלט פֿון פֿרייד און פֿאַרגעניגען. אַלע זענען גע־זעסן אַרום פֿיין געדעקטע טישן, מען האָט סערווירט טיי מיט פֿאַרשידענע צובייסן. די שטימונג אין פּלאַץ איז געווען אומגעהויער גרויס. נאָכן עסן האָט מען געטיילט קריסטמאַס פּרעזענטס, זער פֿיינע שפּילצייג פֿאַר יעדן קינד, און דערצו אַ פּעקל מיט סוויטס און פֿאַרשידענע פֿרוכטן. דאָס האָט די קינדערלעך פֿאַרשאַפֿט אַ סך פֿאַרגעניגן. די אָרגאַנזשירער (אויך יידן) האָבן געמאַכט פֿאַרשידענע גרימאַסן כדי די קינדער צו מאַכן לאַכן, און מען האָט זיי דערציילט אַלערליי קאָמישע וויצן. נאָך דעם האָט מען געהייסן די קינ־דערלעך זינגען פֿאַרשידענע לידער און געבען פֿאַרשידענע טענץ. די מאַמעס פֿון די קינדער האָבן געשעפּט נחת, און זיך אַליין אויך אוועקגעלאָזט אין קאַ־ראַהאָד . . . דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז די ליכטלעך האָבן שוין גע־נומען אויסגיין, דאַן האָט זיך דער עולם געזעגנט, אַלע האָבן זיך צוגעוואונשן אַ פֿריילעכן קריסטמאַס, און אַז מען זאָל דערלעבן איבער אַ יאָר און זיך ווידער אַלע צוזאַמען אַמוזירן לכבוד קריסטמאַס . . .

און אַזוי וועלן אונזערע יידישע קינדערלעך (פֿון וועלכע עס איז לײדער פֿאַרבליבן אַ באַשרענקטע צאָל) פֿאַר וועלכע אונזערע יידישיסטן זאָרגן און קעמפֿן אַז זיי זאָלן פֿון אונז נישט אוועק, ווידער וואַרטן מיט אומגעדולד און באַגייסטערונג אויף דעם נעכסטן קריסטמאַס, וואָס דאַרף קומען איבער אַ יאָר.

אוי, מזל, נאָר מזל דאַרף מען האָבן . . .

בענק האָלידעי

און ווידער קומט באַלד אַ פֿריילעכער יום־טוב פֿאַר אַלעמען, איינגע־שלאָסן אונז יידן . . .

און דאָס יאָר מוז ער געפּייערט ווערן מיט פּראַכט און גלאַנץ, נאָך שענער און בעסער ווי אין די פֿאַר מלחמה יאָרן.

ערשטנס, האָט אונז גאָט געהאָלפֿן, און מיר האָבן דערלעבט דעם שלום; צווייטנס, האָבן מיר זיך ניט צו באַקלאָגן אויף אונזער מאַטעריעלער לאַגע, וועלכע האָט זיך פֿיל פֿאַרבעסערט אין די לעצטע עטלעכע יאָר . . . און דערפֿאַר דאַרפֿן מיר יידן פֿייערן דעם בענק־האָלידעי ווי עס באַדאַרף צו זיין (ווייל צו קריסטמאַס איז נאָך גאַנץ ווייט) . . .

קודם כל, מוז) יעדער אראָבוואַרפֿן פֿון זיך אַלע זאָרג, צרות, דאגות, מחלוקות, קריגערייען; פֿאַרגעסן אין היטלערן, אַ לעבעדיקן צי אַ טויטן, פּשוט אויסמעקן זיין נאָמען . . .

פֿאַרגעסט אַלע מיטינגס, קאָנפֿערענצן, אפילו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿון טאָג. איר מוזט דאָס אַלץ פֿאַרגעסן; און טאָמער האָט איר מורא אַז מען וועט זיי ביי אייך אויסכאַפּן, קען איך אייך פֿאַרזיכערן, אַז זיי וועלן זיך צו אייך אומקערן, נאָך מיט פּראָצענט.

פֿאַרמאַכט אייערע וואַרקשאָפּן, פֿעקטאָרים, געשעפֿטן און מאַרקעטס פֿון יעדן קאַליר . . . דאָס אַלץ ערלעדיקט, כדי איר זאָלט אויסנוצן דעם יום טוב אויף פֿאָלגענדן אופֿן:

אין פֿאַל אָבער, אַז איר וועט עס ניט טון, זייט איר מחלל יום טוב, פֿאַר וועלכן עס קומט אייך דער גיהנום אויף יענער וועלט . . .

שטייט אויף באַגינען, פּאַקט איין דאָס פּעקל, און צוזאַמען מיט אייער ווייב, קינדער, שוויגער און הינטל, כאַפּט זיך אַרויף אויף דער ערשטער בעס־טער טריין, מעג דאָרט זיין געפּאַקט, דערשטיקט צו ווערן. האָט ניט קיין מורא, עס וועט אייך חלילה ניט פֿאַרשאַטן (מיר יידן זענען געוואוינט צו ענג־שאַפֿט) . . . רוקט אַריין צוערשט אייער בני בית, און למען השם, פֿאַרגעסט אויך ניט זיך אַליין . . . עס קען אייך אויסקומען יענעם אָבצוטרעטן אויפֿן הינער־אויג, נעמט זיך דערפֿון ניט צום האַרצן . . . אַלץ וואָס איר דאַרפֿט טון אין אַזאַ פֿאַל איז זאָגן דעם געוועגלעכן „איי בעג יור פּאַרדען”, און דער עסק איז ערלעדיקט. עס קען זיך אויך מאַכן אַז איר זאָלט דאַרפֿן שטיין דעם גאַנצן וועג, אָבער צו דעם איז אויך פֿאַראַן אַ מיטל: אויב איר דערזעט ערגעץ־וואו אַ טשעמאָדאַן, מעג ער אפילו ניט זיין אייערער, זעצט זיך אַרויף, און

מאַכט זיך באַקוועם, קיין געזעץ וועט אייך דערפֿאַר ניט באַשטראָפֿן . . . . פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעט, און פֿאָרט געזונטערהייט . . .

פֿאָרט אין סי־סייד, אין קאַונטרי, אָדער גאָר אין אַ דאָרף . . . פֿאָרט, זיצט ניט אין דער היים, עס פּאַסט ניט פֿאַר שכנים, פֿאַר חברים, פֿאַר גוטע פֿריינט, — ווייל, וואָס וועלן זיי זאָגן ? — איר זענט אַ קבצן, אַ שנאָרער, אַ בלוט־אָרימאַן, וואָס קאָן זיך אַפילו ניט ערלויבן צו פֿאָרן פֿאַר אַ האָלידעי... איר באַקומט דערפֿאַר אַ שלעכטן נאָמען, פֿאַרלירט דעם קרעדיט, דעם פּרעס־טיזש, די פֿריינט ; און קיינער וועט זיך מיט אייך ניט חבר'ן . . .

און אויב איר האָט דערוואַקסענע טעכטער, מוזט איר ערשט פֿאָרן, צי איר קענט צי איר קענט ניט, ווייל דאָס קען שאַדן צו די שידוכים . . .

און אויב די צייט איז ביי אייך ניט אַם בעסטן (עס קען זיך טרעפֿן), און איר האָט דאָך ניט קיין מעגלעכקייט אויסצופֿאָרן, איז דערצו אויך פֿאַראַן אַ מיטל : נעמט די יום טוב וואָך אַלץ אויף קרעדיט . . . ביים גראָסער, ביים בוטשער, ביים מילך־מאַן, און צאָלט ניט קיין רענט . . . נישקשה, זיי קענען וואַרטן, זיי האָבן גענוג געלט, די זשוליקעס, הלואי אויף אונז געזאָגט, טאַטע זיסער אין הימל ! . . .

און איצט אַ וואָרנונג פֿון גרויס וויכטיקייט : אויב איר פֿאָרט שוין יאָ אויף האָלידעיס, אָברועך אייערע מידע ביינער, וועלכע זענען צובראָכן געוואָרן די גאַנצע צייט פֿון ליגן אין שעלטער, זאָלט איר נאָר ניט פֿאַרגעסן מיטצונע־מען אַ קישן און אַ צודעק, ווייל אויב איר וועט האָבן דאָס גליק זיך אַריינצו־כאַפּן אין אַ באָרדינג־הויז, אָדער אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם האָטעל ערגעץ־וואו, און אַז מען וועט אייך אפילו אויסבעטן אויפֿן טיש, אָדער אונטערן טיש, אין עס־צימער אויף דער פּאָדלאָגע, אָדער אין קיטשן מיט דער דינסט, וועט זיין ניט שלעכט, און אַז איר וועט שוין גאָר זיין פֿון די מזל'דיקע, וועט מען אייך לייגן אין באַטה־רום, און שלאָפֿן וועט איר טאַקע אין דער סאַמער וואַנע . . . דאַן וועט איר פֿילן דעם טעם גן־עדן, און איר וועט האָבן דעם אמתן עונג יום־טוב . . . אָבער עס קען זיך אויך מאַכן, אַז איר זאָלט אפילו אין די אַלע פּלעצער ניט קענען אַריינקומען, ווייל קלוגערע, פֿון אייך האָבן זיי שוין אויס־געבוקט מיט חדשים צוריק, דאַן זעט איר וועט זיין צרות . . . דאַן קען אייך אויסקומען צו נעכטיקן אויפֿן ביטש, אָדער אין וואַלד אונטער אַ בוים . . . און דערפֿאַר מוזט איר זיך פֿאַרזאָרגן מיט אייגענע בעטגעוואַנט. פֿאַרגעסט אויך ניט מיטצונעמען אַ רעגן־שירם, ווייל איר קענט אים געברויכן אין מיטן נאַכט . . . נאָר דער עיקר, זאָלט איר דעם גאַנצן טאָג זיך בראָטן אויף דער זון, מעג זי ברענען צום פֿאַר'שרפֿה'עט ווערן, זאָלט איר פֿון איר ניט אַנטלויפֿן, ווייל איר מוזט אומבאַדינגט אַהיים קומען אָבגעברענט, ברוין, שוואַרץ — ווי איינעמס מזל איז . . . אויב ניט דאָס, איז אַן עבירה דאָס געלט וואָס אייך וועט קאָסטן, ווייל אָן די סמנים, וועט אייך קיינער ניט גלויבן, אַז איר זענט געווען אויסגעפֿאָרן . . .

נאָר וועגן עסן דאַרפֿט איר ניט זאָרגן. דאָקטוירים הייסן היינטיקע צייטן סיי ווי סיי עסן וואָס ווייניקער, ס'איז געזונט פֿאַר דעם מאָגן, און פֿאַר דעם פּאָקעט אודאי . . .

פֿונדעסטוועגן, זאָלט איר מיטנעמען עטלעכע דאָזען סענדוויטשעס, פֿון אַלערליי סאָרטן, עטלעכע האַרטע אייער, די געפּרייטע פֿיש, וואָס זענען פֿאַר־בליבן פֿון שבת און עס איז אַן עבירה אַרויסצוּוואַרפֿן . . . פֿאַרגעסט אויך ניט עטלעכע געזאַלצענע הערינג, טאָמאַטאָס, זויערע אוגערקעס, מיט וועלכע מען קען זיך דערכאַפּן דאָס יידישע האַרץ . . . נאָך אַלעמען: זענען דאָס אַזעלכע מאכלים, אַן וועלכע מיר קענען ניט אויסקומען אפילו אין קעניגליכן פּאַלאַץ... פֿאַרגעסט אויך ניט עטלעכע פֿלעשלעך לעמאָנאַדע וואַסער, איר וועט זיי זיכער געברויכן. עסט, טרינקט, לאָזט זיך וואוילגיין, און זאָל זיין חי געלעבט . . .

מאַכט אייך באַקוועם אויפֿן בעסטן אופֿן, טוט אויס די אויבערשטע מלבושים, די שיך, לאָזט זיך אַוועק פֿראַנק און פֿריי, וואו נאָך אייער האַרץ גלוסט . . . ס'איז אייער וועלט פּונקט ווי יענעמס . . . באַוואונדערט די שענע נאַטור, און כאַפּט אַריין פֿרישע לופֿט וויפֿיל נאָר איר קענט, און ווען עס רעדט זיך שוין פֿון כאַפּן, זייט זשע פֿאַרזיכטיק, און כאַפּט ניט איבער די מאָס. נעמט זיך אָן מיט פֿרישע כחות, וועט איר ווידער קענען אַ גאַנץ יאָר האָר־רעווען, זאָרגן זיך, מאַטערן זיך, און כאַפּן צרות . . .

פֿאַרגעסט אויך ניט, רבותי, נעמט מיט זיך די „צייט", איר קענט זי לעזן וואו איר ווילט, אין אַ געפּאַקטער טריין, זיצנדיק ביים ים, צי אפילו ליגנדיק אין דער וואַנע . . . לעזט זי פֿאַר פֿאַר אייערע מיטמענטשן, וועט איר נושא חן זיין ביי אַלעמען, מען וועט אייך האַלטן פֿאַר אַן אינטעליגענטן מענטשן, און אַן אינטעליגענטן מענטשן האָט מען זער ליב, מען גיט אים אָפּ אַ סך כבוד, און מען רעכענט זיך מיט אים איבעראַל . . . און אַז איר האָט שכל, ווערט אַ פּירעָר, און פּירט ווי אייך געפֿעלט, און דאָס קען אַמאָל דערפֿירן צו אַ בעסערער פּרנסה . . . און אַז איר וועט שוין האָבן אַ בעסערע פּרנסה, וועט איר קריגן אַ סך פֿריינט, אָבער אויך אַ סך שונאים . . .

און צום סוף וויל איך אייך ווידער דערמאָנען, איר זאָלט ניט פֿאַרגעסן דעם היינטיקן בענק־האָלידעי, און פֿאָלגן מיין עצה, ווי אַזוי אים אויסצונוצן, און איר וועט זיכער קיין חרטה נישט האָבן, פֿאַרקערט, איר וועט מיר דאַנקען...

פֿאָרט געזונטערהייט, און האָט אַ סך פֿאַרגעניגען פֿון דעם שענעם און באַדייטענדן יום טוב, בענק־האָלידעי . . .

גוד־באַי, מאַטש פּלעזשור.

דער צערשטערטער סדר

(דערציילונג פון לאנדאנער לעבן)

מיט א צעבראכן הארץ און אנגעצויגענע נערוון, זיצט דער אלטער, מיסטער גאלדמאן אויפן הסיב-בעט און ווארט אויף זיין איינציקן זון, זיין בן-יחיד, מיט איר, כדי זיך צו נעמען אפריכטן דעם סדר. מיסטער גאלדמאן געפינט זיך, זייט די לעצטע פאר יאר, אין א קראנקן צושטאנד, און ער האט געמוזט אויפגעבן זיין ארבעט, צוליב זיין שוואכן געזונט. דאס הארץ זיינס איז נישט אין ארדענונג, האט דער דאקטאר געזאגט, און ער מוז לעבן רואיק, ניט זארגן און זיך ניט אויפרעגן.

עס וואלט אים זיכער אויסגעקומען צו בעטן הילף ביי צדקה-אנשטאלטן אויף זיינע עלטערע יארן, פון וועלכע ער האט זיך אויסגעהיט דאס גאנצע לעבן, ווען ניט זיין גוטער און טרייער זון סידני, וועלכער פירט אן א געשעפט פון פרויען-קליידער און האט זיך דערשלאגן צו א הויכער פאזיציע.

יעדע וואך גיט סידני זיין מאמען, היבשע עטלעכע פונט אויף פרנסה, בעט איר גוט אויפצופאסן אויפן קראנקן פאטער, און אויב עס וועט איר אויספעלן נאך געלט, זאל זי אים זאגן, וועט ער איר געבן מיטן גרעסטן פארגעניגען.

טראץ דעם, קומט ער קיינמאל נישט אהיים מיט ליידיקע הענט. שטענדיק ברענגט ער פרעזענטער פאר דעם טאטען, פאר דער מאמען. ער זשאלעוועט נישט קיין געלט, זאל עס קאסטן ווי טייער.

אזוי האבן זיך די גאלדמאנ'ס געלעבט, שטיל, רואיק און צופרידן, געבעטן ביי גאט א גוטן מזל פאר זייער קינד און אביסל נחת פאר זיך.

נאר די לעצטע עטלעכע וואכן איז פארגעקומען א מאדנע ענדערונג אין הויז, א מורא און אן אונזיכערקייט האט אריינגעטרעטן, אין די גאלדמאנ'ס רואיקע היים.

נישט צוליב דער פינאנציעלער לאגע, ניין. אדרבא, לעצטנס האט סידני געהעכערט דער מוטער די ווייזשעס, און דעם פאטער זיין קעשענע געלט, וואס ער פלעגט אים געבן יעדער וואך. אבער, דאס וואס עס איז לעצטנס פארגעקומען מיט זייער זון, איז געווען פיל ערגער ווי חלילה אנצוקומען צו בעטל-ברויט.

סידני, זייער שטאלץ און טרייסט, זייער טריי און איבערגעגעבן קינד, וועלכער האט נאר געשטרעבט צו זען זיינע עלטערן גליקלעך און צופרידן, האט

זיך שטערבלעך פֿאַרליבט, און חתונה געהאַט געזעצלעך מיט אַ קריסטלעכער מיידל.

ביז אַ געוויסער צייט, האָט ער אין הויז, וועגן דעם גאָרנישט דערציילט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט ברענגען הארצווייטאָק, עגמת נפֿש און טרערן, ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט האָבן אַ שטאַרקן קאַמף מיט זיינע רעליגיעזע עלטערן און דערפֿאַר האָט ער באַשלאָסן די ערשטע צייט צו שוויגן, און געהאָפֿט אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט ווען ער וועט קענען אַרויס מיט דעם סוד.

ער האָט זיך באַלד נאָך דער חתונה איינפֿאַרשטאַנען מיט זיין יונגער ווייבל, אַז די ערשטע צייט וועט ער נישט קענען זיין בסדר מיט איר, ער האָט פֿאַר איר געדונגען אַ פֿיינעם פֿלעט, אין אַ רייכער געגנט פֿון לאָנדאָן, פֿלעגט קומען צו איר צוויי דריי מאָל אין דער וואָך, און איר פֿאַרזיכערט, אַז עס וועט שוין לאַנג ניט נעמען, וועט ער זי אַריינפֿירן צו זיינע עלטערן אין הויז און דאַן, ווען זיי וועלן זיך שוין דערוויסן, וועט ער אָנפֿאַנגען פֿירן אַ נאָרמאַלן לעבן מיט איר. אַזוי זענען אַוועק עטלעכע מאָנאַטן, דערווייל האָט זיך גענומען דערנענטערן דער פּסח.

סידני האָט נאָך קיינמאָל נישט פֿאַרפֿעלט צו זיצן ביים סדר, און פֿרעגן די קשיות, אַזוי ווי עס פֿירט זיך ביי יידן. אָבער היי־יאָר, האָט ער זיך גע־פֿונען אין אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט. אויך האָט אים זיין ווייבל גענומען פֿאָרוואַרפֿן, אַז זי האָט מיט אים ניט חתונה געהאַט, כדי ער זאָל זיצן מער ביי זיינע עלטערן אין הויז, ווי ביי איר. און ער האָט איינגעזען אַז זי האָט רעכט. ענדלעך נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת האָט ער געפֿאַסט מוט, און באַשלאָסן אַז איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל מוז דער סוד אַרויס, זיי מוזן וויסן דעם אמת. דאָך האָט אים אָנגעפֿאַנגען פּלאָגן דער געוויסן ווען ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי די בשורה וועט אויפֿגענומען ווערן. ער האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבן, און דערפֿאַר אַרומגעגאַנגען זייער דערשלאָגן.

די מוטער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט דערפֿון, און דער טאַטע האָט זיך ביי אים גענומען בעטן, ער זאָל אים זאָגן, צי איז ער אפשר חלילה נישט געזונט. אפשר דאַרף מען זיך באַראַטן מיט אַ דאָקטאָר. אָבער דער זון האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז מיט אים איז גאָרנישט, ער איז פֿאָלקאָם געזונט.

אין אַ געוויסן אָוונט, פּונקט אַ וואָך פֿאַר פּסח, איז סידני אַהיים גע־קומען פֿון געשעפֿט, מיט עטלעכע שעה פֿריער ווי געווינטלעך. ער האָט אָפּגע־געסן נאַכטמאָל, זיך געפֿרעגט אויפֿן פֿאָטער, וועלכער איז שוין אַוועק שלאָפֿן, דאַן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן פֿייער, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט, און זיך ערנסט פֿאַרטראַכט.

סידני מיין קינד, האָט זיך די מוטער צערטלעך אָנגערופֿן, גלעטנדיק זיין קאָפּ, עפּעס איז מיט דיר געשען, זאָג מיר דעם אמת, מיין קינד, דערצייל דער מאַמען דיינער, נעם מיר ניט אַרויס די נשמה.

זי האָט אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ און אַריינגעקוקט טיף אין זיינע פֿאַר־

חלום'טע אויגן, אפשר א ליבע מיין קינד, הא, א מיידעל, זאָג שעם זיך נישט נאַרעלע . . . האָט זי גוטמוטיק געשמייכלט אים, צו דערמוטיקן.

אָבער סידני האָט נישט געענטפערט, א טויטע שטילקייט האָט אויף א ווײַלע געהערשט אין שטוב, בלויז דער מאַנאַטאָנער טיק־טאַק פון זייגער האָט זיך געהערט. ביידע זענען געבליבן זיצן פאַרטיפט אין געדאַנקען, דער מוטערס האַרץ איז געווען שרעקלעך אומרואיק, זי האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז באַלד וועט איר דער זון אָנזאָגן א שרעקלעכע בשורה, און זי האָט צוזאַמען גענומען אירע לעצטע כחות דאָס צו קענען אריבערטראָגן.

ענדלעך האָט סידני דערפילט אַז איצט איז געקומען דער מאָמענט, ארויסצורעדן וואָס דריקט אים אַזוי שטאַרק אונטערן האַרץ. ער האָט גוט געקענט זיין מאַמען, געוואוסט וועגן איר הייסער מוטער־ליבע צו אים. און ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט אים מוחל זיין, זי וועט אים ניט מאַטערן, ניט פאַרשאַפן קיין ווייטאָק, חוץ דעם איז ער דאָך דער פרנסה־געבער אין הויז, און פאַרזאָרגט זיי מיט אַלעם גוטן, און זי די מאַמע, ווייסט דאָס נאָך מער ווי דער טאַטע. דאָס האָט אים צוגעגעבן נייעם מוט: מאַמע, האָט ער געזאָגט מיט ליבשאַפט, זאָג מיר, האָסטו שוין אַלעס צוגעגרייט אויף יום טוב? אָדער אפשר פעלט דיר נאָך וואָס?

יאָ, מיין קינד, איך האָב שוין אַלץ וואָס מען דאַרף, א יום־טוב, ווי נאָר גאָט הייסט, עס זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, האָט זי געענטפערט, שטיקנדיק די טרערן אין האַלדז. א דאַנק דיר מיין קינד, זי האָט אים צערטלעך ארומגענומען און א הייסן מוטערלעכן קוש געטון.

נאַ מאַמעלע, נאַ דיר נאָך עטלעכע פונט, אפשר וועסטו דאַרפן, עס איז דאָך נאָך א וואָך צו יום־טוב, האָט ער געזאָגט, און איר אריינגעשטופט עטלעכע פאַפירלעך אין האַנט.

די מוטער האָט צוגענומען דאָס געלט, און אַן אָנגעשטעלטן צופרידענעם שמייכל געטון. עס האָט געווירקט, האָט זיך סידני גראַטולירט און איז ארויס מיט לשון . . .

מאַמע, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט אויף מיר נישט ברוגז ווערן, וועל איך דיר עפעס דערציילן.

— איך האָב פאַרשטאַנען, מיין קינד, אַז דו האָסט מיר עפעס צו זאָגן. מיין האַרץ שרעקט מיר זער, נו, לאָמיר שוין הערן, א סוף, נעם נישט ארויס די נשמה,—האָט די מוטער געזאָגט א נערוועזע, מיט א טרויעריקע מינע.

— מאַמע, איך האָב חתונה געהאַט מיט א שיין מיידעל, איך זאָג דיר פשוט א מלאך, נו, האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט אַז דו וועסט נישט בייז ווערן . . . ער האָט זי פעסט ארומגענומען און צוריק געהאַלטן פון פאַלן.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל.

— האָסט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן, מאַמע?—האָט סידני געפרעגט מיט האַרץ קלאַפעניש?

עס זאָל דיר זיין מיט מזל מיין קינד, האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט, אָבער פּאַרוואָס אָן מיין און דעם טאַטנס וויסן, פּאַרוואָס קומט עס אונז, האַ?

— ווייל איר וואָלט נישט צוגעשטימט צום שידוך, האָט סידני געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— פּאַרוואָס, קינד מיינס, איז זי דען נישט קיין שענע אָדער פון אַ פיינער משפּחה, צי חלילה זאָל גאָט אויסהיטן נישט קיין יידישע? — האָט זי געפּאָרשט.

סידני האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין. — די מוטער איז געפאַלן מיטן קאָפּ אויפן טיש, און אַ שטראָם הייסע טרערן, האָט זיך אַ גאָס געטון פון אירע אויגן. ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי דעם זון קיין פאָרווירפע נישט געמאַכט, אָבער, אָן אייביקע טיפע וואונדע, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איר אין האַרצן, דאָס איינציקע וואָס האָט איר ווי געטון מער ווי אַלץ איז געוועזן: וואָס טוט מען מיט איר אַלטן קראַנקן מאַן, ער וועט עס געוויס נישט אויסהאַלטן, אַזאַ שאַנד און ווייטאָק.

ענדלעך נאָך אַ לאַנגן נאָכדענקען, איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז פאַר דעם טאַטען מוז עס בלייבן אַ סוד, ער טאָר זיך נישט דערוויסן פון איר אָפּשטאַם.

צום ערשטן מאָל איז סידני געגאַנגען אַהיים יענעם אָוונט מיט אַ רואיקן געוויסן, און אַזוי אַרום איר איבערצייגן ווי גרויס זיין ליבע איז צו איר, און אַז ער וועט זי אַריינפירן צו זיינע עלטערן אין הויז צו דער ערשטער סדר־נאַכט.

דורך דער וואָך, האָט מיסיס גאָלדמאַן ביסלעכווייז דערציילט איר מאַן, וועגן סידני'ס געזעצלעכער חתונה, און אַז אין גיכן וועט מען מיט מזל שטעלן אַ חופּה. איצט זיצט דער אַלטער קראַנקער טאַטע ביים טיש, און וואַרט צו באַגעגענען זיין שנור. דעם ערשטן מאָל וועט ער זיצן ביים סדר מיט צוויי קינדער אָנשטאָט איינעם. ביי דעם געדאַנק איז זיין צאָרן געשטילט געוואָרן און ער האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַרואיקן. מיסיס גאָלדמאַן איז געוועזן ביזי אין קיך מיטן צוגרייטן דאָס עסן.

לאַנגזאַם האָט זיך געעפנט די טיר, און סידני איז אַריין מיט זיין ווייבל.

שטיל אָן אַ וואָרט אויסצורעדן האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט.

דער אַלטער האָט פון זיין שנור ניט געקענט אָפּרייסן זיינע אויגן. ער האָט זי גוט באַטראַכט, אַ שלאַנקע בלאָנדינקע, מיט צוויי גרויסע בלויע אויגן, אַ פאַרריסן נעזל, און ניט קיין געווענלעכן אויסזען . . . אָבער זי האָט גוט־מוטיק און פריינטלעך געשמייכלט, און אויף סידנים איינלאַדונג זיך געזעצט צום טיש. זי האָט מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט דעם טיש, און אַלץ, וואָס אויף אים געפינט זיך, די כּסות, מצות, חרוסת, דעם אַלטן מיטן ווייסן קיטל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז איר פרעמד, פונקט ווי זי זעט עס צום ערשטן מאָל . . . בליץ שנעל איז אים דורכגעפלויגן אַ פיינלעכער געדאַנק, ווער ווייסט? . . . אָבער, ניין, ניין, האָט ער זיך באַלד באַרואיקט, מיין סידני וועט אַזאַ זאַך נישט טון . . .

מיסיס גאָלדמאַן איז אַריין, און ווען זי האָט באַטראַכט איר שנור, האָט זי צו איר אַ געצוואונגענעם שמייכל געטון, כדי דעם זון קיין יסורים ניט צו פאַרשאַפן, און זיך געזעצט נעבן איר מאַן.

דער אַלטער האָט אויסגעשטעלט דעם טיש לויט דעם שלחן ערוך, און זיך געכאַפּט אַז דער ווייַן פון די ארבע כוסות פעלט.

מיסיס גאָלדמאַן איז אַריין אין דער צווייטער שטוב, און זיך באַלד אומגעקערט מיט צוויי פלעשלעך, וועלכע זענען געווען פאַרדעקט מיט אַ ווייסן טוך, דערזעענדיק דאָס האָט זיך דער אַלטער גלייך איבערצייגט וואָס דאָ קומט פאָר, און באַרעכטיקט זיין פאַרדאַכט. ער האָט אַ פאַרשנדן בליק געטון אויף דער אַלטער, דאַן אויף דער שנור, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסן שטיל און פאַרטראַכט, ניט זייענדיק ביים כוח זיך צו באַהערשן, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ שטילן געוויין.

ער האָט שוין יענעם אָוונט דעם סדר נישט אָפּגעריכט. ער האָט זיך שטאַרק צוהוסט, זיך אויפגעהויבן פון הסיב־בעט און אַרויף אין זיין שלאָף־צימער. סידני איז אוועק אַהיים מיט זיין שען יונג ווייבל, נאָר די אַלטע מאַמע איז געבליבן זיצן איינע אַליין ביים געדעקטן טיש, און אַ צובראָכענע געטראַכט וועגן איר איינציקן זון, וועגן איר קדיש, וועגן דעם היינטיקן צעשטערטן סדר, און שטאַרק מקנא געווען די ליכט וועלכע האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסגיין . . .

פסח זכרונות פון אַנ'אַלטן יידן

אַנטקעגן דעם, וואָס איר זאָגט, אַז פסח איז אַ שיינער, אַ ריינער, און אַ כשר'ער יום טוב, רעדט זיך פאַר מיר אויס דאָס האַרץ, אַן עלטערער מאַן מיט אַ גרוי שפּיציק בערדל, און רויטע, שוואַכע אויגן.

אָט דער פסח, איז געווען אַמאָל, דאָרט אין דער אַלטער היים, מיט אַ סך יאָרן צוריק. דעמאָלט איז ער געווען שיין, ריין און כשר. אָבער, יענער פסח איז געשטאָרבן, צוזאַמען מיט יענעם דור, וועלכער האָט אין אים געגלויבט, און אים אָבגעהיט מיט אַלע פּיפּטשיקעס, ווי אַ ייד דאַרף טון. אָבער, היינטיקע צייטן, זענען אויך דאָרט די אומשטענדן אַזעלכע, וואָס ערלויבן אפילו ניט דעם רעליגיעזן, דעם גלויביקן יידן, אָבצוהיטן, אין פולן זין, די טראַדיציעס, וואָס זענען אים פאַרבליבן פון דור דורות; ווידער דאָ, אין דער מדינה, איז דער מענטש תמיד פאַריאָגט און פאַרהאָרעוועט נאָך דעם שטיקל ברויט; דאָ אַרבעטן יידן שבת און יום טוב, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָ דאָס גאַנצע יידישע לעבן? ווער גיט זיך עס דאָ אָב מיט היטן יידישע דינים? און ווער וויל זיך עס פאַרפּליכטן, צו דעם, אָדער יענעם יידישן געזעץ? און אַזוי אַרום, גייט ביסלעכווייז אוועק פון אונז, דאָס, וואָס אונזערע עלטערן און אורעלטערן, האָבן געהאַלטן טייער, הייליק, און עס אָבגעהיט פון טויזנטער יאָרן. מיר זען צו באַשיינפערלעך, ווי עס שטאַרבט יעדעס יאָר אָב אַן אבר פון יעדן יום טוב, ביז עס וועט פון זיי קיין זכר ניט פאַרבלייבן.

ווי איר קוקט מיך אָן, זאָגט ווייטער דער אַלטער, מיט אַ זיפץ, בין איך אַמאָל געווען אַ שיינער בעל הבית, און דאָרט אין דער היים, געפירט אַ שיין יידיש הויז, מיינע קינדער האָב איך געגעבן אַן אמת'ע רעליגיעזע ערציאונג. אָט דעמאָלט, איז דער שענסטער יום טוב מיינער געווען פסח. און, אַ יעדעס יאָר, ווען עס קומט אַ קורצע צייט פאַר פסח, לעב איך איבער אַ שרעקלעכע בענקשאַפט, יאָ, יעדער טאָג דערמאָנט מיך אין עפּעס אַנדערש. אָט, זע איך מיין אַלטע, עליה השלום, דרייט זיך אַרום, פון איין שטוב אין דער אַנדערער, מיט אַ ווייסן טיכל פאַרבונדן דעם קאָפּ, מיט אַ ווייסן פאַרטוך, און פאַרקאַרטשעטע אַרבל, פּוצט און רוימט, מאַכט ריין אַ יעדעס ווינקל, קאָכט און פּרעגלט, גרייט אַלעס צו, מיט הייליקייט און מיט מורא, טאָמער חלילה איז נאָך אַלץ ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, דריי וואָכן פאַר פסח, איז שוין ביי אונז געווען ערב יום טוב. ווען עס איז געקומען די ערשטע סדר נאַכט, האָבן זיך מיינע בנים אויסגעפּוצט, מיט די נייע מלבושים, און איך, אַ שטאָלצער טאַטע, בין מיט זיי אוועק אין שול אַריין צום דאַווענען.

אַהיים קומענדיק, האָב איך געפונען דאָס הויז מיינס ווי אַ גן־עדן, די

זילבערנע לייכטער אויפֿן טיש, האָבן פֿארלויכטן די גאנצע שטוב, די כוסות, האָבן געבלאַנקט, דאָס מצה טישטעכל, וואָס מיינע, זאָל זיך דאָרט מיען, האָט אַליין מיט אירע אייגענע הענט, אויסגענייט נאָך אַלס מיידעל, האָט באַדעקט די מצות, און באַצירט דעם טיש, און איך, האָב זיך געפֿילט, ווי אַן אמת׳ער מלך, מיט אַן אייגענע מלוכה, דער סדר, איז געפּראַוועט געוואָרן, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אָט, דאָס בילד, ווערט קיינמאָל ניט פֿאַרשוואונדן פֿון מיינע אויגן, און ווען איך דערמאָן זיך, אַז עס קומט דער פּסח באַגיס איך זיך מיט הייסע טרערן, איך באַוויין אים ווי אַ בר מינן, וועלכער גייט אַוועק אויף אייביק. קיינער פֿון דעם קומענדן יידישן דור, וועט ניט פֿילן מער דעם טעם, וואָס איך האָב געפֿילט, און קיינמאָל ניט זיין אַזוי באַגייסטערט פֿון אַ יום טוב, ווי איך בין געוועזן.

און ווען איך וואָלט געוועזן פֿאַרבליבן בית הײנט, אויף יענער זייט ים, וואו עס געפֿינען זיך, נאָך אַזעלכע ווי איך, וואָלט איך נאָך עטלעכע אַזעלכע פּסח׳ען פֿאַרבראַכט. דאַרף זיך מיר מאַכן אַן אומגליק, און מיין ווייב, נעמט און שטאַרבט אַוועק. איך בין פֿאַרבליבן אַליין, האָבן מיינע קינדער אויף מיר רחמנות באַקומען, און מיך אַהער אַריבערגעבראַכט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? זיי זענען זייער גוט צו מיר, באַזאָרגן מיך מיט אַלץ, אחוץ איינס, וואָס זיי קענען מיר ניט באַזאָרגן, דאָס זענען די היימישע שבתים, און ימים טובים, און איך לייד זייער שטאַרק דערפֿון.

זיי זענען נאָך יונג, האָבן זיך איינגעוואוינט מיט דעם היגן לעבן, און האָבן זיך זייערע פֿאַרגעניגענס.

קומט שבת, צו יום טוב, אויב זיי האָבן נאָר צייט, פּוצט מען זיך אויס, מען פֿאָרט אַוועק, אין פּיקטשיס, אָדער טעאַטער.

איך, בלייב זיצן אין דער היים, איינער אַליין, קוק אַריין אין אַ ספר, מיט מיינע שוואַכע קראַנקע אויגן. אָבער וויפֿיל קען אַ מענטש קוקן אין ספר אַריין? ווער איך אַנדרימלט, און מיר חלומ׳ט זיך רק, מיין ווייב, מיינע קליינע קינדער, מיין פֿרומע כשר׳ע הויז, און מיין פּראַוון דעם סדר, איך כאַפּ זיך אויף אַ מידער, אַ צעבראָכענער, און אַן אָבגענאַרטער.

ווען עס קומט פֿאַר פּסח, און איך זע, ווי מיין שנור, דרייט זיך אַרום, אַן אויסגעפּוצטע, אַן אָנגעפּאָדערטע אַן אַ שטאָך אַרבעט, און איר אַרט ניט וואָס אין שטוב טוט זיך, פֿאַרקלעמט מיך, ביים האַרצן, און מיר ווילט זיך וויינען ווי אַ קליין קינד.

סטייטש, שרייט אין מיר אַ געפֿיל, וואו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ יידישע טאָכטער, זאָל גאָרניט האָבן וואָס צו טון, אין אַזאַ צייט?

פֿאַראַיאָרן פּסח, האָט געטראָפֿן אָט וואָס. ווען עס איז געקומען די ערשטע סדר נאַכט, האָט מען פֿאַר מיר אַוועקגעשטעלט, אויפֿן טיש, אַ פֿלעשל וויין, און עטלעכע מצות, מיין שנור, האָט אָנגעצונדן צוויי ליכטלעך, וועלכע זי האָט אפילו ניט געבענטשט, און געזאָגט צו מיר, טאַטע, דו רעכט דיר גע־

זונטערהייט אָב דעם סדר, מיר גייען אוועק, און די קינדער האָט מען געלייגט שלאָפֿן, זיי זאָלן דיר ניט שטערן.

בין איך מיר געבליבן זיצן איינער אַליין ביים טיש, און גענומען זאָגן די הגדה. איך האָב געמאַכט קידוש, און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מיין אַלטע זיצט לעבן מיר, פונקט ווי אַמאָל, איך זע פֿאַר זיך דעם פֿאַרפוצטן טיש, אַרום מיר שמעקן די אַלע גוטע מאכלים צוגעגרייט צום סדר, עס ווערט מיר אַביסל גרינגער אויפֿן הארצן, שטעל איך זיך אויף, נעם די שיסל אין האַנט, און וויל אָנהייבן זאָגן, הא לחמא עניא, נאָר פּלוצלונג דערמאָן איך זיך, אַז אין דער זעלבער שיסל האָב איך נעכטן געגעסן חמץ. עס באַפֿאַלט מיך אַ שרעק, אַ מורא פֿאַר זיך אַליין, אַ מורא פֿאַר די שאָטנס אויף די ווענט, מיר ווערט ביטער אויפֿן הארצן, און איך כאַפּ זיך ערשט, וואו איך בין, און וואָס אַרום מיר טוט זיך, אָבער, איך פֿאַרטרייב פֿון זיך שנעל די טרויעריקע געדאַנקען, און פֿאַרנעם זיך מיט אַלע מיינע כוחות אָבריכטן דעם סדר. נאָר אַזוי ווי קיין קשיה פֿרעגער איז נישטאָ, און מוז אַליין פֿרעגן, נעם איך די הגדה אין דער האַנט, שטעל זיך אויף און פֿרעג זיך, ביים טאַטען דאָרט אויבן אין הימל.

רבונו של עולם, מה נשתנה, הלילה הזה, מכל הלילות ? פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַרענדערט פֿאַר מיר, אָט די דאָזיקע נאַכט פֿון פּסח, פֿון אַלע מיינע אַנדערע פּסח נעכט ? פֿאַרוואָס, דאַרף איך זיך מוטשען און מאַטערן ? פֿאַר וועלכע זינד ? פֿאַרוואָס האָסטו מיך געשטראָפֿט, מיט אַזאַ עלטער, איך זאָל מוזן איינער אַליין זיצן ביים טיש, אין אַזאַ הייליקע נאַכט ?

מיר איז געוואָרן פֿינסטערע אין די אויגן, און וואָס ווייטער איז געשען געדענק איך ניט, נאָר די קינדער האָבן מיר דערציילט, אַז ווען זיי זענען אַהיים געקומען, האָבן זיי מיך געפֿונען ליגן אַ פֿאַר'חלש'ט'ן מיט דעם קאָפּ אויף דער הגדה.

מיין זון האָט מיך געבעטן איך זאָל ניט זיין בייז פֿאַרוואָס זיי זענען אוועקגעגאַנגען, ווייל דאָ האַלט מען ניט אַזוי שטאַרק פֿון די צערעמאָניע, האָט ער מיר צופֿאַרשטיין געגעבן, דאָ איז ניט ווי אין דער היים, און עס איז נישטאָ קיין צייט און קיין געדולד צו פּראַוועך סדרים. מיין שנור, די ענגלישע ווייבל, האָט געזאָגט, אַז זי האָט אויך אַן אַלטן טאַטען, פֿונדעסטוועגן איז ער גאָרניט אַזוי פּאַרטיקילאַר, ווי איך, איר פֿאַרשטייט ? האָב איך טאַקע איינגעזען, אַז זיי האָבן נעבעך רעכט . . . און איך האָב צו זיי קיין טענות ניט. אָבער אייך זאָג איך, אַז אַ שענער, ריינער און כשר'ער פּסח, איז נאָר געווען אַמאָל דאָרט אין דער אַלטער היים אָבער ניט דאָ.

שוין איינמאָל אַ סדר...

— הער נאָר אויס, משה! — זאָגט אַ ווייבל, וואָס הייסט מלכה, צו איר מאַן עטלעכע טעג פאַר פסח. — איך וויל דו זאָלסט בעטן אונזערע צוויי קינדער, אַז זיי זאָלן היינטיקן פסח בלייבן אין דער היים און זיצן מיט אונז ביים סדר.

— אַ שווערן ווינטער האָבן מיר דאָס יאָר איבערגעלעבט, און אַז גאָט האָט געהאָלפן, מיר זענען מיט אונזערע קינדער לעבן געבליבן, דאַרף מען דאַנקען און לויבן דעם בורא, און טאַקע פּראַווען דעם סדר, ווי גאָט האָט געבאָטן. און דערפאַר מוזטו זען, משה, אַז די קינדער זאָלן ניט אַוועקגיין פון שטוב, נאָר זיצן מיט אונז ביים טיש, אַזוי ווי עס פירט זיך אין יעדע יידישע הויז, ווייל אָן זיי זען מיר אויס ווי צוויי עלנדע מענטשן, פונקט ווי מיר וואָלטן, חלילה, קיין קינדער ניט געהאַט. נאָך אַ זאַך, איך האָב שוין מיין גאַנצן פסח'דיקן אָרדער אין שטוב. אַלץ וואָס עס איז דאָ צו קריגן האָב איך איינגעקויפט: מצה, ווייץ פּאָטייטאָס, עסיק, זויערע לימענעס, פעפער, זאַלץ, פלענטי כריין, חרוסת און ביטערע קרייטעכער, וועלכע מען דאַרף צום סדר... איז ווי דו זעסט, משה, האָב איך שוין דעם עיקר. און עס פעלט בלויז פיש, פליייש, אייער, דאָס זענען קלייניקייטן מיט וועלכע מען קען זיך באַגיין. און איצט, משה, מוזן מירביידע זיך איינשפּאַרן און אויספירן, אַז אונזער דייוועלע און סיידעלע זאָלן זיין אין שטוב און צוזאַמען מיט אונז הנאה האָבן פון די אַלע גוטע זאַכן... נו, משה, זאָגסטו מיר צו, אַז דו וועסט אַ שמועס טון וועגן דעם מיט זיי? איך אַליין וועל אויך אַריינוואַרפן אַ וואָרט, און ביידע צוזאַמען וועלן מיר מיט גאָט'ס הילף ביי זיי פועל'ן.

— איך וועל פּרובירן, — ענטפערט משה, — כאָטש איך ווייס אַז מיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. איך געדענק נאָך פון פאַר אַ יאָר, און פאַר צוויי יאָר. איך האָב גערעדט און האָב געבעטן, אָבער עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס... ענגלישע קינדער דאַרפן אַ סדר? קריסטמעס גיב זיי, אָט דאָס איז זייער בעסטער יום טוב...

הכלל, עס איז געוואָרן באַשלאָסן אָנצואווענדן אַלע מעגלעכקייטן דעם פּלאַן דורכצופירן, און טאַקע זיך גלייך פאַרנעמען מיט דער זאַך.

דער ערשטער איז אַריין דער בן־יחיד, דייוועלע, און באַלד נאָך דעם די בת יחידה, סיידי.

ביידע האָבן באַפוילן דער מאַמען, אַז זי זאָל דערלאַנגען סאַפּער. די מאַמע האָט געהאָרכזאַם דורכגעפירט דעם באַפעל, און דערלאַנגט צום טיש עסן.

די קינדער האָבן געגעסן, און די מאַמע האָט שטיל און מיט דרך ארץ אָנגעהויבן דעם שמועס:

— קינדערלאַך מיינע, איך האָב צו אייך אַ גרויסן געבעט. היינטיקס יאָר, היינט מער ווי תמיד, וויל איך און דער טאַטע איר זאָלט בלייבן אין דער היים צום ערשטן סדר.

די קינדער האָבן גאָרניט געענטפערט.

דער טאַטע האָט עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן, און ער האָט צוגעגעבן:

— עס איז אמת, אַז איר זייט די פרנסה־געבערס אין הויז, און איר ווילט אוודאי ניט ליידן מען זאָל אייך זאָגן דעות. אָבער פאַרגעסט ניט אַז איר זייט אַלץ אונזערע קינדער און איר דאַרפט אַמאָל פאָלגן טאַטע־מאַמע אויך. דאַן פאַרגעסט ניט, קינדערלאַך, די מאַמע האָט אַ שוואַך האַרץ און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז זי טאָר ניט האָבן קיין פאַרדרוס, ווייל דאָס קען איר שטאַרק פאַרשאַטן, און די מאַמע וויל זייער איר זאָלט זיין אין דער היים.

דער מאַמען האָט זיך אויסגעדאַכט אַז די ווערטער האָבן געווירקט, און זי האָט צו דער טאָכטער אַ ליבליכן שמייכל געטון.

— נו, סיידעלע, וואָס זאָגסטו? — האָט זי גוטמוטיק געפרעגט צו זיין זיכער.

— אָ, מאַמע, ליוו מי אַלאון, — האָט געענטפערט סיידי. — ווי קענסטו פאַרלאַנגען פון מיר איך זאָל זיצן גאַנצע צוויי אָדער אפשר דריי שעה אין שטוב און הערן ווי דער דעדי זאָגט און זאָגט פון זיין פרעיר בוך. איי דאָנ'ט סי נאו פאַן אין איט... איך ווייס פון אַ סך יידישע הייזער, וואו מען האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אין די נאָנסענס, נאָר ביי אונז דאָ האָט מען זיך נאָך ניט אָבגעוואוינט פון די אָלד־פעשאָנד איידיעס.

— היער, היער, — האָט דייוו אונטערגעהאָלפן. — איי טהינק איטס אַ ווייסט אָף טיים צו זיצן אין שטוב אַ גאַנצן אָוונט דזשאַסט ביקאָס אָף טהי סיידער... איך וועל בעסער זען אַ גוטן פילם אַפ טהי אָטהער ענד...

— און איך וועל גיין צו אַ דאַנס און האָבן אַ גוד טיים, און אירביידע קענט זיך אָבריכטן דעם סדר, און קיינער וועט אייך ניט שטערן, — ענדיקט סיידי.

דערהערנדיק די רייד, האָט עס דעם טאַטען מיט דער מאַמען נעבאַך פאַרקלעמט ביים האַרצן און זיי זענען געבליבן זיצן אָן לשון.

ביי דער מאַמען האָט זיך באַוויזן עטלעכע טרערן אין די אויגן.

דאָס אַ פנים האָט געווירקט. סיידי און דייוו האָבן זיך איבערגעוואונקן, און געענדערט זייער באַשלוס.

— אָלראַיט, מיר וועלן בלייבן אין דער היים. אָבער זע, מאַמע, אַז דער דעדי זאָל עס מאַכן האַרי־אַפּ, ווייל איך האָב אַן אַפּאָינטמענט מיט מיין פריינט, דעם אַמעריקאַנער אָפיסער, — האָט באַפוילן סיידי.

— און איך וועל אויך זיין צום סדר, — האָט דייווי געזאָגט. — אָבער

אָן קאַנדישאַנס. איך וויל ניט אַז דער דעדי זאָל מיר פֿרעגן די פֿיער קשיות און איך וויל ניט מאַכן קיין קדיש . . . ווייל עס איז שוין אַ לאַנג טיים סינס מיין בר־מצוה, און איך האָב שוין פֿאַרגעסן צו דאַווענען היברו . . .

— נאַרעלע, — האָט אים די מאַמע, געענטפֿערט גוטמוטיק, — די פֿיער קשיות דאַרפֿסט דו פֿרעגן דעם דעדי, ניט ער דיך; און קדיש זאָגט מען חלילה נאָך אַ טויטן ניט דאָ געדאַכט . . . נאָר אויב דו ווילסט ניט, איז ניט. איך וועל זיין צופֿרידן אַז איר ביידע וועלן בלויז זיצן ביים טיש מיט אונז און ניט מער.

ערב יום טוב אין דער פֿרי איז מלכה אויפֿגעשטאַנען אַ פֿריילעכע, אַ גליקלעכע. אַ קלייניקייט, זי וועט דאָך היינט האָבן די קינדער צום סדר. שוין עטלעכע יאָר ווי זיי האָבן אויסגעפֿעלט, און איצט זענען זיי ביי איר ווי צוויי חשוב'ע געסט . . .

עס האָט אָנגעהויבן צופֿאַלן די נאַכט, און זי האָט נעבאַך געאַרבעט מיטן ביטערן שווייס.

באַלד איז געוואָרן דער טיש געדעקט מיט אַ שענעם ווייסן טישטוך, וועלכן זי האָט היינט ספּעציעל אָנגעקויפט לכבוד די געסט.

די צוויי אויסגעפּוצטע מעשענע לייכטער, מיט די קאָלירטע ליכט גרייט צום אָנצינדן, האָבן אַראָבגעשיינט פֿון טיש. די טעלער און יום־טובדיק מע־סער און גאָפּל האָבן געבלאַנקט פֿון ריינקייט. עס זענען אויך געשטאַנען פֿינף כוסות (איינער פֿאַר אליהו הנביא).

אַ טעלער מיט מצות, באַדעקט מיט אַ פֿיין אויסגעהעפּט מצה־טישטיכל און אַ גרויסע שיסל מיט זאַלץ וואַסער. אויבנאָן איז געווען אויסגעבעט דער טראָן פֿאַרן קעניג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ הויכן זעסל מיט אַ ווייס, פֿריש איבערגעצויגן קישן.

סיידי האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ נייע קלייד, פֿאַרקאַמט די האָר נאָך דער לעצטער מאָדע, מאַניקירט פֿריש די נעגל, און אָנגעפֿאַרבט די ליפּן. עס איז שווער געווען צו וויסן צי האָט זי עס געטון לכבוד דעם סדר אָדער דעם אַמעריקאַנעם אָפֿיציר.

מיט אַ ברייטן גוט יום־טוב, איז משה מיט זיין זונדל דייוו אַריינגעקומען פֿון שול און ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין טאָכטער האָט זי אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַן אמת'ע בת מלכה.

אָט, טראַכט ער ביי זיך, וועל איך ווייזן מיינע קלוגע קינדער ווי שיין אַ סדר איז, כאָטש ער איז אָלד פֿעשאָנד.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דאָס גאַנצע בני בית געזעסן אַרום טיש, און מען האָט זיך גענומען אָבריכטן דעם סדר.

פֿון אָנהויב האָבן די קינדער זיך צוגעהערט ערנסט צום פֿאָטער'ס זאָגן, און פֿון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אין ענגלישן טעקסט פֿון דער הגדה, וועלכע איז געלעגן פֿאַר זיי אויפֿן טיש.

די מאַמע האָט אין האַרצן געדאַנקט גאָט, און געהאָפֿט אַז עס וועט איר נאָך געלונגען אומצוקערן אירע קינדער צום דרך הישר.

עס איז אַוועק נאָך אַ שטיקל צייט.

מלכה האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן און אַריין אין קיך זען צי דאָס עסן איז שוין פֿאַרטיק.

סיידי האָט זיך גענומען דרייען אויפֿן בענקל. עס האָט איר אָפּנים אָנגעהויבן צו ווערן לאַנגווייליק, האָט זי ווי אַ גנב שטילערהייט געעפֿנט דאָס טיש קעסטל, פֿון דאָרט אַרויסגענומען אַן „ערגאַר וואַלעס טהרילער״, דאָס אַרויפֿגעלעגט אויף דער הגדה און גענומען לעזן . . .

ווען דייוו האָט דאָס באַמערקט האָט ער פֿון איין קעשענע אַרויסגענומען אַ פענסיל, פֿון דער צווייטער אַ שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר און גענומען מאַכן אַ „קראָס וואָרד פּאַזעל״.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט די מאָנאָטאָנע שטימונג אַזוי געווירקט אויף אים, אַז ער האָט דערלאַנגט אַ שטילן מידן גענעץ, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע אָרימס, און געשמאַק איינגעשלאָפֿן . . .

סיידי האָט דערלאַנגט אַ קוק אויף איר ריסט וואָטש, און אָפּנים זיך גע־כאַפּט אַז עס איז צייט פֿאַר איר אַפּאָינטמענט מיטן אַמעריקאַנעם אָפֿיציר, האָט זי זיך גאַנץ שטיל אויפֿגעהויבן און אויף די שפּיץ־פֿינגער פֿאַרלאָזט דאָס צימער.

און דער פֿאָטער איז נאָך אַלץ געזעסן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין דער הגדה, און געזאָגט און געזאָגט, און אפילו ניט באַמערקט וואָס אַרום אים קומט פֿאָר.

נאָר ערשט ווען ער האָט פֿאַרענדיקט דעם ערשטן טייל און אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, דערזען פֿאַר זיך דעם שלאָפֿנדיקן פרינץ און דאָס ליידיקע בענקל פֿון דער פֿאַרשוואונדענער פרינצעסין . . . האָט ער אַריינגערופֿן זיין מלכה, און זיך ביי איר געפֿרעגט אַ קשיא: סטייטש, ווי געפֿעלט איר דער סדר? האָט זי דערלאַנגט אַ שווערן זיפֿץ און געענטפֿערט:

— יאָ, שוין איינמאָל אַ סדר!

באַנקראָט

א לעבנס־בילד אין איין אקט

פּערזאנען:

חיים דוד	אַן ארבעטער	60 יאָר אַלט
חנה	זיין ווייב	55 יאָר אַלט
אסתר	זייער טאָכטער	30 יאָר אַלט
בעני	זייער זון	25 יאָר אַלט
מאָריס	א לאַנדסמאַן	38 יאָר אַלט
לילי	זיין פרוי	25 יאָר אַלט

סצענע

אַן איינפאַך צימער ביי אַן ארבעטער פאַמיליע. אויף די ווענט הענגען בילדער פון פראָמינענטע אַרבעטער־פירער. א שאַנק מיט ביכער, א טיש מיט שטולן. עס איז נאָכמיטאָג — ווינטער צייט — אין אויוון ברענט א פייער. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט געשיר.

חיים דוד און חנה אויף דער בינע

חנה: (ווישט די טעלער) חיים־דוד, וואָס־זשע, דו גייסט היינט נישט צוריק אין שאָפּ? וואָס איז היינט פאַר א יום־טוב?

חיים דוד: (טרינקט טיי מיט לימענע) וואָס וועל איך דאָרט טון? כאַפּן א דרימל? אז יאָ דרימלען איז דאָך בעסער אין דער היים. איך וועל דיר דערקלערן דעם חילוק, ווערסטו זעען, אז איך האָב רעכט: אין וואָרקשאָפּ דרימל איך ווי א שניידער, אָבער אין דער היים קען איך מיר דערלויבן צו דרימלען ווי א מענטש; פאַרשטייסט?

חנה: וואָס־זשע, ס'איז גאָר קיין ארבעט נישטאָ?

חיים דוד: און אז עס איז יאָ דאָ עטלעכע דוזאַבס, זאָגט דער גאַוונער, אז ער קען זיי אַליין מאַכן. ער איז בילכער פון מיר. צו וואָס זשע איז ער א גאַוונער? דער חילוק איז נאָר, אז ער פון אונזער ארבעט מאַכט א לעבן; און מיר פון זיין ארבעט מאַכן נאָר מיט די זייטן. פאַרשטייסט, חנה?

חנה: גיי שוין גיי; מיינסט אַז די גאַוונערס אַרבעטן נישט שווער? גלויב מיר, חיים דוד, אַמאָל נאָך שווערער פון אייך — נאָר איר אַרבעט מיט די הענט און זיי אַרבעטן מיטן די קעפּ.

חיים דוד: אַזוי טאָ פאַרוואָס זענען אונזערע הענט געשוואָלן און זייערע קעפּ נישט? . . .

חנה: וואָס פרעגסטו מיך, פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן? כ׳בין דאָך נישט מער ווי אַ יידענע . . .

חיים דוד: (הייבט זיך לאַנגזאַם אויף, גלייכט אויס די ביינער) בעני אַרבעט?

חנה: (קרימט אים נאָך) בעני אַרבעט? איך ווייס אַזויפיל ווי דו. קומט אַהיים, עסט זיך גוט אָן און גייט ווייטער. גאַנצע וואָכן האָב איך פון אים קיין פּעני נישט געזעען. גייט אויף אַלע מיטינגס, קויפט אפשר צען פייפּערס אַ טאָג און איז געוואָרן אַ גאַנצער שמעגעלע מיט די מיינערס; האַלט אין איין פרעגן, פאַרוואָס לאָזט מען זיי אונטערגיין, פאַרוואָס לאָזט מען זיי פאַרשוואַרצט ווערן? האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז מען דאַרף נישט אַרבעטן; ס׳דאַרף נישט זיין קיין אָרים און רייך. נו, פרעג איך דיך, וואָס האַלטסט זיך פאַר אַ חכם, קען דאָס מעגלעך זיין?

חיים דוד: אַזאַ יאָר אויף מיר ווי גוט דאָס וואָלט געווען, ווען די רייכע זאָלן נאָר איינגיין דערויף.

חנה: נו, יאָ, דערווייַלע גייט עס אויס צו מיין קאָפּ. (קוקט אויפן זייגער) זע נאָר, עס איז שוין שפּעט און אסתר איז נאָך נישטאָ צו דינער. אָרים קינד מיינס! זי האָרעוועט נעבעך אַזוי שווער און ביטער; זי איז דאָך די איינציקע וואָס האַלט אויף דאָס הויז! (ווישט זיך די נאָז מיטן האַנטוך פון געפּעס).

חיים דוד: אַ גוט קינד, אין טאַטן געראָטן.

חנה: אַ גוט קינד און האָט נעבעך קיין מזל נישט. אַן אַנדער מיידל אין אירע יאָרן האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. איך אין אירע יאָרן בין שוין געווען אַ מאַמע און ביי איר הויבט זיך נאָך גאָרנישט אָן. דאַכט זיך אַ קלוגע, אַ גוטע און נישט קיין מיאוסע, און דאָך קוקט זיך קיינער נישט אום אויף איר / וויי איז דער מאַמען!

חיים דוד: זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי אַלט איז אונזער אסתר?

חנה: (בייז) אַט האָסטו אַ טאַטן צו מיינע צרות, ווייסט אפילו נישט ווי אַלט זיין טאָכטער איז. (רוימט אים אין אויער אַריין) זי איז שוין דרייסיק יאָר אַלט. דו ווייסט וואָס עס מיינט היינטיקע צייטן אַ מיידל פון דרייסיק יאָר?

חיים דוד: וואָס דען איך ווייס נישט? דרייסיק איז נישט אַכצן. מיינסט, אַז איך זאָרג זיך ווייניק פאַר איר? איך קען דאָך גאַנצע נעכט קיין אויג נישט צומאַכן פון צרות.

חנה: נעבעך, אַ ביטער רחמנות אויף דיר! דו שלאָפסט נישט, נאָר

כראפעסט. און אז דו הייבסט אן צו כראפען קענסטו א טויטן אויפוועקן . . .
פון די אלע יארן זינט איך קען דיך, האסטו דיר קיין זאך נישט גענומען צום
הארצן און היינט אוודאי נישט, געטרייער טאטע מיינער . . .

ח י י ד ד ו ד : שוין, האסט שוין אויפגעמאכט דיין געשליפן פיסקל ?
נו, וועל איך טאקע דיר צו להכעיס זיך גיין אביסל צו לייגן, כאפן א דרשים,
און אביסל פארגעסן אין די צרות.

ח נ ה : נו, יא, מיט דעם זענט איר מענער געבענטשט ; אז איר לייגט
זיך פארגעסט איר אין די צרות, אבער ווען מיר ווייבער לייגן זיך, הויבן זיך
אונזערע צרות ערשט אן . . . ווער קען דען שלאפן ווער ? . . .

אויפטריט ב ע נ י (חיים דוד קוקט אויף אים בייז)

ב ע נ י : (מיט א סך צייטונגען אין אלע קעשענעס. טוט אויס דעם ראק
און זעצט זיך צום טיש, לעזט. צום טאטן) וואס קוקסטו אויף מיר מיט אזעלכע
בייזע אויגן, וואס איז ? כ׳בין דיר עפעס שולדיק ?

ח י י ם ד ו ד : ס׳קאציל קומט, תכשיט מיינער, ביזט שוין מיט מזל
אהיימגעקומען ? אבי די מאמע האט מורא געהאט, אז דו וועסט פארלוירן
ווערן.

ח נ ה : (מיט וויטאג) וויי איז מיר ! ווי אזוי גייט דאס אזא יינג
ארום פוסט און פאסט ? טוט נישט א האנט אין קאלטן וואסער אריין, וואס
וועט זיין דער סוף דיינער ? וואס טוט מען מיט דיר, אדרבא זאג ? !

ב ע נ י : גיב מיר עסן. (לייענט ווייטער).

ח נ ה : נו, חיים דוד, האסט שוין געהערט מיינע צרות, גיב אים עסן.
געוואלד וועל איך שרייען, געוואלד, ווי לעבט מען אויף דער וועלט ? ער זאל
דאס א פרעג טון, פונוואנען נעם איך ; ווער גיט מיר ; נישט זיין עסק. קומט
אהיים, פרעסט זיך גוט אן און גייט ווייטער. די גאנצע וועלט זוכט ער צו
פארזארגן, נאר זיך נישט . . .

ח י י ם ד ו ד : זאג נאר, זון מיינער, פארוואס, זאלסטו געזונט זיין,
זעסטו נישט עפעס צו פארדינען ? דו ווייסט דאך, אז מיר זענען נישט מער
ווי ארימע ארבעטער און וואס מען ברענגט נישט אריין אין הויז איז נישטא.
גיב א קוק אויף דיין שוועסטער : ס׳איז דאך א ביטער רחמנות אויף איר. זי
האט דאך שוין קיין כח נישט צו ארבעטן. איז דאס א יושר, אז זי זאל
דארפן הארעווען און דיך אויסהאלטן ?

ב ע נ י : טאטע, איך האב מיט דיר גארנישט וואס צו רעדן. ערשטנס
האסטו דאך נאר וואס אליין געזאגט, אז אסתר האלט מיך אויס. נו, בין איך
איר שולדיק אן דערקלערונג. מיט דיר אבער האט עס גארנישט וואס צו טון.
מאמע גיב מיר עסן, איך בין הונגעריק !

ח י י ם ד ו ד : נו, האסט כאטשע געהערט ווי מען רעדט צו א טאטן ?

ח נ ה : איי גוט, איך בין זיך מחיה ; א מצווה אויף דיר. א טאטע
ביזטו ? א שמאטע ! א לייטישער טאטע עפנט אויף א מויל אויף אזא יינג

און אַז עס העלפֿט נישט, דערלאַנגט מען אים אַ פּאָר פּעטש. ער וואָלט שוין דרך אַרץ געהאַט פֿאַר דיר. אָבער דו? ניין! האָסט מער נישט די ווערט. (גיט בעני'ן צו עסן) אַ מצווה אויף דיר!

ח י י ם ד ו ד: הער מיך אויס, בן־יחיד מיינער. פֿון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו זיך בײַ מיר אין הויז מער נישט געפֿינען. זאָלסט מופֿן, דו הערסט צי ניין? מופֿן זאָג איך!

ב ע נ י: (עסט) איך נעם פֿון דיר קיין נאָטיס נישט.

ח י י ם ד ו ד: (לויפֿט הין און צוריק אויפֿגערעגט) צו וועמען רעדסטו, צו וועמען. פֿרעג איך? האַ? (קלאַפּט אין טיש) ווי אַ הונט וועל איך דיך פֿונדאַנען אַרויסטרייבן! אַזוי דינסטו מיר אָפּ, ווײַל איך האָב דיך אויף דער וועלט געבראַכט, האַ?

ב ע נ י: ווען דו קומסט מיך פֿרעגן, וואָלט איך דיר איינגעשפּאָרט דעם וויכטיקן אויפֿטו. אַ קלייניקייט . . .

ח י י ם ד ו ד: (בייז) וועסט שווייגן, צי ניין?

ב ע נ י: (קאַלט) איך רעד דאָך צו דער זאַך. וואָס קאָכסטו דיך?

ח י י ם ד ו ד: (אויפֿגערעגט) איך וועל דיך דער'הרגענען, וועל איך דיך! (כאַפּט צו אים אַ בענקל).

ח נ ה: (לויפֿט אַרײַן אין מיטן) שאַ, שאַ, צעלאָז דיך נאָר נישט. איך בין אויך דאָ. שלאָגן ווילסטו אים גאָר? וואָס מיינסטו, ס'איז הפקר וועלט? (וויינט) זאָלסט נישט וואָגן אויף אים אַ האַנט צו לייגן, דו הערסט? גזלן וואָס דו ביזט!

ח י י ם ד ו ד: (בלייבט צוטומלט) אָט דאָס זענען די מאַמעס. פֿריער הייסט זי אים דערלאַנגען פּעטש און באַלד האָט זי חרטה. וואַרט, וואַרט, געטרייע מאַמע מיינע, ער וועט דיר נאָך די ביינער צעברעכן.

ח נ ה: (מיט טרערן) נישט דיין עסק. מיש דיך ניט צווישן אונז. איך וועל מיך שוין מיט אים פֿאַרגלייכן (אין אַ זייט) גזלן, האָסט דאָך געקענט פּרובירן מיט גוטן.

ח י י ם ד ו ד: שלאָגט אייך ביידע קאָפּ אין וואַנט. (אָפּ)

(חנה זעצט זיך ביים פּייער, וויינט שטיל. פּויזע)

ב ע נ י: (גייט צו נעמט זי צערטלעך אַרום) מאַמע, וואָס וויינסטו?

ח נ ה: האָב איך דען נישט וואָס צו וויינען? ס'איז דאָך דאָ פּונקט ווי אין גיהנום. (שנייצט די נאָז) קיין פּרנסה איז נישטאָ, דער טאַטע פֿאַרדינט נישט, דו אויך נישט, דערצו קריגט מען זיך אַרום; אוי ווי איז מיר!

ב ע נ י: מאַמע, באַרואיק דיך. דיינע טרערן צעברעכן מיר דאָס האַרץ. וועסט זען, מאַמע, עס וועט נאָך אַלץ גוט זיין איך האָב אָן אויסזיכט אויף אַ גוטן דזשאָב און באַלד ווי איך וועל אָנהויבן אַרבעטן וועל איך דיר אָוועקגעבן ביז דער לעצטער פּעני. (גייט הין און צוריק) נו, וואָס זאָל איך טון, אַז די צייט איז אַזוי שלעכט? און אַז איך וועל אָוועקגיין פֿון הויז, און אַרומוואַנדערן איבער די גאַסן, אפֿשר נאָך ווערן אַ טרעמפּ, וועט זיין בעסער?

ח נ ה: (שפרינגט אויף) זאָל גאָט אָפּהיטן, מיין קינד! ווער טרייבט דיך דען? אָט וויפיל עס איז דאָ וועט מען זיך טיילן. וואָס זאָל איך טון, איך בין דאָך אַ מאַמע. מן הסתם איז מיר אזוי באשערט; מן הסתם דאַרף אַזוי זיין . . .

ב ע נ י: ניין, מאַמע, האָסט אַ טעות. דאַרפן דאַרף נישט אַזוי זיין, נאָר עס איז אַזוי.

ח נ ה: (הייבט זיך אויף) וואָס איז דער דיפערענץ, אַזוי צי אַזוי, אַבי עס פעלט נישט קיין צרות. איך וועל אַריינגיין אין קיך אָנגרייטן מארגן׳ס דינער און ווען זי וועט אַריינקומען, זאָלסטו מיך רופן. (אָפּ)

ב ע נ י (זעצט זיך ביים פייער, לייענט. אַ קלאַפּ אין טיר) קאַם אין!

אויפטריט ל י ל י

ל י ל י: גוד אַפטערנון. עקסקיוז מי, איז אייער שוועסטער אין דער היים?

ב ע נ י: ניין. אָבער זי וועט באַלד קומען. זיצט.

ל י ל י: (זעצט זיך, צעשפיליעט דעם מאַנטל, שמייכלט קאָקעטיש) איך האָב אפילו קיין צייט נישט, דאָך וועל איך וואַרטן, ווייל איך מוז זי זען.

ב ע נ י: וואָס זענט איר אַזוי ביזי? און וואָס האָט איר קיין צייט נישט?

ל י ל י: איך דאַרף גיין צו מיין דרעס-מייקערין.

ב ע נ י: דאַכט זיך איר טראָגט אַ זער שיין קלייד און שוין דאַרפט איר ווידער זיין ביי אייער דרעס-מייקערין?

ל י ל י: (שמייכלט קאָקעטיש) דאָס הייסט ביי אייך אַ שיין קלייד? גלויבט מיר, אַז אַ סך שענערע האָב איך שוין אַוועקגעוואָרפן. ערשט נעכטן האָב איך אַוועקגעשענקט זעקס קליידער פון פאַרשיידענע קאָלירן צו מיינער אַן אָרימער קוזינע, ווייל פאַר מיר פאַסן זיי נישט מער.

ב ע נ י: (פאַרביטערט) אַזוי? פאַר אייך פאַסן זיי נישט מער און איר האָט זיי אַוועקגעשענקט. (פאַרשעמט) איך בעט אייך און אייער מאַן ווייסט פון די אַלע קליידער וואָס איר מאַכט און שענקט אַוועק?

ל י ל י: געוויס ווייסט ער. ער מוז דאָך פאַר זיי באַצאָלן. און באַצאָלט טאַקע מיט ליבשאַפט.

ב ע נ י: ניין, ער באַצאָלט מיט געלט. מיט ליבשאַפט און חניפה באַצאָלט איר. ווי עס ווייזט אויס האָט אייך אייער מאַן שטאַרק ליב.

ל י ל י: (צופרידן) פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

ב ע נ י: אָ, איך רעכן אַזוי. אַזאַ פרוי ווי איר לאָזט זיך ליב האָבן.

ל י ל י: נו, און ווען איך זאָל זיין אייער פרוי וואָלט איר מיך אויך ליב געהאַט?

ב ע נ י: וואָס קען איך וויסן וואָס עס וואָלט געווען. איך ווייס נאָר וואָס עס איז איצט. (פויזע) זאָגט מיר, איך בעט אייך, און איר האָט אייער מאַן ליב?

ל י ל י: (צעגערט) װעל . . . סאַם טײמס, יו נאו . . .

ב ע נ י: אין די סאַם טײמס איז דאָך אויך נאָר דערפֿאַר ווײל ער גיט אײך נאָך אַלץ װאָס איר ווילט . . . אָבער װען ניט דאָס . . . האַ? יאָ, איך פֿאַרשטײ, לילי?

ל י ל י: מעגלעך, אַז איר האָט רעכט.

ב ע נ י: אַ שאָד װאָס איר זענט נישט מײן פֿרוי.

ל י ל י: (אין פֿאַרלעגנהײט) נו, װאָס װאָלט געװען װען יאָ? (קאָקעטירט אים).

ב ע נ י: איך װאָלט אײך באַהאַנדלט פּונקט װי איר פֿאַרדינט. (זי װערט אומרואיק. פּויזע) איר װײסט, לילי, איר זענט זײער שײן. (נעמט זי פֿאַר דער האַנט) זאָגט מיר װי פֿאַרברענגט איר אײער פֿרײַע צײַט?

ל י ל י: אַמאָל אין טעאַטער, אַמאָל אויף אַ דאַנס. אָבער צו װאָס דאַרפֿט איר דאָס אַלץ װיסן?

ב ע נ י: גאָרנישט, גלאַט אַזוי. איר און אײער מאַן זענט דאָך אונזערע פֿרײַנט, נישט אמת?

ל י ל י: שור. מײן מאָרים קען דאָך אײך נאָך פֿון דער הײם.

ב ע נ י: אַ יעס, זאָגט מיר, לילי, און אַז איר גײט אויף די פּלעצער װאָס איר האָט נאָר װאָס אויסגערעכנט, גײט איר דאָך געװיס אין דער באַגלײטונג פֿון אײער מאַן, נישט אמת?

ל י ל י: אָ נאו; מאָרים האָט נישט ליב די זאַכן. דערפֿאַר דערלויבט ער מיר צו גײן װאו און מיט װעמען איך װיל.

ב ע נ י: און אַז איר קומט אַהײם שפּעט בײַנאַכט, מאַכט ער אויף די טיר פֿאַר אײך?

ל י ל י: װאָס פֿאַר אַ פֿראַגע? האַ, האַ. איבעריקנס איך האָב דאָך אַ שליסל.

ב ע נ י: אַזוי, איר זענט אַ מאַדאַם מיט אַ שליסל. זער פֿײן, זער שײן.

ל י ל י: (װערט פֿאַרדעכטיק) איך בעט אײך צו װאָס די אַלע פֿראַגן? װאָס זענט איר — אַ דזשאַדזש, װאָס איר נעמט מיך אויפֿן קרײַץ־פֿאַרהער?

ב ע נ י: (בײז) הלואי װאָלט איך עס געװען, װאָלט איך געהײסן אַזעלכע מיקראָבן, װי איר, אויסראָטן, װײל איר זענט אַ פּעסט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

ל י ל י: װאָס פֿאַר אַ חוצפּה! װי װאָגט איר מיך צו באַלײדיקן, איר שנאָרער, איר קבצן! איך בין געקומען צו אײער שװעסטער און נישט צו אײך. אַזאַ געמײנהײט, מיך אַזוי צו באַלײדיקן! (האַסטיק אָפּ מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דער טיר).

ב ע נ י: (קוקט איר לאַנג נאָך) אָט דאָס איז אונזער פּראָגרעס! אַלץ האָט שוין די װיסנשאַפֿט דערגרײכט, נאָר װיאַזוי אַזעלכע װײַבער צו מאַכן פֿאַר מענטשן, אָט צו דער שטופֿע זענען מיר נאָך נישט געקומען.

אויפֿטריט אסתר

ב ע נ י: (לויפט איר אנטקעגן) האלאָ, אסתר, אזוי שפעט צו דינער?
א ס ת ר: וואָס האָב איך פאַרשפּעטיקט? (טוט זיך אויס).
ב ע נ י: האָסט שוין געפינשט?
א ס ת ר: (פאַרביטערט) פאַר היינט, אָבער נישט חלילה אויף שטענדיק.
ב ע נ י: זיי נישט קיין נאַר. ביזט אַ מיידל, וועסט חתונה האָבן איז אויס אַרבעט. זעסטו ביי מיר וועט זיך עס קיינמאָל נישט ענדיקן.
א ס ת ר: וואָס? דאָס ליידיק־גיין?
ב ע נ י: נו, וואָס קען איך טון, אַז איך קריג נישט קיין אַרבעט! דו ביזט דאָך נישט די מאַמע, דו דאַרפסט דאָך יאָ פאַרשטיין, אַז עס איז נישט מיין שולד.
א ס ת ר: איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי...
ב ע נ י: אסתר, וועסט היינט אָוונט גיין צום לעקטשור? די טעמע איז זער אינטערעסאַנט און וועט באַהאַנדלט ווערן פון אַ גוטן רעדנער.
א ס ת ר: לאָז מיך צורו, איך האָב נישט קיין געדולד.
ב ע נ י: ווילסט נישט, וועל איך אַליין גיין. אסתר, האָסט אפשר אַ פּאָר שילינג? אויף מיין ערן וואָרט ווי איך וועל זיי דיר אָפּגעבן מאָרגן.
א ס ת ר: און וואו זענען די נעכטיקע? ס'האָט דאָך אויך געזאָלט זיין מאָרגן. אָבער דער מאָרגן, דאַכט זיך, וועט קיינמאָל נישט קומען. (גיט אים געלט).
ב ע נ י: טהענקס, ביזט אַ ספּאָרט. טשירי אָה, ביי ביי. (אָב)
(אסתר מאַכט צורעכט דאָס פייער, זינגט אַ פּאָר ערנסטע טענער, זעצט זיך און רופט, מאַמע, מאַמע! ח נ ה לויפט אריין, ווישט זיך די הענט)
ח נ ה: האָסט מיך גערופן, טאָכטער? ווילסט אוודאי עסן. אָט טראָג איך דיר שוין אריין. (לאָזט זיך גיין)
א ס ת ר: מאַמע, קיינער איז דאָ נישט געווען?
ח נ ה: ניין, מיין קינד. אָט ברענג איך דיר אריין דיין דינער.
א ס ת ר: מען דאַרף נישט, מאַמע, איך וועל שוין שפּעטער עסן.
ח נ ה: שפּעטער, שפּעטער, אַלץ איז ביי דיר אויף שפּעטער. אוי, קינד מיינס, פון אָפּלייגן אויף שפּעטער קומט קיין גוטס נישט אַרויס. דאָס האַרץ ווערט איבערגע'חלש'ט, עס פאַרגייט דער אַפּעטיט און שפּעטער ווילט זיך שוין נישט מער.
א ס ת ר: דאַרף מען נישט. זעסטו, קיין גרעסער אומגליק זאָל נישט טרעפן. איבריקנס, אַז עס אַרט מיך נישט, וואָס אַרט עס דיך?
ח נ ה: איך בין דאָך אַ מאַמע! אַז איך זע ווי דו גייסט אויס ווי אַ ליכט, האָסט שוין קיין כוח נישט אויף די פיס צו שטיין, ווילסטו עס זאָל מיך נישט אַרן?

א ס ת ר: (בייז) וואָס ווילסטו פֿון מיר האָבן, מאַמע? הויבסט שוין ווידער אָן? אפשר בין איך דיר אין וועג, וועל איך אָפּטרעטן און — אַ סוף!

ח נ ה: איך רעד, פֿון האַרצווייטאָק רעד איך. מיין איך דען אויף שלעכטן? איך האָב דיך געבעטן אַלע יאָרן, אסתר זיי נישט קיין צו קלוגע, טו אַזוי ווי אַלע מיידלעך. גיי אויף אַ דאַנס, אויף אַ חתונה, אין טעאַטער; אפשר וועט גאָט העלפֿן וועסט זיך באַקענען מיט אַ יינגן מאַן און ס'וואָלט עפּעס געוואָרן דערפֿון. נו, האָסטו געזאָגט, אַז איך ווייס נישט און פֿאַרשטיי נישט... ביזט נאָכגעגאַנגען דיין אייגענעם קאָפּ. נו, האָסטו גוט אויסגעפֿירט?

א ס ת ר: וואָס זאָל איך טון, אַז איך געפֿין נישט קיין אינטערעס און קיין פֿאַרגעניגען אין די אַלע פֿאַרווייליגונגען, וואָס דו האָסט נאָר וואָס אויסגערעכנט. ניין, מאַמע, נישט יענע יינגעלייט אַפּעלירן צו מיר, וואָס גייען זוכן מיידלעך אויף דאַנסעס און חתונות. זיי זענען דאָך ספּאָרטס־לייט, איז דאָס חתונה־האָבן ביי זיי אויך אַ ספּאָרט. אַ סך פֿון יענע יינגעלייט האָבן אפילו נישט קיין אויסזיכט פֿון וואָס אַ לעבן צו מאַכן און דאָך נעמען זיי אַ מיידל און פֿאַרדרייען איר אַ קאָפּ.

ח נ ה: נישקשה, גאָט פֿאַרלאָזט נישט. אַ יידישע טאָכטער דאַרף און מוז חתונה האָבן.

א ס ת ר: נו, יאָ, דאָס איז דאָך דאָס אומגליק וואָס זי מוז. דערפֿאַר זענען פֿאַראַן אַזויפֿיל גרושות און עגונות. און איך זאָג, אַז איידער שלעכט חתונה האָבן איז בעסער צו פֿאַרבלייבן אַן אַלטע מויד.

ח נ ה: אָט דאָס האָסטו דיך אויסגעלערנט אויף די מיטינגס און לעקטשורס וואו דו גייסט. פֿון די אַלע ביכער וואָס דו לייענסט — (ציינגט אויף די בילדער) זיי זענען דיינע לערער, דיינע וועגווייזער. וואָס אַרט דיך, אַז דיין מאַמע'ס האַרץ ווערט צעבראָכן? און טאַקע אין דער אמתן, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַן אַלטע מאַמע ביי אַזעלכע קלוגע קינדער ווי מיינע?

א ס ת ר: (נערוועז) נו, וואָס־זשע ווילסטו? אדרבא זאָג, וואָס זאָל איך טון?

ח נ ה: קענסט נאָך היינט אויך חתונה האָבן. מען האָט מיר אָנגעשלאָגן אַ גאַנץ פֿיינעם שידוך פֿאַר דיר. נאָר איך קען דאָך דיך און ווייס, אַז דו וועסט נישט וועלן.

א ס ת ר: (מיט ווייטאָק) הם, אַז דו אַליין זאָגסט, אַז איך וועל נישט וועלן, שטעל איך מיר שוין פֿאָר דעם חתן...

ח נ ה: גלייב מיר אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. אַ שיינער, אַ רייכער, אַן אָנשטענדיקער, נאָר...

א ס ת ר: נאָר וואָס, ער האָט דעם הויקער?

חנה: חלילה, זאָל גאָט היטן! אַזעלכן וואָלט איך אַליין אויך נישט געוואָלט. (נעמט זי אַרום צערטלעך) נאָר. . . פֿאַרשטייסט, טאָכטער מיינע, ער איז אַן אַלמן מיט זעקס קינדער, (כאַפּט אונטער) אָבער אַ פֿיינער מאַן.

אסתר: (ווערט היסטעריש) שווייג, מאַמע; שווייג, רעד נישט מער, ווייל איך וועל אַראָפּ פֿון זינען. (האַלט זיך פֿאַרן קאָפּ און לויפֿט הין און צוריק).

חנה: נו, האָב איך גאָרנישט געזאָגט. (אויף אַ זייט) איך האָב דאָך געוואוסט, אַז זי וועט נישט וועלן. (אָפּ)

אסתר: (זעצט זיך ביים פֿייער, צעוויינט זיך שטאַרק. פּויזע. שטעלט זיך אויף, קוקט אַריין אין שפּיגל און ווישט אָפּ די אויגן. זיפֿצט, באַרואיקט זיך, נעמט אַרויס אַ בוך פֿון שאַנק, לייענט איבער דעם טיטל (די פֿרוי וואָס שטייט אין מיטן, פֿון אַרציבאַשעוו.). פֿאַררויכערט אַ ציגאַרעט. נעמט לייענען. אַ קלאַפּ אין טיר — קאָם אין!

אויפֿטריט מאָריס

(זי לויפֿט אים אַנטקעגן) האַלאָ, מאָריס, וואָס מאַכט איר? אַן אמת'ער גאַסט. איך האָב דאָך אייך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען. זיצט.

מאָריס: אַ דאַנק אייך, אסתר, פֿאַר פֿרעגן. (טוט זיך אויס) וועט איר מיר דערלויבן צו זיצן אויף מיין געווענלעכן פּלאַץ.

אסתר: שור, מיט פֿאַרגעניגן. (ער זעצט זיך).

מאָריס: נו, וואָס הערט מען ביי אייך דאָ? אים האָב שוין פֿיל מאָל אָפּגעמאַכט ביי מיר אַהערצוקומען, אָבער יעדעס מאָל מאַכט זיך עפּעס אַנדערש און ביז היינט האָב איך נישט געקענט אַדורכפֿירן מיין באַשלוס. נו, וואָס מאַכט איר, אסתר? וואָס מאַכן אַלע? איז עפּעס פֿאָרגעקומען נייעס ביי אייך דורך דער צייט וואָס איך בין נישט געווען?

אסתר: ביי אונדז איז נאָך אַלץ דאָס זעלבע. קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. (לאָזט אַראָפּ די אויגן).

מאָריס: (באַרואיקט) אַמאָל איז בעסער אַזוי. איר קענט דאָך דאָס ענגלישע שפּריכוואָרט: „נאָו ניוס איז גוד ניוס". נו, איצט וועל איך מיר פֿאַרסמויקן מיין פּייפּ. אפשר וועל איך זיך פֿילן ווי אַמאָל. (רויכערט).

אסתר: (פֿאַרשעמט) וואָס רעדט איר, מאָריס, וואָלט איר דען גע־וואָלט עס זאָלן זיך אומקערן די אַמאָליקע צייטן? (פּויזע).

מאָריס: און אייך וואונדערט דאָס, האַ?

אסתר: יעס, זער. זאָל איך גלויבן, אַז איר זענט נישט צופֿרידן?

מאָריס: אַבסאָלוט נישט!

אסתר: אין וועלכן זין?

מ אָ ר י ס: אין יעדן זין פֿון וואָרט.

א ס ת ר: ס׳איז אומגלויבלעך. דאַכט זיך, אַז איר האָט אַלץ וואָס קען אַ מענטשן צופֿרידנשטעלן. אַ גוט געשעפֿט, אַ שיינע מאָדערנע פֿרוי, מיט וועלכער איר האָט זיכער נישט חתונה־געהאַט קעגן אייער ווילן. וואָס נאָך קען זיך אַ מאַן ווינטשן היינטיקע צייטן?

מ אָ ר י ס: (דערשטוינט) אסתר, איר זאָלט פֿרעגן אַזאַ פֿראַגע, אָט דאָס וואונדערט מיך שטאַרק. איר, וואָס פֿאַרשטייט אַנדערש ווי אַנדערע פֿרויען; איר, וואָס קוקט מיט אַנדערע אויגן אויפֿן לעבן, אויף פּאַסירונגען; איבער־הויפּט ווען איר קענט מיך שוין אַזוי פֿיל יאָרן, קענט מיין כאַראַקטער, מיינע אידעען, מיינע אַנשויאונגען; איר זאָלט דענקען, אַז איך קען זיין צופֿרידן. אָט דאָס וואונדערט מיך! (נעמט איר האַנט אין זיינער) אסתר, איך בין באַגאַנגען אַ נאַרישן, אומזיניקן שריט, וועלכער וועט מיך רואינירן און איך וועל זיך קיינמאָל נישט פֿאַרגעבן.

א ס ת ר: (דערשטוינט) מאָריס, וואָס רעדט איר? איך פֿאַרשטיי אייך נישט. אַז איר דערלויבט זיך אַזוי פֿריי אויסצודריקן, שטעל איך מיך פֿאָר וואָס איר לעבט איבער. איך בעט אייך דערציילט מיר אַלץ, אפשר וועל איך אייך קענען העלפֿן, ווי איין פֿריינט אַ צווייטן. איר קענט זיך קוים פֿאַר־שטעלן ווי אייערע ווערטער האָבן אויף מיר געווירקט. זאָגט מיר, אין וואָס באַשטייט אייער אומצופֿרידנהייט?

מ אָ ר י ס: אין מיין געזעצלעכן פֿאַרבינדן זיך מיט אַזאַ פֿרוי, וועלכע איז אַבסאָלוט נישט פֿאַר מיר. איך ווייס איר וועט האַלטן מיין אויסדרוק פֿאַר אַן אומזין. איר וועט פֿרעגן, וואָס האָט מיך געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט איר. אָבער איך קען אייך בלויז ענטפֿערן: איך ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס איך האָב עס געטון. איך האָב זיך מיט איר באַקענט ביי אַ פֿריינט. זי איז געווען שיין, יינג און צאַרט. איך בין געווען נאַאיוו אין דעם זין און זיך געלאָזט פֿון איר דעם קאָפּ פֿאַרדרייען. יעדן אָוונט פֿלעגט זי מיך אָפּוואַרטן ביים געשעפֿט און ווי איך בין נאָר אַרויס אין גאַס, האָט זי מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם; זי איז געווען אַזוי ליבנסווירדיק! דער ריח פֿון אירע קאָסטבאַרע קאָסמעטיקעס האָט מיך פֿאַרכישופֿט און עס האָט מיך פֿאַקטיש געצויגן צו איר. איך בין געווען שכור פֿון ליידנשאַפֿט און אָן איבערלייגונג, אָן אַ חשבון וועגן קאָנסעקווענצן, האָב איך זיך מיט איר פֿאַר־בונדן. איך בין אָבער באַלד געקומען צום באַוואוסטזיין; געעפֿנט מיינע אויגן און דאַן ערשט אויסגעפֿונען, אַז זי איז אַ פֿרוי מיט אַלע אייגנשאַפֿטן, אַ שיין פּנים, אַ שלאַנקע פֿיגור, מיט מאַניקירטע נעגל, אָבער דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע וואָס אַ מענטש דאַרף פֿאַרמאָגן — אַ נשמה, אָט דאָס איז ביי איר נישטאָ...

א ס ת ר: דאָס איז שרעקלעך! עס איז אָבער קיין צווייפֿל נישט, אַז זי ליבט אייך דאָך.

מאַרים: זי ליבט מיך? אַזאַ פֿרוי ווייסט נישט פֿון קיין ליבע . . . זי זוכט מיין געלט וועלכעס זי פֿאַרשווענדט אויף נאַרישקייטן; זי ליבט מיך דערפֿאַר ווייל איך שטער איר נישט צו גיין אויף יענע פּלעצער וואָס פֿאַר־שאַפֿן איר פֿאַרגעניגען, שטעלן צופֿרידן אירע לייכטזיניקע פֿאַרלאַנגען. איך מאַך איר אפילו קיין פֿאַרוואורף נישט, ווען זי קומט אַהיים שפּעט ביינאַכט. די ערשטע צייטן פֿלעג איך גיין מיט איר, ווייל איך האָב נישט געוואָלט מענטשן זאָלן רעדן; איך בין אָבער מיד געוואָרן פֿון דעם סאָרט לעבן. יעדן טאָג קומען אריין גרויסע בילס פֿון פֿאַרשידענע פֿירמעס און איך צאָל. דער סוף וועט זיין, אַז זי וועט מיך טרייבן צו באַנקראָט.

אסתר: (זיפֿצט) יאָ, יאָ, אַזוי איז דאָס לעבן. דער, וואָס קען לעבן, וויל נישט און דער, וואָס וויל לעבן, קען נישט . . . אָבער דאָך דאַרפֿט איר אייער האָפֿנונג נישט אויפֿגעבן. זי איז נאָך יינג, מעגלעך, מיט דער צייט וועט זי פֿאַרשטיין ווי אָפּצושאַצן איר גליק.

מאָרים: איך ווייס, אַז איר זאָגט עס נאָר, כדי מיך צו טרייסטן. איר זענט אַ טרייע, ליבע נשמה. (זיפֿצט) אַך, ווען איך וואָלט דאַן פֿאַרשטאַנען דאָס, וואָס יעצט.

אסתר: יאָ, ווען צייטן זאָלן זיך אומקערן, וויפֿל אומגליקלעכע וואָלטן גליקלעך געוואָרן! אָבער מיר גייען נישט צוריק, נאָר פֿאָרויס, חבר . . .

מאָרים: אַ העלפֿט פֿון מיין לעבן וואָלט איך אָפּגעגעבן, ווען עס זאָלן זיך ווידער אומקערן יענע גליקלעכע, אינטערעסאַנטע שטונדן; ווען איך פֿלעג דאָ, אויף דעם זעלבן אָרט, פֿאַרברענגען מיט אייך אין לעבהאַפֿטע דיס־קוסיעס. גאַנצע פּראָבלעמען פֿלעגן מיר באַהאַנדלען. איר געדענקט עס, אסתר? אָ, ווי שיין און דערהאָבן איז יענע צייט געווען און ווי מאָנאָטאָן און לאַנגווייליק איז אַלץ יעצט! . . .

אסתר: (דרייט אוים דעם קאָפּ, ווישט די אויגן) פֿאַרוואָס האָט איר דאַן נישט פֿאַרשטאַנען, נישט געפֿילט דאָס, וואָס יעצט?

מאָרים: אָבער יעצט פֿאַרשטיי איך, יאָ אסתר?

אסתר: יעס, נאָר יעצט איז צו שפּעט . . .

מאָרים: (שטייט אויף אַנטשלאָסן) אסתר, איך וויל זיך מיט אייך געזעגענען, איך פֿאָר אַוועק.

אסתר: (דערשטוינט) איר פֿאָרט אַוועק? וואו אַהין?

מאָרים: מיר איז קיין אונטערשייד נישט. איך ווייס נאָר, אַז איך מוז אַוועק פֿונדאַנען, אויב נישט וועל איך אַראָפּ פֿון זינען. אָבער איידער איך פֿאָר, האָב איך צו אייך אַ בקשה; און איך האָף, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן. (נעמט איר האַנט) אַז איך וועל צו אייך שרייבן, וועט איר מיר ענטפֿערן?

אסתר: וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע! איר פֿילט דאָך מן־הסתם, אַז איך בין

אייך אַ גוטער פריינט און עס וועט מיך זיכער אינטערעסירן צו וויסן וואו איר זענט און וואָס איר מאַכט.

מ אָ ר י ס: אסתר, איר פאַרשטייט מיך נישט, צי איר ווילט מיך נישט פאַרשטיין? איך מיין (צעגערט), אַז איך וועל אייך שרייבן איר זאָלט קומען צו מיר, וועט איר קומען?

א ס ת ר: (צווייפלט) מאָריס, ווי קען איך?! נו, און אייער פרוי?

מ אָ ר י ס: איך וועל זי גטן.

א ס ת ר: (נאָכדענקענד) מאָריס, זייט אויפריכטיק און זאָגט מיר דעם אמת.. זענט איר זיכער, אַז איר ליבט זי נישט?

מ אָ ר י ס: ניין, איך בין אָפּנהערציק, ווי איר פאַרלאַנגט עס פון מיר.

א ס ת ר: (אַנטשלאָסן) אַ דאַנק אייך! (פויזע. קעמפט מיט זיך).

מ אָ ר י ס: וואָס טראַכט איר, אסתר? האָב איך אייך געברענגט אין אַ פאַרלעגנהייט אָדער צווייפלט איר נאָך אַלץ אין מיין באַהויפּטונג?

א ס ת ר (אַנטשלאָסן) מאָריס, איך האָב דיך ליב. איך וועל אָנשטרענגען אַלע מיינע כחות דיך גליקלעך צו מאַכן מיט מיין ליבע. אַ, ווען דו זאָלסט וויסן וויפל שלאָפלאָזע נעכט מיך האָט געקאָסט דיין פאַרבינדן זיך מיט אַ צווייטער. איך האָב פרובירט צו דערשטיקן מיינע געפילן, אָבער עס איז מיר נישט געלונגען און מיין פאַרביטערט הארץ האָט רעאַגירט אויפן גאַנצן גאַנג פון מיין לעבן.

מ אָ ר י ס: אַך, ווי מענטשן זענען בלינד און זעען נישט וואָס אַרום זיי טוט זיך! פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געעפנט מיינע אויגן דאַן, ווען עס איז נאָך געווען צייט צו פאַרמיידן די אַלע שמערצן און פיין, וואָס מיר ביידע האָבן איבערגעלעבט!

א ס ת ר: טייערער מיינער, מיין געפונען גליק! לאָמיר זיך באַמיען צו פאַרגעסן אַלץ וואָס עס איז געווען און אָנפאַנגען אַ ניי לעבן מיט נייע האָפנונגען. אונדזער גליק איז געקומען אביסל צושפעט, אָבער עס מאַכט נישט אויס. בעסער שפעטער, איידער קיינמאָל נישט . . .

מ אָ ר י ס: דו פאַרשטייסט דאָס לעבן, מיין הארציקע געליבטע, נאָר דו. מיר וועלן אַוועק ערגעץ ווייט, וואו קיינער קען אונז נישט. דאָרט וועלן מיר לעבן ווי צוויי מענטשן מיט איין נשמה. און ווען איך וועל באַקומען אַ גט, וועלן מיר צוריק קומען אַהער און איך וועל זיין שטאָלץ און גליקלעך מיט דיר. (ער קוקט אויפן זייגער) נעם, דאַרלינג, און מאַך דיך רייזע־פאַרטיק. איך האָב נאָך אייניקע זאַכן צו באַזאָרגן. כ׳וועל באַלד זיין צוריק. דאַן וועלן מיר באַשטימען וואו אַהין צו פאָרן און וואָס גיכער (קושט זי) גוד־ביי. דער־ווייל נישט אויף לאַנג. (אָב)

א ס ת ר: (ווי צוטומלט) אַזוי פיל יאָרן געוואַרט אויף דעם מאָמענט! אַ, וויפל מאָל האָב איך אים שוין אויפגעגעבן! דאָך איז דאָס אוממעגלעכע

מעגלעך געוואָרן. (אין אַ הייטערער שטימונג מאַכט זי צורעכט דאָס פֿייער, וואָס האַלט ביים אויסגיין, רופֿט אין אַן אויפֿגעלייגטן טאָן:) מאַמע, מאַמע!

(חנה לויפֿט אַריין)

חנה: האָסט מיך גערופֿן, מיין קינד! ווילסט אוודאי עסן, האַ? אָט טראָג איך דיר שוין אַריין דיין דינער. זע נאָר, פֿאַרוואָס האָסטו געלאָזט דאָס פֿייער אויסגיין?

אסתר: (פֿויקט דאָס פֿייער) שאַ, שאַ, נעם זיך נישט צום האַרצן, אַבי עס איז נאָך אין גאַנצן נישט אויסגעגאַנגען, און וואו עס איז פֿאַראַן אַ פֿונק, קען מען נאָך אָפּראַטעווען. אָט וועסטו באַלד זען. און איצט, מאַמע, גיב מיר עסן. איך בין הונגעריק, אַז איך וואָלט געקענט איינשלינגען אַ גאַנצן אָקס.

חנה: אסתר'ל, מיין קינד, עפּעס איז געשעען נייעס. איז ווער דאָ געווען? איך געדענק שוין נישט די צייט, ווען איך האָב דיך געזען אַזוי פֿריילעך און אַזוי צופֿרידן. עס זאָל נאָר זיין צום גוטן, טאַטע זיסער אין הימל! עפּעס איז דאָ געשעען אַן איבערקערעניש.

אסתר: יאָ, מאַמע, איך האָב פֿאַר דיר גוטע נייעס. גיי, טראָג מיר אַריין עסן און זעץ דיך דאָ נעבן מיר וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

חנה: גוטער גאָט אין הימל, איך בין נישט ווערט דיין חסד! אָט ברענג איך שוין אַריין. (אָפּ)

אסתר (גרייט צום טיש. מאַכט זיך גלייך די האָר, קוקט אין שפּיגל) ווי זאָגט מיין מאַמע, גאָטעניו, עס זאָל נאָר זיין צום גוטן!

(חנה קומט מיטן עסן).

חנה: אָט דאָ, טאָכטער. עס און דערצייל דער מאַמען אַלצדינג, דו הערסט? באַהאַלט פֿון מיר קיין זאַך נישט. אַ מאַמע איז דער בעסטער פֿריינט!

אסתר: (עסט) מאַמע, איך פֿאָר אַוועק.

חנה: (דערשטוינט) וואָס? דו פֿאָרסט אַוועק! וואו אַהין? צו וועמען? צו וואָס?

אסתר: מאַמע טייערע, מאַטער מיך נישט מיט די אַלע פֿראַגן, ווייל איך קען דיר יעצט גאָר נישט זאָגן. נאָר דו וועסט פֿון מיר קריגן אַ בריוו אין וועלכן איך וועל דיר אַלץ דערקלערן. איך פֿאַרזיכער דיר, אַז איך גיי נישט אַראָפּ פֿון גלייכן וועג. קענסט גאַנץ רואיק זיין, דו קענסט דאָך דיין טאָכטער, און מעגסט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן.

חנה: היינטיקע קינדער, פֿרעג מיך נישט, איך קען דיר נישט זאָגן. אָט דאָס זענען די געבילדעטע, די געלערנטע. אַ מאַמע טאָר נישט פֿרעגן און אַ מאַמע טאָר נישט וויסן. ווי איז מיינע יאָרן. (וויינט)

א ס ת ר: (רוקט אָפּ דאָס עסן) איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט אַזוי זיין. אַלץ קומט מיר אָן שווער! אַלץ, אַלץ! ווי וואָלט געווען דער פאַל, ווען איך זאָג גאָרנישט, פּאַק איין מיינע זאַכן, פאָר אַוועק און דו וואָלסט אפילו נישט געוואוסט וואו איך בין אַהינגעקומען? דאָס וואָלט בעסער געווען? גלויב מיר, מאַמע, עס איז בעסער צו הערן גוטע בשורות פון דער ווייטנס, איידער צו האָבן צרות פון דער נאָענט...

ח נ ה: מילא, זאָל שוין זיין ווי דו זאָגסט. אָבער וואָס וועלן מיר טון? דו קענסט דאָך דיין טאַטנ׳ס פאַרדינסטן און דיין ברודער׳ס פילאָזאָפיע. פונוואַנען וועלן מיר נעמען צום לעבן? דו ביזט דאָך אונזער גאַנצע פּרנסה־געבערין! וויי איז מיר.

א ס ת ר: זאָרג נישט, מאַמע, איך וועל דיר יעדע וואָך צושיקן וויפיל איך וועל קענען. זיי נאָר רואיק.

ח נ ה: נו, אויב אַזוי, פאָר זשע געזונטערהייט. עס שטייט דאָך געשריבן אין די הייליקע ספרים, משנה מקום משנה מזל. מילא, אפשר וועט דיר גאָט העלפן, מיין קינד? דיר דאַרט צושיקן דיין זיווג. נו, זאָל איך איינפּאַקן דיינע זאַכן?

א ס ת ר: יאָ, מאַמע, פּאַק איין אַלץ וואָס דו קענסט. די בעסטע אונטערוועש און פאַרגעס נישט דאָס בלויע קלייד און דעם דרעסינג־גאָון און אַלע קלייניקייטן, הערסט? אַלץ דאַרף איך האָבן. יאָ, פאַרגעס נישט די נייע פּידזשאַמעס.

ח נ ה: גוט, מיין קינד. (לאָזט זיך גיין)

א ס ת ר: און מאַמע, די ברוינע שיך און די סליפּערס.

ח נ ה: אַלץ, אַלץ, מיין קינד. (גייט)

א ס ת ר: אַ, יעס, און דעם ווייסן סליפּ, וואָס דו האָסט מיר געקויפט מיט פינף יאָר צוריק פאַר מיין אויסשטייער. נו, מאַמע, וואָס שטייסטו, האָסט נאָך נישט איינגעפּאַקט? (שמייכלט צופרידן)

ח נ ה: אוי, אַ געזונט אויף דיר! ווי קען איך פּאַקן, אַז דו האַלסט מיך אין איין רופן! (אָפּ)

א ס ת ר: (זעצט זיך פאַרמאַטערט) נו, גאָט זיי דאַנק, שוין אַלץ אַראַנזשירט. (גייט צו צו דער ביכער־שאַנק, קוקט איבער אייניקע ביכער, לאַנגע פּויזע).

חיים דוד דערשיינט פאַרשלאָפן

ח י י ם ד ו ד: זאָג מיר נאָר, טאָכטער מיינע, די מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז דו פאָרסט אַוועק. איז דאָס אמת?

א ס ת ר: יאָ; איך האָב שוין דער מאַמען אַלסדינג דערציילט. איך בעט דיך, לאָז מיך צורו און שטעל מיר מער נישט קיין פראַגן.

חיים דוד: חלילה. דו ווילסט נישט, דאַרף מען נישט. אָבער איך וויל נאָר וויסן איין זאַך און נישט מער. צו וועמען פֿאָרסטו? ווי לאַנג וועסטו דיך זוימען? און ווען קומסטו צוריק?

אסתר: איך קען דיר אויף די אַלע פֿראַגן אפילו קיין איין ענטפֿער נישט געבן.

חיים דוד: וואָס הייסט, דו קענסט נישט? וואָס בין איך דיינס? (פויזע) וואָס בין איך דיינס, פֿרעג איך!

אסתר: אַ טאַטע, אַ טאַטע, אַ טאַטע! שוין גוט!

חיים דוד: בין איך יאָ אַ טאַטע? אַ דאַנקען גאָט דערפֿאַר, נו, אַז איך בין יאָ אַ טאַטע, האָב איך דאָך אַ רעכט צו פֿרעגן וואו דו פֿאָרסט!

אסתר: יאָ; דו האָסט אַ רעכט צו פֿרעגן, אָבער איך האָב נישט קיין מעגלעכקייט דיר צו זאָגן; ווייניקסטנס נישט יעצט.

חיים דוד: (אויפֿגערעגט) אַזוי? אַ סוד! אַ סוד פֿאַר טאַטע־מאַמע, האַ? אוי, די היינטיקע קינדער, די קלוגע, די געלערנטע! (צייגט אויף די ביכער) אַזאַ מזל אויף זיי, ווי זיי האָבן דיך אויסגעלערנט!....

אסתר: (בייז) לאָז מיך צורו, איך בעט דיך. וואָס ווילסטו פֿון מיר, וואָס מאַטערסטו מיך, וויפֿיל בין איך דיר שולדיק? איך זאָג דיר, אויב וועסט מיך נישט אויפֿהערן צו פּלאָגן, וועל איך מיר דאָס לעבן נעמען און שוין. (וויינט).

חיים דוד: אָט דאָס איז דער דרך־ארץ, וואָס מען גיט אָפּ טאַטע־מאַמע. אוי, צו וואָס ביזטו געבוירן געוואָרן? צו וואָס — פֿרעג איך.

אסתר: אָט דאָס פֿרעג איך אויך. פֿון דעסטוועגן האָב איך צו דיר קיין טענה נישט, כאָטש דו ביזט שולדיק אין דעם. (זעצט זיך ביים פֿייער).

בעני דערשיינט

חיים דוד: אָט גייט מיין פרנסה־געבער. הונגעריק אוודאי, האַ? (בעני רוימט איין אסתר'ן אין אויער) אָט אַזוי טאָג און נאַכט נאָר מען סוד'עט זיך. נו, האָסט שוין געבראַכט עפּעס נייעס, תכשיט מיינער?

בעני: ס'איז נישט קיין נייעס. אָבער וואָס אַרט עס דיך? מיינע נייעס וועלן דיך סאַי ווי סאַי נישט אינטערעסירן.

חיים דוד: נו, אויב דו האָסט נישט, וועל איך דיר דערציילן נייעס. דיין שוועסטער פֿאָרט דאָך אַוועק. אדרבא, זאָג, דו ביזט דאָך עפּעס אַ גרויסער פֿילאָזאָף, אַ קלוגער מענטש מיט אַ שאַרפֿן מח, דאַרף אַ מיידל אַוועקפֿאָרן אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אפילו נישט וויסן וואוהין?

בעני: פֿאַרוואָס נישט? אויב זי פֿאַרשטייט, אַז זי דאַרף פֿאָרן, זאָל זי פֿאָרן. זי איז שוין גענוג אַלט צו וויסן וואָס זי טוט.

ח י י ם ד ו ד : א וויסטער חלום זאל אויסגיין צו דיין קאפ, דיינע הענט און פיס; משומד וואס דו ביזט! איך האלט זיך מיט דיר אן עצה און וויל, אז זאלסט מיר ארויסהעלפן, ביזטו גאר אויף איר זייט. ווארט, ווארט איך וועל זיך שוין מיט דיר אפרעכענען.

ב ע נ י : נישט נויטיק. איך קען שוין דיינע חשבונות.

ח י י ם ד ו ד : דו וועסט ביי מיר קייען די ערד. שוין זאלסטו זיך ארויסטראגן פון הויז, אויב נישט . . . וועל איך דיך ארויסווארפן, ווייל איי־נער פון אונז מוז אפטרעטן!

ב ע נ י : טאטע, זיי נישט אין כעס, מיר וועלן ביידע דא בלייבן; מיר וועלן זיך שוין אויסגלייכן. איך וועל נאר אנהייבן צו פארדינען און דיר אונטער־רוקן עטלעכע שילינג פאקעט־מאני וועט שוין אלץ זיין גוט. א־יא, טאטע, איך פארשטיי וואס עס קוועטשט דיך אונטערן לעפעלע? אבער דער־ווייל האב איך נישט קיין ארבעט און עס איז נישט וואס צו רעדן.

ח י י ם ד ו ד : נו, יא, אז דער לענדלארד וועט קומען נאך רענט, וועל איך אים זאגן, מיסטער־לעבן, איר מוזט ווארטן ביז מיין תכשיט וועט ווערן ביזי. און אונזער לענדלארד איז דאך א גוטע נשמה, א מענטש מיט א ווייך הארץ, וועט ער אוודאי ווארטן; ווי זאגסטו, טאכטער?

א ס ת ר : איך זאג, אז איר ביידע נודיעט ארויס די נשמה און איך האב נישט קיין גדולד. (האסטיק אפ).

ח י י ם ד ו ד : און ער וועט זיכער נישט ווארטן נאר אונז ארויס־ווארפן אויף דער גאס מיט אונזער גאנצן פארמעגנס, מ'שטיינס געזאגט.

ב ע נ י : עט, עט, עס ווארפט זיך נישט אזוי גרינג.

ח י י ם ד ו ד : נו, יא, ער וועט אוודאי פאר דיר מורא האבן. עפעס א קלייניקייט, אזא גרויסער מענטש ווי דו? ביזט אזא חכם, וואס ליגט אויף מיינע קראנקע ביינער און שרייט, מאמע גיב עסן! (גייט צו די ביכער).

ב ע נ י : טאטע, איך קען דאס געזעץ בעסער ווי דיין לענדלארד. ענגלאנד איז א פרייע מדינה, דא ווארפט מען נישט. אמת, ער האט געלט, אבער כאראקטער און מענטשלעכקייט דאס האבן מיר.

ח י י ם ד ו ד : נו, פרעג איך א קשיה: איז עס א וואונדער, אז היינטיקע קינדער זענען אזוי צולאזן, ווען מען לעזט אזעלכע ביכער? (לעזט) די פרוי וואס שטייט אין מיטן. די פארפירטע. ־ פרייע ליבע. מאדאם יצר־הרע. אט דאס איז אוודאי דער מאמעס מעשה־ביכל . . . אוי, עס איז פשוט נישט אויסצוהאלטן.

א ס ת ר דערשיינט

א ס ת ר : נו, ווי האלט איר? שוין דערליידיקט קאפיטאל און ארבעט? אוי, נאראנים, דאס האבן שוין פרובירט גרעסערע פון אייך און דערווייל איז עס זיי נישט געלונגען.

(א קלאפ אין טיר, ל י ל י דערשיינט)

ל י ל י: (זער צעטראָגן): גוד איווניגג!

ח י י ם ד ו ד: אַ גוט יאָר. קומט נענטער. וואָס שטייט איר אין מיטן?

ל י ל י: אסתר, איך האָב געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדן, אָבער נאָר מיט אייך אַליין.

א ס ת ר: אָלרייט, לילי. טאַטע, זיי אַזוי גוט, גיי אַריין אין צווייטן צימער.

ח י י ם ד ו ד: שוין ווידער אַ סוד. ווי איז מיר, וואו באַהאַלט מען זיך פון זיי; וואו טוט מען זיך אַהין? איך וועל גאָר צוגיין צו דער יוניאָן באַפן אַ דאָמינאָ. (אָפּ)

א ס ת ר: בעני, פּליז גיי אַריין אין קיטשן. שטער אונז נישט. (נערוועז)

ב ע נ י: איך וואָלט סאַי ווי אַוועק פונדאַנען. אירע סודות אינטערעסירן מיך נישט. (אָפּ)

א ס ת ר: קומט אַהער, לילי, זיצט און דערציילט מיר וואָס אייך האָט אַהערגעבראַכט צו מיר.

ל י ל י: אסתר, אַלס פריינדין וויל איך אייך עפּעס פאַרטרויען. מאָרים איז שוין זינט עטלעכע טעג אַוועק פון דער היים, אפשר ווייסט איר וואו ער איז?

א ס ת ר: איך? פונוואַנען זאָל איך וויסן?

ל י ל י: (אַפּעלירט) אסתר, איך בעט אייך אין נאָמען פון אונזער פריינטשאַפט, העלפט מיר אים געפינען. איך קען אָן אים נישט לעבן . . .

א ס ת ר: פאַרוואָס איז ער אַוועק פון דער היים?

ל י ל י: מיר האָבן זיך צעקריגט און ער איז אַוועק. ער וויל נישט איך זאָל גיין טאַנצן. נו, וועל איך נישט גיין. איך וועל אַלץ טון וואָס ער פאַרלאַנגט פון מיר, אַבי ער זאָל קומען צוריק. (וויינט)

א ס ת ר: אויב איך וועל אים זען, וועל איך מיט אים איבעררעדן. אָבער איך קען אייך נישט צוזאָגן, אַז עס וועט מיר געלינגען. (איבערגאַנג) לילי, איר זענט זער לייכטזיניק. נישט אַזוי האַנדלט אַ פרוי קעגן איר מאַן. אַ מאַן וויל האָבן אַ היים, אַ פרוי פאַר זיך אַליין, אַ ווירטין אין שטוב. איר זענט דאָס אַלץ נישט געווען. ער האָט אייך געליבט, האָט איר באַדאַרפט זיין ליבע אָפּהיטן, אָפּפּריישן ווי אַ צאַרטע בלום, אָבער איר האָט עס נישט געטון. נו, גאַנץ נאַטירלעך איז זי פאַרוועלקט געוואָרן און יעצט האָב איך מורא, אַז עס איז שוין צושפּעט . . .

ל י ל י: (דערשטוינט) פונוואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ?

א ס ת ר: ער האָט דאָס פאַר מיר פאַרטרויט. אין זיין אומגליק, האָט ער פאַר מיר זיך דאָס האַרץ אויסגערעדט. איך האָב פּרובירט אים איינצורעדן,

אַז איר זענט נאָך ייִנג און איר וועט מיט דער צייט אַנדערש ווערן, כאָטש איך פֿיל און פֿאַרשטיי, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין. איר זענט אפשר נישט שולדיק, עס איז אייער כאַראַקטער, און דאָס קען מען נישט ענדערן. ער האָט מיר אויך אויסדריקלעך געזאָגט, אַז ער קען נישט און וועט נישט מער לעבן מיט אייך.

ל י ל י : ער וועט מוזן, איך וועל אים צווינגען דערצו. (וויינט)

א ס ת ר : איר זענט נאַאיוו, לילי. עס איז נישטאָ אַזאַ געזעץ וואָס קען צווינגען אַ מאַן צו וואוינען מיט זיין פֿרוי אויב ער וויל נישט.

ל י ל י : אויב נישט צוליב מיר, איז צוליב עפּעס אַנדערש. (צעגערט) צוליב זיין קינד, וואָס איך טראָג אונטער מיין האַרצן.

א ס ת ר : (שפּרינגט אויף נערוועז) וואָס רעדט איר, לילי, איז דאָס אמת אָדער נעמט איר עס אָן אַלס מיטל אים צו ברענגען צוריק?

ל י ל י : דאָס איז דער ריינער אמת. די צייט וועט דאָס איבערצייגן.

א ס ת ר : (פֿאַר זיך) אויב אַזוי האָב איך פֿאַרשפּילט. יאָ, יאָ, לילי, ער וועט גיין מיט אייך צוריק אַהיים, איך האָט אַ רעכט אויף אים. אוי, מיין קאָפּ! (עפֿנט דאָס פֿענסטער) איך ליידט היינט פֿון שרעקלעכע קאָפּ־שמערצן.

ח נ ה מיט באַגאַזש

ח נ ה : אָט דאָ, טאָכטער, האָב איך דיר אַלץ איינגעפּאַקט און פֿאַר געזונטערהייט. (דערזעט לילין) אָ, אַ גאַסט ביי אונז. וואָס מאַכט איר לילי?

ל י ל י : אַ דאַנק, איי עס אָן קעי.

מ אַ ר י ס פֿרייליך געשטימט. דערזעט לילין און בלייבט שטיין אין פֿאַרלעגנהייט.

א ס ת ר : מאַמע, זיי אַזוי גוט און מאַך טיי. מיר האָבן דאָך אַזעלכע געסט.

ח נ ה : יאָ, יאָ. אָט גיי איך שוין צושטעלן דעם קעסל. (אָפּ)

א ס ת ר : מאָריס, לילי איז אייך געקומען איבערבעטן. זי וויל איר זאָלט גיין אַהיים.

מאָריס: איך וועל נישט גיין. (צו לילי) מיט וועלכן רעכט קומסטו מיך זוכן אין פֿרעמדע הייזער?

ל י ל י : האָב איך דען נישט קיין רעכט, ביזטו דען נישט מיין געזעצלעכער מאַן?

מ אַ ר י כ : (ווערט ווילד) אָבער נישט מער ווי ביים געזעץ.

ל י ל י: מאָרים, איך בעט דיך, קום אַהיים. איך וויל נישט געבן מענטשן קיין געלעגנהייט צו זאָגן, אַז דו ביזט פון מיר אַנטלאָפן.

מ אָ ר י ס: הלואי וואָלט איך געקענט אַנטלויפן פון זיך אַליין און פטור ווערן פון דעם זינלאָזן לעבן. וואָס דערוואַרט מיך ביי דיר אין דער צוקונפט; וואָס פאַר אַן אינטערעס קען איך האָבן ביי דיר, אַז מיר זענען צוויי קאָנטראַסטן? ! מיר האָבן דאָך קיין שום געמיינשאַפטלעכעס צווישן זיך. נאָר אויב דו ווערסט זיך שפּילן מיט מיינע געפילן און עס וועט דיר דאָך געלינגען מיך צוריק צו נעמען אַהיים, דאַן וועט דאָס פאַר אונז ביידע זיין נישט מער ווי אַ גיהנום.

א ס ת ר: מאָרים, באַרויִקט אייך. גייט אַהיים און גיט איר אַ מעגלעכקייט זיך אויסצורעדן. זי האָט אייך זער וויכטיקס מיטצוטיילן. (קערט אַוועק דעם קאָפּ)

ל י ל י: מאָרים, נישט צוליב מיר בעט איך דיך. אויב דו ביזט בייז אויף מיר, טו עס נישט צוליב מיר, נאָר צוליב מיין קינד — אונזער קינד — וואָס דאַרף געבוירן ווערן. (אסתר דרייט שנעל אוים דעם קאָפּ, קוקט אויף מאָריסן).

מ אָ ר י ס: וואָס רעדסטו, לילי, איז דאָס אמת?

ל י ל י: אַזוי אמת ווי גאָט לעבט! (סצענע)

א ס ת ר: מאָרים גייט אַהיים. מען קען נישט גיין קעגן גורל. אַזוי איז עס באַשטימט! (ווישט זיך די אויגן) איר זעט (ציינט אויף איר באַגאַזש) אָט האָב איך באַשטימט צו פאָרן אויף אַ וועג וועלכער איז געווען אויסגעשפּרייט מיט בלומען און אַז דער גורל וויל נישט, גייט עס נישט . . .

מ אָ ר י ס: לילי, גיי אַהיים, איך וועל באַלד קומען.

ל י ל י: (מיט צופרידנהייט) דיין ערן־וואָרט?

מ אָ ר י ס: יעס, מיין ערן־וואָרט.

ל י ל י: אַלרייט, איך גלויב דיר. גוד ביי. (אָב)

(סצענע. לאַנגע פויזע. אסתר וויינט היסטעריש)

מ אָ ר י ס: (נעמט זי אַרום) אסתר, מיין טייערע, גלויב מיר, אַז מיר איז פיל ערגער ווי דיר. דו ביזט, וויניקסטנס, פריי, נישט צוגעבונדען צו קיינעם, איך אָבער ווי וועל איך עס אויסהאַלטן!

א ס ת ר: (פאַרצווייפלט) מאָרים, גיי אַהיים. עס רופט דיך יעצט אַ פליכט! דו ווערסט ווערן אַ פאָטער און דאָס לעבן פון דיין קינד וועט אין דיר איינפלאַנצן ליבע, גלויבן און מוט. דו ווערסט ווידער קענען פאָרטזעצן דעם שווערן קאַמף. איך אָבער פאַר וועמען האָב איך צו לעבן; ווער דאַרף מיך? (צעוויינט זיך) ווער וועט פאַרנעמען דיין פּלאַץ אין מיין האַרצן?

מ אָ ר י ס: די וועלט איז פוסט און נאַריש. נישטאָ קיין ממשותדיקעס. איך האָב געהאַנדלט לייכטזיניק, נישט־אויסגערעכנט, און דערפֿאַר זיך פֿאַר־דרייט אין אַזאַ קאָשמאַר פֿון וועלכן איך וועל זיך שוין קיינמאָל נישט קענען באַפֿרייען. דו אָבער האָסט שוין געהאַנדלט מיט פֿאַרשטאַנד, מיט איבער־לייגונג. — דער רעזולטאַט? מיר זענען ביידע באַנקראָט. (נעמט זי אַרום) אסתר, מיר האָבן ביידע געהאַט אַ שיינעם, גייסטרייכן חלום, וואָס האָט נאָר געדויערט אַ קורצע צייט און באַלד זענען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נאָר חלומות קענען זיין אַזוי גייסטרייך און שיין! אסתר טייערע, זיי מיר מוחל! דו ווייסט דעם אמת, אַז איך האָב עס אַנדערש געמיינט און געוואָלט. איך גיי וואו עס רופֿן מיך די פֿליכטן פֿון אַ פֿאָטער, אָבער איך פֿאַרזיכער דיר, אַז דו און נאָר דו וועסט זיין אין מיין האַרצן און פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון מיין געליבטע, מיין פֿרוי און לעבנס־באַגלייטערין. זיי געזונט, מיין האַרציק געליבטע און טראַכט תמיד וועגן מיר, ווייל איך וועל שטענדיק דענקען וועגן דיר. (סצענע. גיט איר אַ קוש. זי באַגלייט אים צו דער טיר).

מ אָ ר י ס: גוד ביי, מיין אסתר.

א ס ת ר: גוד ביי. (מאָריס אָפּ. זי גייט וואַקלענדיק זיך צום טיש, פֿאַלט אַרויף אויף אים און צעוויינט זיך ביטער).

פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

אַ צוטשעפּעניש . . .

— איך האָב געהערט, אַז איר פֿאָרט נאָך קאַרלסבאַד, איז דאָס אמת? — פֿרעגט ביי מיר אַ גאַליציאַנער ייד אויף וויקטאָריאַ סטיישען.

— יאָ, איך פֿאָר קורירן מיינע אָנגעשטרענגטע נערוון, — ענטפֿער איך דעם נייגעריקן יידן. — אָבער צו וואָס דאַרפֿט איר דאָס וויסן?

— ווייל איך פֿאָר אַהין מיט מיין ווייב, זוכן אַ דאָקטאָר, וועלכער זאָל ביי איר געפֿינען אַ קרענק . . . דאָ האָט זי שוין געזען די גרעסטע דאָקטוירים, און זיי קענען ביי איר גאָרניט געפֿינען, איר פֿאַרשטייט, און אַזוי ווי מיר זענען נאָך דאָרט קיינמאָל נישט געווען, איז כדאי זיך צו אייך צוצוטשעפּן, וועלן מיר ערשטנס פֿאָרן זאַלבעדריט, צווייטנס וועט איר אונז פֿירן צום דאָקטאָר, און דריטנס וועט איר אונז ווייזן אַלץ וואָס מיר האָבן נאָך ניט געזען . . .

— ווי קען איך אייך אַרומפֿירן ווייזן וואָס איר האָט נאָך ניט געזען, אַז איך אַליין פֿאָר אַהין צום ערשטן מאָל, — פּרוביר איך זיך אָפּצוטשעפּן פֿון דעם צוטשעפּעניש.

— נעווער מיינד, איך קען אייך און ווייס אַז מען קען זיך אויף אייך פֿאַרלאָזן, און כאָטש איר זייט נאָך דאָרט ניט געווען, ווייסט איר מער פֿון אַן אַנדערן — ענטפֿערט דער ייד, און שמייכלט נאַריש . . .

מיך האָט אַמוזירט זיין ענטפֿער, און איך האָב באַשלאָסן צו ווערן זייער וועג־ווייזער.

די פּאַסאַזשירן האָבן דערווייליע אָנגעהויבן פֿאַרנעמען זייערע זיץ־פּלעצער, און איך וויל אויך טון דאָס זעלבע, כאַפּט מיך דער ייד אָן פֿאַר דער האַנט און הייסט מיך וואַרטן אויף זיין ווייב.

— וואו איז אייער פֿרוי? — פֿרעג איך פֿאַרדריסלעך, — ס'איז דאָך שוין שפּעט.

— זי קומט באַלד אַהער, — ענטפֿערט דער ייד, און וואַרפֿט דרינגענדע בליקן צום אַריינגאַנג . . .

— אָט איז זי, „חנה, חנה!” — האָט ער גענומען שרייען צו אַ יידענע, וועלכע איז געלאָפֿן אָן אַן אָטעם.

מיר האָבן קוים באַוויזן אַריינצוגיין אין וואַגאָן, ווען דער פּאָרטער האָט פֿאַרמאַכט די טיר, אַ פֿייף געטון, און דער צוג האָט גענומען גיין.

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיצן פּונקט ווי־זי־ווי מיינע רייזע־קאָלעגן, און אַזוי אַרום האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו באַטראַכטן.

ער, אַ טיפּיטשנער גאַליציאַנער ייד, מיט אַ פֿיין אויסגעפֿילט בייכל, אַ

רונדיק פנים, מיט צוויי שווארצע כיטרע אויגן, וועלכע האבן זיך יעדעס מאל אבגעשטעלט אויף אן אנדערן פאסאזשיר, און אים באטראכט פון קאפ ביז די פיס; א רונדיק שווארץ בערדל, ערשט פריש צוגעשוירן (צוליב דער רייזע א פנים); צוויי ווייסע הענט, און אויסגעפילטע פינגער, ווי פוכאווע קישעלעך, וועלכע האבן זיך פון צייט צו צייט געשפילט מיט דער גאלדענער קייט, וואס איז ביי אים אראבגעהאנגען פון וועסטל קעשענע.

זי, א געזונטע יידענע, מיט א הויכן בוזים, וואס האט זיך שווער באר וואויגן ארויף און אראפ. זי האט געטראגן א שווארץ שייטל, פון אונטער וועלכן עס האבן ארויסגעקוקט עטלעכע רויטע האר, מיט א פאר גראבע רויטע ברעמען. אויף די פינגער האט זי געטראגן עטלעכע דיימאנד רינגען און אויף ביידע הענט צוויי גראבע גאלדענע בראנסלעטן. געזעסן איז זי גאנץ באקוועם, כאטש עס איז געווען ענג פאר אנדערע. זי האט געהאלטן פארמאכט די אויגן און געדרימעלט ווי נאך א שווערן מיטאג. ווען דער צוג האט זיך אויף דער ערשטער סטאנציע א טרייסל געטון און אבגעשטעלט, האט זי זיך אויפגעכאפט א דערשראקענע און א פרעג געטון:

— משה בער, וואו זענען מיר?

— ס'איז נאך ווייט, חנה, קענסט נאך שלאפן, — האט ער איר געענט־פערט, א קוק טוענדיק אויף מיר מיט א סארקאסטישן שמייכל, פונקט ווי ער וואלט געזאגט א גלייך־ווערטל.

זי האט דערלאנגט א פוילן גענעץ, צוריק פארמאכט די אויגן און ווידער איינגעשלאפן.

ערשט אויף דער שיף, האבן מיר זיך נענטער באקענט, ער האט מיך פאר איר פארגעשטעלט:

— חנה, דו קענסט די מאדאם?

— ניין, פון וואנען זאל איך זי קענען?

— דאס איז דאך די פרוי, וועמעס מעשות מיר לייענען אלע מאל אין פייפער.

זי האט מיר צוגעווארפן אן אייפערזיכטיקן בליק.

— אזוי? א טייערע מעצאצע צו זיין א שרייבערין, דאס פאסט פאר א מאנסביל, אבער נישט פאר א פרוי. זעט איר, מיין מאן איז מער צופרידן פון מיר אז איך קאך אים אפ א גוט שטיקל געפילטע פיש, ווי איך זאל אנשרייבן א מעשה וואס איז ניט געשטויגן און נישט געפלויגן, אזוי ווי איר טוט עס,— האט זי מיר געמאכט א קאמפלימענט.

— א יידענע בלייבט א יידענע, וואס דארפסטו רעדן נארישקייטן, חנה, פארסט דאך איצט נאך קארלסבאד, אין א גרויסער שטאט, וואו עס קומען אהין פארשידענע מענטשן פון דער גאנצער וועלט, מעגסטו שוין האבן אביסל שכל. ווי זאגט איר, האב איך רעכט צי ניין, — האט ער זיך גע'עצה'ט מיט מיר.

— געווים האָט איר רעכט, האָב איך אים צוגעגעבן, אַז מען פֿאָרט אין קאַרלסבאַד דאַרף מען זיין אַ מענטש.

אַט אַזוי האָבן זיי מיר געגודעט דעם גאַנצן וועג. אָבער דאָס איז אַלץ געווען גאָרנישט, אַנטקעגן דעם וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין פֿון זיי, אין קאַרלסבאַד גופֿא. באַלד ווי מיר זענען אַהין געקומען, אויפֿגעזוכט אַ האָטעל און עפּעס אָבגעגעסן, האָט זי זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, איך זאָל מיט איר אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר. מיר זענען אַרויס אין גאַס, זיך אַביסל אַרומגעקוקט, און אַריין צום ערשטן דאָקטאָר, וואָס איז אונז אַנטקעגן געקומען.

— ווער פֿון אייך איז דער פּאַציענט, — האָט ער געפֿרעגט, ווען מיר אַלע דריי זענען אַריין.

— אַט דיזע מאַדאַם, — האָב איך אָנגעוויזן אויף דער יידענע.

ער האָט אַ שמייכל געטון, זי צוגערופֿן צום טיש, געהייסן זיצן, און גענומען אויספֿרעגן: וואָס פֿעלט איהנען מאַדאַם?

— פֿעלן פֿעלט מיר גאָרנישט, הער דאָקטאָר, איך האָב אַ דאַנקען גאָט פֿון אַלעם גוטן, בלויז געזונט פֿעלט מיר.

דער דאָקטאָר האָט אויף איר אַ קוק געטון. איך האָב זיך פֿאַרשעמט.

— וויפֿיל קינדער האָבן זי? — האָט ער ווייטער געפֿרעגט.

— משה בער, זאָג דו דעם דאָקטאָר, וויפֿיל קינדער מיר האָבן, עך געדענק נישט.

— זעקס, — האָט משה בער, גלייך געענטפֿערט.

— יאָ, זעקס, האָט די יידענע איבערגע'חזרט, אַ חוץ דעם וואָס איז ביי מיר געשטאָרבן ניט פֿאַר קיין שום יידישער מאַמען געדאַכט. אוי דאָקטאָר לעבן, איז דאָס געווען אַ קינד, אַ גאָלד, אַ בריליאַנט, האָט זי זיך צוחליפּעט...

— זייט אַזוי גוט און גייט אין וואַרטע־צימער, איך וויל אייער פֿרוי אונטערזוכן — האָט ער געזאָגט צום מאַן.

ער איז אַרויס.

— ענטקליידן זי זיך, מאַדאַם, איך וויל אייער האַרץ עקזאַמינירן, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

זי האָט אָנגעהויבן פֿון זיך אַראָבצונעמען מלבוש נאָך מלבוש. דער דאָקטאָר האָט נערוועז געציילט, איינס, צוויי, דריי פֿיער, ביז ער איז אַרויס פֿון געדולד און אויסגעשריגן:

— מיין גאָט, האָבן זי דען די גאַנצע לאָנדאָנער קליידונג אויף זיך!

— לאַכט נישט פֿון מיר, הער דאָקטאָר, איך בין אַ שוואַכע פֿרוי, און האָב מורא, עך זאָל מעך נישט פֿאַרקילן, מוז עך גיין וואַרעם אָנגעטון.

— אָבער עס איזט דאָך יעצט זאָמער, נישט ווינטער, האָט ער איר געענטפֿערט, און זי באַטראַכט פֿון אויבן ביז אַראָב.

— יאָ, הער דאָקטאָר לעבן, דאָס קען זיין, דאָ ביי אייך איז וואַרעם, אָבער

ביי אונץ אין לאָנדאָן, איז זומער און ווינטער אין איין טאָג, דאָרט קען מען זיך אויפן וועטער נישט פאַרלאָזן.

ענדלעך האָט דער דאָקטאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט זי צו באַטראַכטן.

נאָך דער אונטערזוכונג, האָט ער ערקלערט, אַז אַלץ איז ביי איר אין בעסטן אָרדנונג, און זי דאַרף אפילו נישט קיין מעדיצין.

זי האָט אים באַצאָלט וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט. מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס, און איך האָב פריי אָבגעאָטעמט.

— ער איז אַזאַ דאָקטאָר, ווי עך בין אַ רביצין, — האָט חנה געזאָגט מיט כעס, און זיך אַזוי צובייזערט, אַז אַלע פאַרבייגייער האָבן זיך אָבגעשטעלט.— אַ קרענק פאַרשטייט ער, נישט קיין דאָקטאָריע . . . האָסט געהערט אַזאַ זאַך, עך בין טויט קראַנק, און ער וויל מיר איינרעדן אַז מיר איז גאָרנישט. אָבער איר מיינט, אַז עך וועל ביי עם נעמען זיין וואָרט, אַ קרענק וועל איך ביי אים נעמען, אויך מיר אַ דאָקטאָר, אַזאַ פאַרטאַטש, אַזעלכע ווי ער וואַלגערן זיך ביי אונץ אין לאָנדאָן אַרום אין די גאַסן, און צו דעם האָב איך באַדאַרפט קומען אַהער אַזש נאָך קאַרלסבאַד? ניין משה בער, עך וועל אַזוי לאַנג גיין צו דאָקטוירים ביז עך וועל געפינען דעם וואָס עך דאַרף . . .

דערווייליע איז צוגעפאַלן די נאַכט. מיר האָבן ווידער עפּעס אָבגעגעסן און אַוועק שלאָפן.

איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט רוען, מיינע נערוון זענען געווען שרעקלעך אָנגעשטרענגט.

אויף צו מאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען מיט אַ שטאַרקן קאָפּ ווייטאָק און נישט געקענט אַרויס פון בעט. ערשט מיטאָג צייט בין איך אַראָב אין גאַס, און באַשלאָסן זיך צו דערווייטערן פון מיינע פריינט. אָבער מיר האָבן זיך ווידער צופעליק באַגעגענט.

די יידענע איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן מיט אַ פרייד, פונקט ווי עס וואָלט איר אַ גליק געטראָפן.

— איר ווייסט, — האָט זי מיר אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה — עך האָב דאָך געפונען אַ טייערן דאָקטאָר.

— אַזוי, מיט וויפיל טייערער פון יענעם? — האָב איך געפרעגט און קאָמיש געשמייכלט.

— לאַכט נישט פון מיר, איך מיין עס ערנסט. ער האָט טאַקע גענומען אַ סך מער געלט פון יענעם. אָבער עס האָט זיך געלוינט, — האָט זי געזאָגט אַ צופרידענע. — ער האָט טאַקע געפינען אַ קרענק ביי מיר. ער זאָגט, אַז איך לייד פון „פעטערייטעס", דאָס הייסט, פון שיטערע געהירן . . . ער זאָגט אַז אויב איך וועל ביי אים נעמען 20 איינשפריצונגען און יעדער איינשפריצונג מוז קאָסטן צוויי פונט, דאַן וועל איך פאָלקאָם געזונט ווערן; ער וועט אויך זען אַז איך זאָל פאַרלירן שיינע עטלעכע פונט . . . די קראַנקהייט וואָס ער האָט ביי מיר געפונען איז ווערט דאָס גאַנצע געלט, וואָס מיך האָט געקאָסט

מיין אַהער קומען, איז ווי זאָגט איר, זאָל איך טאַקע נעמען די איינשפּרי־צונגען ?

— זיכער, אַלע צוואַנציק זאָלט איר נעמען, דאָס וועט אייך זיכער קורירן, — האָב איך געזאָגט, כדי זיך פון איר וואָס שנעלער צו באַפרייען,—אָבער איך קען מיט אייך דאָ לענגער נישט בלייבן, ווייל איך מוז פאָרן אין אַ צווייטער שטאָט, זען אַ דאָקטאָר, וועגן מיינע נערוון.

— אַ שאָד, וואָס איר קענט מיט אונז נישט פאַרבלייבן, איך האָב גע־רעכנט אַז איר וועט מיין ווייב צופירן יעדן טאָג צום דאָקטאָר, — האָט דער ייד געזאָגט, מיט אַ נאַרישן שמייכל . . .

— ניין, איך קען נישט, עס טוט מיר לייד.

— נו אויב איר קענט נישט, גייט געזונטערהייט, איך וועל שוין מוזן אויסקומען אָן אייך.

איך האָב זיך מיט איר שנעל געזעגענט, איר צוגעוואונטשן אַ רפואה שלימה אויף אירע „פעטערייטעס״, אים אָנגעזאָגט ער זאָל אויף איר גוט אויפ־פּאַסן, און בליץ שנעל אַוועק פון זיי.

אָט דער צוטשעפּעניש האָט מיך געטראָפן פאַרנדיק נאָך קאַרלסבאַד צו קורירן מיינע נערוון ....

דאַנק אויסדרוק

איך דריק אויס מיין האַרציקסטן דאַנק און אַנערקענונג, צו מיין חשוב'ן קאָמיטעט, מיט הערי מייער, רעדאַקטאָר פֿון די „צייט", בראש, און די חברים ל. בעלקין, מ. מינדעל, משה עובד, ש. ווהייט, י. ביטש, וו. פּאַדאָלסקי, מ. קאַץ, י. פֿישער; די שוישפּילער מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּעל; די בראַנטשעס, פֿרויען־סעקציע און פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט ביים אַרבעטער־רינג, די „צייט", דעם זשורנאַליסטן־פֿאַריין, און מיינע צאָלרייכע פֿריינט, וועלכע האָבן גורם געווען אַז מיין בוך זאָל דערשיינען.

קיטי בראַון

לאָנדאָן, אויגוסט, 1947.

Printed by Superior Printers, Ltd. (T.U.), 11-13, New Road, E.1

אינהאלט:

	זייט
אַ וואָרט אויף צו פריער	3
אַז עס איז נישטאָ קיין מזל	7
קבצן וואו קריכסטו	11
דער נודניק פון ווייטשעפל	15
ביי אונז אין רעדאַקציע	18
אַלץ צוליב אַ בייסיקל	22
אין שדכנים ביוראָ	26
מיר איז גוט ווי די וועלט	30
ס'איז כדאי אַמאָל צו קרענקן	34
גאַסטפריינטשאַפט	38
אַ דאָקטאָר וואָס פאַרשטייט אַ קרענק	41
אַנ'אָפענער בריוו צו אַ חבר	45
אַ גליקלעכער צופאַל	48
צופיל יידיש	51
ערפאַרונג פון אַנ'אַלטן בחור	55
אַקטיאָרן און שרייבער	59
אין לעבן טרעפט זיך אַלץ	63
אינספיראַציע צום שרייבן	67
איך דאַרף אַ נאָמען	71
אַ רעכט צו שטימען	75
די אלמנה און דער מלמד	79
אַ נייע פיעסע אין ווייטשעפל	83

זייט

ביים ווייב אויף קבר אבות 87
איך האַלט אַ פּאַרטראַג 91
דער בר־מצוה בחור 95
פרנסה געבערס 99
סערקע, די סאָציאַליסטקע 103
פּאַרנדיק נאָך ברייטאָן 107
דערפֿאַר איז מען ביזי 111
ביי אונז אין ווײַ...טשעפּלטאָון 115
די נקמה פֿון אַ קינד 118
חתונה געמאַכט אַ טאָכטער 122
אונזער נייער פּראָבלעם 126
איך, זי און ער 130
אין דער פֿרעמד 134
מיינע גליקן 139

יום־טוב׳דיקס:

אַ מזל׳דיקער יום־טוב 147
בענק האָלידעי 150
דער צוּשטערטער סדר 153
פּסח זכרונות פֿון אַן׳אַלטן יידן 158
שוין איינמאָל אַ סדר 161
באַנקראָט (איין אַקטער) 165
אַ צומשעפעניש 185